STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07068

MAYN LEBNS-VEG

Rachel Kirsch Holtman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיין לעבנס־וועג



רחל האָלטמאַן

מיין לעבנס-וועג

פון

רחל קירש-האַלטמאַן

אַרויסגעגעבן פון
ר ח ל ה אַ ל ט מ אַ ן ב ו ך - ק אָ מ י ט ע ט
ניו-יאָרק • 1948

MEIN LEBNS-WEG

(MY LIFE)

Copyright 1948

by

Rachel Holtman

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA

209

מיינע ליבע טעכטער
חעלען און עלים
איז דאָס בוך געווידמעט

איך בין זייער דאַנקבאַר דער דיכטערין און שריפטשטעלערין שרה קינדמאַן־מעסטל פאַר דער אינספּיראַציע, אויך דעם שריפטשטעלער און שוישפּילער יעקב מעסטל פאַר אָנווייזונ־גען און עצות, וועלכע האָבן מיר געגעבן מוט דאָס בוך אַרויסצוגעבן.

איך דאַנק האַרציק די פריינט פון דעם בוך־קאָמיטעט פאַר זייער אומדערמידלעכער אַרבעט. אַ באַזונדערן יישר כוח די חברים שעווקאָוויטש, ווין, זוקאָוו, גרין, האָראָוויץ, גורא, מרס. ראָזענטאַל, חוה ראָטמאַן, רעי פּאָוסט, וו. וויס, טעסי שענקער, יעטאַ אַלטמאַן און אַלע פריינט פון בוך־קאָמיטעט פאַר זייער הילף אין דעם גאַנצן פּראָיעקט.

רחל האַלטמאַן

אינהאַלט

זייט

פאָרוואָרט — שרה קינדמאַן 9

קינדער־יאָרן

מיין שטעטל 13
מיין מוטער 17
מיין פאָטער 19
מיינע ברידער 20
מיין באָבע 23
מיינע חברטעס 24
מיינע ערשטע שול־יאָרן 26
מיין ליבע צו מוזיק 27
אונדזער הויז ברענט אָפּ 28
מיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט 29
דער לערער פון שטעטל 31
וואָס האָט פאָרמירט מיין געדאַנקען־גאַנג? 34

אַרויס פון שטעטל

איך פאָר קיין ווילנע זיך לערנען 39
בעניאַמטשיק דער סטאָליער און סאָול דער סטודענט 42
די רעוואָלוציע פון 1905 44
די שטאָט וואַרשע 46
איך הייב ווידער אָן לערנען 47
אין בערלין 49
מען שיקט מיך אַרויס פון בערלין 52
איך האָב חתונה מיט מיין לערער משה האַלטמאַן 53

אין אַמעריקע

איך פאָר קיין אַמעריקע 57
איך פאָר קיין ניו־יאָרק 60
איך טרעט אַריין אין פיטסבורגער אוניווערסיטעט 62
די אַמעריקאַנער אַרבעטער דערוואַכן 64
מיר הייבן אָן אַרויסגעבן דעם „קאַמף" 66
סאַקאָ און וואַנזעטי 68
איך זעץ פאָר מיין שרייבן 71

זייט

איך מאך אן ענדערונג אין מיין פאמיליע־לעבן 73

אין סאוועטן־פארבאנד

איך פאר קיין מאסקווע 79
איך בייט מיין ארבעט 83
מיינע באאבאכטונגען אין דער סאוועטישער שול 87
איך באקען זיך מער מיט נאדעזשדא קאנסטאנטינאוונא קרופסקאיא 92
איך באקען זיך מיט דער סאוועטישער יוגנט 95
די סאוועטישע פרוי 98

אין דרום־אפריקע

אין לאנדאן — אויפן וועג צו מיינע ברידער 103
איך באזוך דעם אינדזל מאדעירא 107
איך קום אן אין קעיפטאון 110
איך זע זיך מיט מיין ברודער שמואל 113
איך באזוך יאהאנעסבורג 115
איך באזוך א ישוב פון די קאפירס 119

איבער אייראפע

אין פאריז 125
איך באזוך דעם לואווער 128
אין דער שווייץ 130
איך פאר קיין עסטרייך 132
דער באיקאט אויף די נאציס 135
די נאציס און דאס דייטשע פאלק 138
אין דענמארק 140
איך קום אין שוועדן 142

צוריק אין אמעריקע

צוריק אין אמעריקע 147
איך באזוך קאליפארניע 148
האליוואוד 150
איך געזעגן זיך מיט לאס־אנדזשעלעס 152
איך באזוך סאן־פראנציסקא 153
איך זע דעם באלדער־דאם 156
נאכווארט 158

פאָרוואָרט

אויטאָביאָגראַפיעס זיינען שוין מער ניט קיין נייעס אין דער יידישער ליטעראַטור. ניט בלויז פּראָפעסיאָנעלע שריפטשטעלער, נאָר אויך יידישע שוישפילער און מוזיקער האָבן געשריבן ביאָגראַפיעס און אויף דעם אופן באַקענט דעם לייענער מיט זייער לעבן און ווירקונג.

אָבער זעלטן ווען געלינגט אָט די אויטאָביאָגראַפן אָביעקטיוו צו שילדערן זייער לעבן און סביבה. מייסטנס דערציילן זיי דראָבנע דעטאַלן, וואָס זיינען — פאַרשטייט זיך — דעם מחבר זייער נאָענט און טייער, אָבער ווי אַ כאַראַקטעריסטיק פאַר זייער סביבה האָבן זיי אָפט אַ קליינעם ווערט.

דעריבער איז אַזוי צו באַגריסן דאָס בוך „מיין לעבנס־וועג״ פון רחל האָלטמאַן. ס׳איז אַ ביאָגראַפיע פון אַ פרוי אַ לערערין, אַ קעמפערין און אַ שריפטשטעלערין — אין וועלכער עס ווערט דערציילט ניט סתם וועגן איר פּריוואַטן לעבן, נאָר אויך וועגן דער סביבה און וועגן די געזעלשאַפטלעכע אומשטענדן, אונטער וועלכע איר איז אויסגעקומען צו ווירקן. דערביי דערציילט זי דאָס מיט אַ זעלטענער אָביעקטיווקייט און תמימות, וואָס פּאַסט פאַר אַ געזעלשאַפטלעכער טוערין. אַזוי־אַרום באַקומט דאָס בוך אויך אַ סאָציאַלן באַטייט. עס איז דער גאַנג פון אַ קליינשטעטלדיק מיידל איבער אַלע קאָנווענציאָנעלע, געזעלשאַפטלעכע, ווי פּאָליטישע שוועריקייטן, ביז איר רייף־ווערן אין דער גרויסער שטאָט, אין אַ סביבה פון פּראָגרעסיוון עלעמענט, דערוואַכט צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

נישטאָ מער דאָס שטעטל פון דער אָרעמער ליטע מיט זיינע בעלי־חלומות און עקשנים — צום לערנען און פּראָגרעסיוון קאַמף — וואו רחל האָט איר קינדהייט פאַרבראַכט. נישטאָ מער יענער גאַנצער

רחל האַלטמאַן (אין 1905)

מיין שטעטל

מיין שטעטל פלונגיאַן ליגט צפון־מזרח אויפן שליאַך 30 מייל פון מעמעל און פון באַלטישן ים און 40 מייל פון מאַזשייק (מור־ראַוויאַוואַ).

אין מיינע יאָרן איז נאָך קיין באַן צו יענער געגנט ניט דער־גאַנגען. איצט איז שוין דאָ אַ באַן ביזן שטעטל פלונגיאַן. אויפן מאַרק־פּלאַץ, לעבן אונדזער הויז, פלעגן זיך אָפּשטעלן די פורן, וואָס זיינען געפאָרן הין און צוריק פון מאַזשייק. די באַלעגאָלעס פלעגן דאָ צו־בייסן, פאַשען די פערד, זיך אַליין אָפּרוען. דאָס פלעגט אַריינברענגען אַביסל פּרנסה, אָבער עס פלעגט אויך ברענגען מיט זיך פיל שמוץ און בלאָטע. דערהויפּט איז עס געווען אַן אָפּקומעניש אין האַרבסט און ווינטער, ווען עס פלעגן זיך אָנהויבן די רעגנס, בלאָטעס און שנייען.

אונדזער שטעטל איז געווען גרעסער ווי פיל אַנדערע דער־בייאיקע שטעטלעך, ווי צום ביישפּיל: ריטעווע, סאַלאַנט און קול. אַלע פינף גאַסן זיינען געווען ברוקירט מיט גרויסע שטיינער און מען פלעגט די גאַסן אָפּט קערן און ראַמען, נאָר לאַנג ריין האָבן זיי זיך ניט געקאָנט האַלטן, ווייל דאָס שטעטל איז געבענטשט געווען מיט צוויי מערק אַ וואָך.

איין גאַס איז אַפילו געווען פאַרפלאַנצט מיט ביימער און האָט געהאַט אַלייען, וואו צו שפּאַצירן. ביי דעם ענד פון די אַלייען איז געשטאַנען אַ גרויסע סטאַטוע, וועלכע האָט זיך גערופן „פלוריאַן" און צו וועלכער די אָרומיקע פויערים פלעגן קומען זיך בוקן. די גאַס איז געווען די שענסטע אין שטעטל. דאָ האָט געוואוינט דער פאַרמעג־לעכער עלעמענט, מייסטנס יידן. אויף דער גאַס איז געשטאַנען די אַלטע

קאַטוילישע קירך. דאָ האָבן געוואוינט די גלחים. זי האָט טאַקע געהייסן „קוניגיסקע גאַס״, וואָס מיינט אויף ליטוויש די גלחישע גאַס.

אין סאַמע מיטן פון שטעטל זיינען געשטאַנען צוויי רייען גע־מויערטע קראָמען. אין אַ מאַרק־טאָג פלעגן די קראָמען זיין געפּאַקט מיט פּויערים, וואָס זיינען געקומען איינקויפן סחורה. אין מיטן וואָך זיינען די קראָמען געווען פּוסט. ווען עס האָט שוין יאָ אַמאָל פאַר־בלאָנדזשעט אַ פּויער, האָט מען זיך גענומען רייסן איבער אים. יעדער איינער האָט געזוכט די פּאָר קאָפּיקעס לייזונג.

לויט דעם ברעך, מיט וועלכן די קרעמערקעס האָבן זיך געריסן איבער דעם קונה, האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז זיי וועלן שוין בלייבן אייביקע שונאים צווישן זיך. דאָס איז אָבער ניט געווען דער פאַל. קוים האָט מען מיט דעם פּויער אָפּגעהאַנדלט, האָבן די קרעמערקעס ווידער גענומען רעדן צווישן זיך, ווי עס וואָלט גאָרניט געווען פאָרגעקומען.

די גאַנצע וואָך איז אויף די גאַסן געווען לעבעדיק. מ׳פלעגט גיין, קומען, פאָרן. יידן ליידיקגייער פלעגן שטיין אין רעדלעך און זיך אַמפּערן איבער פּאָליטיק—דייטשלאַנד, רוסלאַנד, אַמעריקע, אַפריקע, שמועסן וועגן פאַרשיידענע געשעענישן, און אַמאָל אויך וועגן כלות, חתנים און חתונות.

אָבער אַט איז געקומען דער הייליקער שבת, און דאָס שטעטל איז געוואָרן ווי אויסגעשטאָרבן. מ׳האָט ניט געזען קיין לעבעדיקן מענטשן אויף דער גאַס. יעדער איינער איז געזעסן ביי זיך אין דער היים, אָדער שפּאַצירט הינטערן שטאָט, וואו עס זיינען געווען געדיכטע וועלדער און גרינע פעלדער. דאָרטן פלעגן זיך צוזאַמענקומען פאַר־שיידענע קרייזלעך און רעדן, זינגען און אַפילו כאַפּן אַ טענצל. די שוסטער און שניידער האָבן זיך געהאַט זייער גלייכן, די באַלעבאַטישע מיידלעך און בחורים — זייערס.

דערפאַר אָבער, אַז עס איז געקומען זומער און מען איז געגאַנגען

צום טייך זיך באָדן, האָבן אַלע זיך אויסגעמישט, אָרעם און רייך, יונג און אַלט. פּרייטיק פאַרנאַכט איז דער טייך געווען פול מיט מענטשן. יעדער האָט ליב געהאַט כאַפּן אַ שווים און זיך אָפּטובלען לכבוד שבת.

די שטעטלשע יידן האָבן געלעבט בשלום, אין אחדות איינער מיטן צווייטן. ווען ביי איינעם האָט פּאַסירט עפּעס אַן אומגליק, האָט דאָס גאַנצע שטעטל געטראָגן דעם צער. ווען איינער איז קראַנק געוואָרן, פלעגט מען ביי דעם חולה דורכזיצן גאַנצע נעכט. אין שטעטל זיינען געווען פאַרשיידענע חברות, ווי מלביש־ערומים, וואָס פלעגט באַזאָרגן די נויט־באַדערפטיקע מיט קליידער, מיט שיך. עס איז אַפילו געווען אַ חברה, וואָס פלעגט קאָכן היגער־זופּ פאַר קראַנקע און זיך אָפּגעבן בלויז מיט קרעפּטיקן זיי. די חברה לינת־הצדק האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אויפפּאַסן אויף די קראַנקע ביינאַכט, כדי צו געבן אַ געלעגנהייט די שטוביקע זיך אָפּצורוען.

פּסח־צייט האָט מען די שטאָט־אָרעמעלייט פאַרזאָרגט מיט מצות און אַנדערע זאַכן אויף יום־טוב. אָבער ניט נאָר אין צרות איז מען געווען ווי איינער, נאָר אויף שמחות, ווי אַ חתונה אָדער אַ ברית, האָבן זיך אַלע אין שטעטל געפילט ווי מחותנים. אַלע האָבן זיך געפרייט מיטן יום־טוב.

דאָס שטעטל האָט געהאַט אַ פּריצישן הויף, וואָס האָט געהערט צום פּוילישן פירשט אַנינסקי. מיט זיינע פּרוכטבאַרע גערטנער, מיט זיין וואונדער־שיינעם פּאַרק און דעם טייך אינמיטן, האָט דער הויף פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ זעלטן־שיין בילד.

אין הויף האָט מען די יידן פון שטעטל ניט אַריינגעלאָזט. דאָרטן זיינען געווען ספּעציעלע פּאָליציילייט, וואָס פלעגן אויפפּאַסן, אַז קיין ייד זאָל חלילה ניט פאַרבלאָנדזשען אַהין.

דעם פירשט אַנינסקי גופא, צו וועמען דאָס שטעטל האָט געהערט און געצאָלט צינזן, פלעגט מען זען נאָר דאַן, ווען ער פלעגט דורכפאָרן

דאָס שטעטל אויפֿן וועג קיין ריטעווע, אַ דערביאיק שטעטל, וואו עס האָט געוואוינט זיין ברודער. אַלע יידן — יונג און אַלט — פֿלעגן אַראָפּ־נעמען די היטלען און זיך טיף פֿאַרנייגן, ווי נאָר עס פֿלעגט זיך באַוויזן זיין קאַרעטע מיט די פֿיר „שימלען״.

דער פֿירשט האָט ניט געוואוינט אין זיין הויף דורכן גאַנצן יאָר. ער פֿלעגט קומען אַהין בלויז אין האַרבסט, אויף יאַגד. מיט אים זיינען אויך געקומען אַנדערע פּריצים פֿון שכנישע הויפֿן און שטעטלעך, און עס פֿלעגן זיך אָנהויבן הוליאַנקעס און בעלער. בייטאָג האָט מען זיך געיאָגט נאָך חיות אין וואַלד און ביינאַכט פֿלעגט מען טאַנצן. אַט אַזוי האָבן זיי פֿאַרבראַכט די צייט.

ווען איך בין געווען אין ליטע אין 1928 האָב איך אויך אָפּגעשטאַט אַ וויזיט אין אַנינסקיס הויף. ווען ליטע איז געוואָרן אַ זעלבסט־שטענדיקע מלוכה, האָט מען צוגענומען דעם הויף פֿון אַנינסקין און דאָרטן אַריינגעזעצט קאַטוילישע גלחים. די פֿיינע בילדער, וואָס זיינען דאָרטן געהאָנגען אויף די ווענט, האָט מען אַראָפּגענומען צוזאַמען מיט די פּאַרקעט־דילן. אַזוי האָט מען זיך אָפּגערעכנט מיטן פּוילישן פּאַן.

צו יענער צייט איז ביי אונדז אין שטעטל געווען אין דער מאָדע ציוניזם. כמעט יעדער באַלעבאָס האָט געצאָלט אַ שקל אָדער געקויפֿט אַן אַקציע פֿון נאַציאָנאַל־פֿאָנד. אַנדערע באַוועגונגען האָט מען מורא געהאַט צו דערמאָנען, צו ברענגען אַפֿילו פֿאַרן מויל. עס האָט פּאַסירט, אַז מען האָט אין ריגע אַרעסטירט צוויי יונגעלייט פֿון אונדזער שטעטל. איינער, אַ ישיבה־בחור, איז געווען אַן עסעסאָוועץ; דער צווייטער, אַן אַפּטייקער — אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. מען האָט ביי זיי אין הויז געפֿונען אומלעגאַלע ליטעראַטור, האָט מען זיי אַרעסטירט און געבראַכט אין פּלונגיאַן, אין טורמע. די שרעק אויף דער באַפֿעלקערונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט מורא געהאַט וויזן זיך פֿאַר אַ גאָראָדאָוואָי. די פּאָליציי האָט די אַרעסטירטע געהאַלטן פֿאַר „ציציליסטן״, וואָס דאָס האָט געמיינט — די גרעסטע פֿאַרברעכער. מען האָט וועגן זיי גערעדט

אין דער שטיל, דערציילט ניט־געשטויגענע מעשיות וועגן זיי. אַ קורצע צייט זיינען זיי געזעסן און מען האָט זיי נאָכדעם באַפרייט, אָבער די שרעק איז נאָך אַלץ פאַרבליבן.

אין אַט דעם שטעטל בין איך געבוירן געוואָרן דעם 4טן אָקטאָבער, 1882. מיין פאָטער, הירש קירש, האָט צוערשט געאַרבעט ביי יענעם אין אַ חזיר־האָר־פאַבריקל. דאָרטן האָט ער געקראָגן טובערקולאָז, און מיין מוטער, אייגע, האָט געמוזט נעמען דעם עול פון באַזאָרגן די פאַמיליע מיט חיונה, די זעקס קינדער מיטן קראַנקן פאָטער. מיינע עלטערן האָבן געעפנט אַ בעקעריי און מיין מוטער האָט געאַרבעט ביי־טאָג און ביינאַכט.

מיין מוטער

דער איינציקער טאָג וואָן מען האָט אין הויז גערוט, איז געווען שבת. עס איז געווען איך פאַר אונדז קינדער אַ גוטער טאָג. ווינטער־צייט פלעגן מיר זיך פאַרקלייבן אויפן אויוון און זיך שפּילן, שפּילן אָן אַן ענד. אויפן אויוון איז געווען וואַרעם. דאָרטן פלעגט מען אונדז געבן אַ נאַשעריי. שבת פלעגן צוקומען נאָך שכנישע מיידלעך, ווייל דער אויוון איז געווען אַ גרויסער און האָט געקאָנט אַרויפנעמען אַ סך קינדער. די ייִנגלעך מיטן פאָטער פלעגן אַוועק אין שול. אין הויז האָט געהערשט אַ שבתדיקע רו. די מאַמע, אָנגעטאָן אין שבתדיקע קליידער, האָט אויסגעזען גאָר אַן אַנדערע. דאָס איז געווען דער איינציקער טאָג, ווען מיין מאַמע פלעגט צייט האָבן זיך אַרומצוקוקן אויף אונדז, קינדער. אַ גאַנצע וואָך זיינען מיר זיך „גלאַט אַזוי געוואַקסן". בלויז שבת פלעגט די מאַמע זען וואָס מ׳וועט דאַרפן אין מיטן וואָך פאַרריכטן, פאַרשטאָפּן, אויסוואַשן. הגם מיין מאַמע איז געווען זייער אַ געטרייע און איבער־געבענע, האָט איר אָבער קיין צייט ניט געסטאַיעט פאַר אונדז קינדער.

מיין מוטער האָט ניט געקענט ניט לייענען, ניט שרייבן, אפילו דאַוונען האָט זי אויך ניט געקענט. דערפאַר האָט זי אָבער געקענט אויסגעצייכנט רעכענען „אויפן קאָפּ״. שכנישע פרויען פלעגן אָפט קומען צו איר נאָך אַ גמילת־חסד, אָדער אַזוי נעמען אויף באָרג געבעקס אָדער מעל. מיין מוטער האָט ביז אַ קאָפּיקע געדענקט וויפיל יעדער איינער איז איר געווען שולדיק; זעלטן האָט זי פאַרגעסן עפּעס, אָדער געמאַכט אַ טעות.

זי איז געווען זייער אַ שטרענגע צו די קינדער. ווען מיר האָבן געטאָן אַן אַרבעט, פלעגט מיין מוטער אונדז זאָגן, מיר זאָלן עס טאָן גוט, ווייל מ׳וועט ניט פרעגן ווי לאַנג עס האָט געדויערט דאָס צו טאָן, נאָר ווי גוט עס איז געטאָן געוואָרן. אָבער ווען איינס פון אונדז איז קראַנק געוואָרן, האָט זי שוין ניט אָפּגעטראָטן פון בעטל. זי פלעגט דורכזיצן גאַנצע נעכט ביים קראַנקן קינד, וויסנדיק, אַז מאָרגן מוז זי זיין דעם גאַנצן טאָג אויף אירע פיס.

מיין מוטער איז ניט געווען קיין שיינע, אָבער זי האָט געהאַט אַ באַחנטן פנים. זי איז געווען גוט געבויט, אַ קרעפּטיקע, עטוואָס נידעריקער פון מיטעלן וואוקס, מיט שוואַרצע אויגן און דיקע, שוואַרצע ברעמען, וואָס האָבן איר פנים צוגעגעבן אַ געוויסע ענערגישקייט. איך געדענק זי ניט אַנדערש, ווי מיט קורץ־געשניטענע האָר און גרוי, מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ.

מיין מוטער איז געווען אַ גרויסע בעריע און אַן אַרבעטזאַמע. זי איז געווען די לעצטע צו לייגן זיך שלאָפן און די ערשטע אויפצושטיין. זי האָט געשמט אין דער געגנט ווי אַן אויסגעצייכנטע אַרבעטערין און אַ קלוגע.

איך האָב קיינמאָל ניט געהערט אַז מיין מוטער זאָל אַרויסזאָגן אַ הויך וואָרט צו מיין פאָטער. אַ זעלטן־שיינע באַציאונג איז געווען צווישן זיי. ביי מיין מוטער איז געווען אַ גרויסע פרייד צו הערן מיין פאָטער לערנען אַ בלאַט גמרא אין אַ דערבייאיקן צימער, אָדער הערן אין דער

ווייבערשער שול ווי ער דאַוונט, אונטן אין דער מענערשער שול, פאַרן עמוד. ווען ער פלעגט שבת אָדער יום־טוב ברענגען אַן אורח צום טיש און רעדן מיט אים תורה, האָט מיין מוטער פון דעם הנאה געהאַט און איז געווען שטאָלץ דערמיט.

מיין פאָטער

מיין פאָטער איז געווען אַ ייד אַ למדן, דערצו נאָך האָט ער געקענט אַביסל רוסיש; דייטש האָט ער געקענט אַ סך מער. דייטש איז אין יענע יאָרן ניט באַטראַכט געוואָרן פאַר אַזאַ טריף־פּסול, ווי רוסיש. דעריבער האָט זיך די דעמאָלטיקע יוגנט אין ליטע געלערנט דייטש.

מיין פאָטער האָט צוליב זיין קראַנקהייט געהאַט אַ בלייכן פּנים. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז ער געגאַנגען אַביסל געבויגן. אין אַלגעמיין האָט ער געהאַט אַן איידעלן אויסזען, געווען העכער פון מיטעלן וואוקס, מיט קלאָרע בלויע אויגן און האָט געהאַט אַן אָנגענעמע שטים. ווען ער האָט געטאָן אַן אַרבעט, ביי וועלכער עס האָט זיך געפאָדערט פיזישע אָנשטרענגונג, ווי אַרויסנעמען ברויט פון אויוון אָדער אַריינלייגן האָלץ אין אויוון, פלעגט ער אָנשטאָט קרעכצן — אונטערזינגען, הגם דאָס געזאַנג האָט געקלונגען ווי אַ גרויסער קרעכץ. ער האָט עס געטאָן, ווייל ער האָט פיינט געהאַט, אַז די אַרומיקע מענטשן זאָלן אים באַדויערן, אויף אים רחמנות האָבן.

ער איז געווען זייער אַ גוטער, אַן איידעלער, און האָט קיינמאָל קיין שלעכט וואָרט קיין מענטשן ניט געזאָגט. ער האָט מיך שטאַרק ליב געהאַט און פלעגט מיך מיטנעמען אויף זיינע שפּאַצירגאַנגען, מיר דערציילן וועגן זאַכן וואָס ער פלעגט לייענען. ער איז אויך געווען מיין ערשטער לערער אין דייטש.

די שטעטלשע יידן האָבן פון מיין פאָטער שטאַרק געהאַלטן. ווען

עס איז געקומען אַ יום־טוב, ווי למשל, ראש־השנה, פלעגט מען אים אַריינשיקן צוקער, טיי און ווייַן, פאַרן דאַוונען פאַרן עמוד. די צוויי וואָכן פאַר יום־טוב פלעגן דער פאָטער מיט די ברידער דורכזינגען אַלע תפילות. אָפט האָב איך אויך אַרויסגעהאָלפן. איך האָב זייער ליב געהאַט מיטצוזינגען כל־נדרי און אַנדערע געזאַנגען. מיין פאָטער האָט קיינמאָל קיין געצאָלט ניט גענומען פאַר זיין בעל־תפילה אין די יום־טובים. דאָס האָט ער באַטראַכט פאַר זיין חוב צו זיין שטעטל, צו זיין דער פאַרבעטער אין די גאָסטפּאַרכטיקע טעג.

מיין פאָטער איז ניט געווען איבערטריבן־פרום, דאָך פלעגט ער דאַוונען דריי מאָל אַ טאָג און זען אַז מיינע ברידער זאָלן דאָס אויך טאָן. וועגן דעם מיידל האָט זיך קיינער ניט געקימערט.

מיינע ברידער

מיינע ברידער האָבן זיך געלערנט אין חדר יידישע לימודים. לייענען, שרייבן און רעכענען האָבן זיי זיך געלערנט ביי אַ לערער. מיין זעלבסטשטענדיקייט איז געגאַנגען אַזוי וויַיט, אַז איך בין אַוועק צום לערער, וואו מיינע ברידער האָבן זיך געלערנט, און אים געבעטן, ער זאָל מיך אויך לערנען שרייבן יידיש. איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַרום אַכט יאָר. דאָס האָב איך אַליין באַשלאָסן, אַז עס איז שוין צייט זיך צו נעמען צום שרייבן, אַזוי ווי מיינע עלטערע ברידער האָבן דאָס געטאָן. דער לערער האָט זיך טאַקע גענומען צו דער מלאכה. שרייבן האָט זיך מיר איינגעגעבן זייער לייכט. ווען איך בין געקומען אַהיים מיט אַ טאַוול, באַשריבן מיטן אלף־בית, האָבן זיך ביי מיין מאַמען גע־שטעלט טרערן אין די אויגן פון גרויס פרייד. זי האָט מיך אַרומגעכאַפּט, צוגעדריקט צו זיך, אַ קוש געטאָן און זיך צעוויינט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך געדענק, וואָס מיין מאַמע זאָל מיך האָבן

געקושט. זי האָט געהאַלטן, אַז ניט־קושן איז אַ סגולה צו לאַנגע יאָר.

מיר זיינען געווען זעקס קינדער אין דער פאַמיליע: פינף זין און איין טאָכטער. מיין עלטסטער ברודער מרדכי איז פרי זעלבסטשטענדיק געוואָרן. צוערשט האָט ער געאַרבעט צוזאַמען מיט מיין פאָטער ביי איין באַלעבאָס, אָבער ווען מיין פאָטער האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין שטעלע צוליב זיין קראַנקהייט, האָט ער מיטגענומען מיין עלטערן ברודער. מיינע עלטערן האָבן באַשלאָסן צו מאַכן פון אים אַ סוחר. ער האָט טאַקע באַלד אָנגעהויבן האַנדלען מיט מעל און גריץ.

דער עלטערער ברודער איז געווען געראָטן אין מיין פאָטער. אַ שטילער מענטש, שטענדיק אַ פאַרזאָרגטער, האָט אַלעמאָל אויסגעזען עלטער ווי ער איז געווען.

ער האָט חתונה געהאַט און געהאַט אַ פאַמיליע פון פינף קינדער. ער האָט אָבער ניט דערלעבט צו זען קיין נחת פון זיי. ער איז יונג געשטאָרבן.

אין דער מאַזשייקער מיל, וואו מיין ברודער האָט געהאַט זיין גאַנץ פאַרמעגן, זיין תבואה, איז אַלץ אָראָפּגעשווענקט געוואָרן פון אַ פאַר־פלייצונג. ער האָט פאַרלאָרן אַלץ און האָט זיך דערפון אַזוי גענומען צום האַרצן, אַז ער האָט ניט אויסגעהאַלטן און געקראָגן אַ האַרצשלאַג. ער האָט איבערגעלאָזן די פרוי מיט די קינדער אָן וועלכע ניט איז מיטלען צום לעבן.

צו יענער צייט זיינען שוין מיינע אַנדערע ברידער געווען אין דרום־אַפריקע, וואו זיי האָבן געפירט גאַנץ־באַדייטנדיקע געשעפטן. זיי האָבן מרדכיס פאַמיליע געשטיצט, און אַזוי ווי די קינדער זיינען געווען פּיאַיק, האָבן זיי זיך צו עפּעס דערשלאָגן; צוויי האָבן אויסשטודירט אויף דאָקטאָר, איינער אויף אַדוואָקאַט, און איינער אויף לערער.

מיין צווייטער ברודער, יוסף, איז געווען אַ בחור אַ ברען, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ געקרייזלטע האָר, מיט שוואַרצע אויגן, טעמפּעראַמענטפול און מיט אַ גוטער שטים צום זינגען. ער האָט געהאַט גרויס דערפאַלג

ביי מיידלעך. באַלד נאָכן פריזיוו איז ער אַוועק קיין אַפריקע, וואו ער האָט געערכנט אַריבערצונעמען זיין מיידל. דאָ האָט זיך אָבער אונטער־געדרוקט די ערשטע וועלט־מלחמה. דאָס מיידל האָט ניט געוואָלט וואַרטן און האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן. מיין ברודער איז פאַרבליבן אַן אַלטער בחור.

מיין דריטער ברודער, רפאל, איז געווען אַ זעלטן־גוטער צו די יינגערע קינדער. ער פלעגט זיי האָדעווען און זיך אַרומטראָגן מיט זיי ווי אַ ניאַנקע. ער פלעגט אויפפּאַסן אויף זיי, זיי פאַרהיטן און באַשיצן. צו פופצן יאָר איז ער אַוועק פון דער היים.

מיין פערטער ברודער, מאַקס, איז געווען אַ שטרענגער און אַ זעלטן־זויבערער יונג. לעבן אים איז שטענדיק געלעגן אַ באַרשט, מיט וועלכער ער פלעגט פוצן דאָס רעקל און די הויזן. פון פיל פוצן זיי זיינען די הויזן ביי אים תמיד געווען מיט אַ גלאַנץ.

אַלס יינגל האָט ער ליב געהאַט טויבן. דער שטריך איז ביי אים פאַרבליבן ביז היינט־צו־טאָג. אין זיין זעלטן־שיינעם גאָרטן אין דרום־אַפריקע, וואו מען קאָן געפינען ביימער פון פאַרשיידענע טראָפּישע און סובטראָפּישע געגנטן, געפינט זיך אויך אַ זאָאָלאָגישער ווינקל, וואו ער האַלט זיינע קעץ, הינט, פייגעלעך און טויבן. ער קאָן פאַרברענגען מיט זיי שטונדן־לאַנג, באַאָבאַכטן זייער לעבנס־שטייגער, זיי געבן עסן, רייניקן זייערע שטייגלעך און אויפפּאַסן אויף זייער געזונט.

מיין פינפטער, דער יינגסטער ברודער, שמואל, איז אַוועק אין אַפריקע פיל שפּעטער, ווי די איבעריקע ברידער. מיט אים בין איך צוזאַמען געוואַקסן. ער האָט זיך אין דער היים אָפּגעגעבן מיט האַנדל. ער האָט פאַרקויפט מעל און גריץ. ער איז געווען אַ ראַדיקאַלער מענטש און זייער באַליבט ביי דער שטעטלשער יוגנט. זיין גוטסקייט האָט קיין גרענעץ ניט געהאַט. ער איז געווען ענערגיש און זייער שיין, מיט אַ קאָפּ געקרויזטע שוואַרצע האָר, בלויע אויגן, שלאַנק און העכער פון מיטעלן וואוקס. אים איז אין שטעטל געווען ענג; ער האָט נויטיק גע־

האָט אַ ברייטער פעלד פאַר זיין ענערגיע. ער איז אָבער געווען זייער אַ געטרייער זון און ברודער, און האָט ניט פאַרלאָזן דאָס שטעטל אַזוי לאַנג ווי מיין מוטער האָט זיך אין אים גענויטיקט. מיר, די צוויי יינגערע קינדער, האָבן זיך אויסגעצייכנט גוט פאַרשטאַנען. מיר האָבן געלערנט ביי די זעלבע לערער, און געהאַט דעם זעלבן קוק אויף זאַכן און אויפן לעבן.

מיין באָבע

פון מיינע נאָענטע קרובים געדענק איך אַם מערסטן מיין באָבע חיה פרומע, מיין פאָטערס מוטער. מיין מוטערס מוטער האָב איך ניט געקאָנט געדענקען, ווייל איך טראָג איר נאָמען.

מיין באָבע איז געווען אַ קאַליקע. איין פוס איז ביי איר געווען אויסגעדרייט און זי פלעגט הינקען. אַלע אירע יאָרן האָט זי שווער געאַרבעט, ווייל זי איז פרי געבליבן אַן אלמנה. אַזוי ווי זי האָט ניט געהאַט ווער עס זאָל זי מפרנס זיין, איז זי געוואָרן אַ ברויט־קנעטערין. יעדן טאָג האָט זי געקנאָטן ברויט אין אַן אַנדער בעקעריי. אַט אַזוי פלעגט זי זעקס טעג שווער אַרבעטן. דעם זיבעטן טאָג איז זי געווען אַ „רביצין". גאַנץ פרי פלעגט זי אַוועק אין דער וויבערשער שול, מיט איר גראָבן „קרבן־מנחה" סידור, פלעגט פאַרזאַמלען אַרום זיך אַלע ווייבער וואָס האָבן ניט געקענט קיין עברי און פאַר זיי פאַרלייענען, און די ווייבער פלעגן נאָכזאָגן יעדעס וואָרט. אַט די קליין־געוויקסיקע קאַליקע פלעגט אין שול אויסזען ווי אַ ריז, מיט איר קלאָרער שפּראַך און וואַרעמער באַציאונג צו מענטשן.

די ווייבער אין שול, און אַנדערע אויסער דער שול, האָבן פון מיין באָבען שטאַרק געהאַלטן, ווייל חוץ למדנות האָט זי געהאַט אַ פיינעם כאַראַקטער. זי האָט ליב געהאַט צו האַלטן וואָרט. זי פלעגט זיך

קיינמאָל ניט שווערן, ניט שילטן און ניט באַליידיקן קיין מענטשן. זי איז געווען זייער באַשיידן, ניט געקוקט דערויף, וואָס אין פיל פּרטים איז זי געשטאַנען העכער ווי די דורכשניטלעכע פרוי פון יענער צייט. מיט אירע באַשיידענע פאַרדינסטן האָט זי נאָך אַרויסגעהאָלפן אַנדערע.

שפּעטער האָט זי געהאַט אַן אַנדערע פּרנסה: זי האָט געלערנט מיידלעך לייענען יידיש און העברייאיש, הגם איך ווייס ניט, צי זי האָט געקענט אויך שרייבן. דאָס איז שוין געווען אויף די עלטערע יאָרן, ווען זי האָט שוין ניט געקאָנט אַזוי פיל קנעטן ברויט.

אויך מיך האָט זי געלערנט לייענען דעם טייטש־חומש. זי האָט געלעבט ביז אין טיפן עלטער. מיין פאָטער איז געשטאָרבן פריער פאַר מיין באָבען, אָבער זי האָט איר אומגליק אַריבערגעטראָגן ווי אַן אמתע פרומע פרוי און זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט. „גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט צוגענומען", זיינען שטענדיק געווען אירע ווערטער.

מ י י נ ע ח ב ר ט ע ס

מיינע חברטעס זיינען געווען שכנישע קינדער, מיט וועלכע איך פלעג זיך שפּילן. אַלס שפּילצייג פלעגט גילטן אַלץ, וואָס עס איז נאָר געווען אין הויז: שטיקער ליים זיינען געווען פּוטער; צעפּירטע ליים — מילך; אַפילו איבערגעבראָכענע שטיינער פון באָד זיינען געווען אַ סחורה: מיר פלעגן דאָס „פאַרקויפן" אַלס צוקער. אַלץ פלעגן מיר קויפן און פאַרקויפן פאַר פאַפּירענע „רובלס" און שטיקלעך פאַרצעליי. מיר האָבן פאַר זיך געזען אַ קרעמערשע וועלט, האָבן מיר זי אימיטירט אין אונדזער שפּיל, זומער אין דרויסן און ווינטער אויפן אויוון. אונדזער שפּיל פלעגט אָנהאַלטן שטונדן־לאַנג, ווען יינגלעך פלעגן נאָר ניט מאַכן קיין איבערפאַל אויף די „געשעפטן". מיינע ברידער האָבן דאָ געשפּילט ניט קיין קליינע ראָל אין חרוב־מאַכן אַלצדינג.

אונדזער הויז איז געשטאַנען אויף אַ באַרג. הינטער אונדזער הויז,

אונטערן באַרג, איז געווען אַ שול־הויף. ווינטער־צייט, ווי נאָר ס׳פֿלעגט אויספֿאַלן דער ערשטער שניי און דער טייך איז באַדעקט געוואָרן מיט אייז, איז דער באַרג באַלאַגערט געוואָרן מיט קינדער. ווער מיט שליט־לעך און ווער „דיליזשאַנס“ (וואָס האָט געמיינט — פֿאָרן אויף אייגענע פֿיס), פֿלעגט מען זיך אַראָפּלאָזן פֿון באַרג. אָפֿט פֿלעגט אונטערקומען אַ צווייטער „דיליזשאַנס“, איידער דער ערשטער האָט דערגרייכט די „באָזע“, דאָס שול־בריקל, און פֿלעגט אַרויפֿפֿאַלן אויף אים. עס פֿלעגט נעמען אַ היפּשע צייט, איידער די חברה האָט זיך אויסגעפּלאָנטערט און געקאָנט דערגרייכן די „באָזע“. ניט איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז נאָך אַזאַ אַראָפּפֿאָרן איז מען אַרויס מיט צעביילטע הענט און פֿיס, מיט בלויע צייכנס אויף דער נאָז און אויגן. נאָר ווער האָט דאָס געאַרט! ווער האָט געקוקט אויף געפֿאַרן, ווען מען איז געווען פֿול מיט לעבן און יוגנטלעכער פֿרייד!

מיר איז אַמאָל דאָס גליטשן ניט אָפּגעגאַנגען אַזוי גלאַט. איינמאָל אין אַ שבת בין איך מיט עטלעכע מיידלעך אַוועק זיך גליטשן הינטער דער שטאָט. קיין גליטשערס האָבן מיר ניט געהאַט, מיר האָבן זיך גע־גליטשט אויף די הוילע זוילן פֿון די שיך. מיר איז אַנטקעגנגעקומען אַ מיידל און מיר האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן; איך בין אומגעפֿאַלן און זיך צעקלאַפּט אַן אויג. פֿון דעם פֿאַל איז מיר אויף אייביק געבליבן אַ צייכן.

אַחוץ גליטשן זיך, האָב איך ליב געהאַט צו שווימען. זומער־צייט איז דאָס געווען מיין גרעסטער פֿאַרגעניגן. ניט יעדער האָט געקאָנט אַריבערשווימען דעם פֿלונגיאַנער טייך. איך האָב דאָס יאָ געקאָנט. די מיידלעך פֿלעגן מיר מקנא זיין דערפֿאַר. דער טייך איז געווען אַ גאַנץ ברייטער און ערטערווייז גאַנץ טיף. אַריבערשווימען אים האָבן די מיידלעך באַטראַכט פֿאַר אַ „העלדישקייט“. איך האָב אַפֿילו אַ פּאָר מאָל געראַטעוועט מענטשן, צווישן זיי מיין אַלטיטשקע באָבע, וועלכע איז שיער ניט דערטרונקען געוואָרן.

מיינע ערשטע שול־יאָרן

ווען איך בין אַלט געווען 9 יאָר האָט מען מיך געשיקט לערנען אין דער צווייקלאַסיקער יידיש־רוסישער שול פאַר מיידלעך. מיין באַליבטסטער געגנשטאַנד איז געווען געאָגראַפיע. איך האָב אויך שטאַרק ליב געהאַט רייזע־באַשרייבונגען. איך בין אַמאָל דורכגעזעסן אַ ווינטערדיקע נאַכט, לייענענדיק די רייזע־באַשרייבונגען פון נאַרד־פאָל פון פריטיאָף נאַנסען. אַ צווייט מאָל — דזשול ווערנס „80 טויזנט ליגעס אונטערן וואַסער". דאָס איז געווען אין פרייטיק־צו־נאַכטסן, ווען מען האָט ניט געטאָרט אויסלעשן די ליכט. דעמאָלט איז געווען מיין ציית און איך האָב געקאָנט לייענען אומאונטערבראָכן אַ גאַנצע נאַכט.

איך בין געווען אַ גוטע, אָבער ניט קיין געהאָרכזאַמע שילערין. איך פלעג קריגן גוטע אָפּצייכנס אויף אַלע געגנשטאַנדן, אַחוץ אויפפירונג. מיינע לערער פלעגן זיך מיט מיר רעכענען. איין לערערין, סלאַבאָדסקאַיאַ, האָט מיך אַפילו ליב באַקומען און פלעגט מיך מיטנעמען אויף אירע שפּאַצירגאַנגען. די איינציקע, מיט וועלכער איך האָב ניט געקאָנט אויסקומען, איז געווען די פאַרוואַלטערין פון דער שול, פּרוי אַדעס. איך האָב איר ניט געקאָנט פאַרגעבן איר באַציאונג צו די אָרעמערע שילערינס. פאַר די רייכע האָט זי געהאַט רעספּעקט, אויף די אָרעמע פלעגט זי אָנפאַלן פאַר יעדער קליינינקייט און זיי זידלען. מען האָט אָפט געהערט דעם אויסדרוק: „יעווריעיסקיע דיעטי" (יידישע קינדער) — וואָס קאָן מען פון זיי דערוואַרטן? הגם זי אַליין איז געווען אַ יידישע פרוי, האָט זי אָבער פיינט געהאַט יידן און איז געווען אַזוי אַסימילירט, אַז אַלע אירע פירונגען זיינען געווען קעגן די פירונגען פון שטעטל. זי האָט שוין דעמאָלט געפירט אַ טרפהנע קיך, ניט אָנגעצונדן קיין ליכט פרייטיק־צו־נאַכט, ניט געגאַנגען יום־כיפור אין שול. אין אַ קליין ליטוויש שטעטל מיט אַ 40־50 יאָר צוריק, האָט דאָס געמיינט האָבן אַלע יידן קעגן זיך. דעריבער האָבן טאַקע אַלע יידן פון

שטעטל געוויכט פון איר. מיר אָבער האָט דאָס ווייניק געקימערט. זי פלעגט זיך חברן מיטן פריסטאַוו, מיטן סודיאַ (ריכטער), מיטן אַפּטייקער. לייענען פלעגט זי בלויז דייטשע און רוסישע ליטעראַטור. אירע קינדער האָט זי געשיקט אין אַ קאַזיאָנער גימנאַזיע און גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט די שטעטלשע באַלעבאַטים.

מיין ליבע צו מוזיק

איך האָב אַלע מיינע יאָרן ליב געהאַט מוזיק. מיין מוטער האָט געהאַט אַ ווייכע, האַרציקע שטים און האָט ליב געהאַט צו זינגען אין דער צייט פון דער אַרבעט. איך האָב באַלד איבערגענומען אַלע אירע לידלעך. מען מוז זאָגן, אַז ביי אונדז איז איבערהויפּט געווען אַ זינגעב־דיק הויז. כמעט אַלע ברידער האָבן געהאַט ניט קיין שלעכטע שטימען, דערהויפּט האָט זיך אויסגעצייכנט מיין ברודער יוסף. ווען עס זיינען געקומען די שבתים און יום־טובים האָט מיין פאָטער, זיצנדיק ביים טיש, אָנגעפירט מיט די זמירות און די ברידער האָבן אים אַרויס־געהאָלפן. אין שטעטל האָט מען שוין געוואוסט, אַז ביי אונדז קאָן מען הערן גוטע חזנישע ניגונים, איז מען געשטאַנען אין דרויסן ביי די פענצטער און זיך איינגעהערט.

איך האָב זיך פרי אויסגעלערנט דייטשע לידער און רוסישע ראָמאַנסן. צו מיינע ברידער פלעגן קומען זייערע חברים, צו מיר — מיינע חברטעס. מיר פלעגן באַלד אָרגאַניזירן אַ כאָר און זינגען פאַר־שיידענע לידלעך. די סענטימענטאַלע ראָמאַנסן זיינען געווען ווי צו־געפּאַסט פאַר דער יוגנט פון יענער צייט, וועלכע האָט ניט געהאַט וואָס צו טאָן און וועמעס צוקונפט ס'איז געווען כמעט אַן אויסזיכטלאָזע.

גוטע מוזיק האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט צו הערן, ווען איך בין גאַנץ יונג געווען. ביי אונדז אין שטעטל, וואו דער פירשט אַנינסקי האָט געוואוינט, האָט ער אין זיין הויף געהאַט אַ קאַפּעליע מוזיקאַנטן.

זיי פלעגן שפילן קלאַסישע מוזיק. איך האָב געקאָנט אָפּשטיין שטונדן־לאַנגביים טויער און זיך צוהערן ווי דער אָרקעסטער האָט געשפּילט. אַ גוטן אויער האָב איך געהאַט און אַ פאַרלאַנג צו הערן גוטע מוזיק. אין מיין זכרון פלעג איך די מעלאָדיעס איבערחזרן נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל. דערפאַר אָבער די ווערטער פון אַ ליד פלעג איך זעלטן ווען געדענקען. אָפּט פלעג איך זיך מוזן אָנשטרענגען, כדי צו פאַרגעסן אַ מעלאָדיע; עס פלעגט מיר שטענדיק קריכן אין קאָפּ.

אונדזער הויז ברענט אָפּ

אין אונדזער שטעטל פלעגן פאָרקומען עטלעכע גרויסע יארידן דורכן יאָר — כמעט פאַר יעדן גרויסן יום־טוב און חגא. אַזוי איז דאָס געווען "מונע" פאַר פסח, "יאָהאַנע" אין מיטן זומער א. אַז. וו. איין זומער, אין טאָג פון יאריד "יאָהאַנע", האָט אויסגעבראָכן אַ שרפה און עס איז אָוועק מיטן רויך דאָס גאַנצע שטעטל. מען האָט באַוויזן זייער ווייניק אַרויסצוראַטעווען פון פייער. די הייזער האָבן זיך מיט־אַמאָל אָנגעצונדן און שנעל פאַרברענט געוואָרן, ווייל דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען געבויט פון האָלץ. מען האָט אַרויסגעראַטעוועט פון פייער אַביסל בעט־געוואַנט, וועש און קליידער, און מען האָט זיך אָפּ־געשטעלט ביים ברעג פון טייך, ניט ווייט פון מיל. דאָרטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט נאָך אַזעלכע פאַראומגליקטע משפחות ווי מיר. אין יענעם טאָג האָט מען געבראַכט פון די דערבייאיקע שטעטלעך ריטעווע, קול, סאַלאַנט, טעלשי — שפּייז און קליידער. מיר האָבן פאַרלאָרן דאָס ביסל אָרעמקייט, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, אַריינגערעכנט דאָס הויז.

ביז שפּעט אין האַרבסט האָבן מיר יענעם יאָר געוואוינט אין אַ ביידל. מיינע ברידער האָבן פאַרקויפט בייגל אויפן מאַרק, כדי אַרויס־צוהעלפן דער פאַמיליע. אַלע קינדער זיינען אַרומגעגאַנגען באָרוועס

ביז שפּעט אין האַרבסט. עס איז ניט געווען מיט וואָס זיי צו קויפן שיך.

מיין מוטער איז אָבער געווען אַ שטאַלצע און אַ זייער ענערגישע. זי האָט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט, אַז עס איז איר שלעכט, אַז עס פעלט איר וואָס. „צו גוטס איז קיין שיעור ניטאָ“, פלעגט זי שטענדיק זאָגן. ווען זי האָט געהאַט אַלע קינדער אַרום זיך, איז זי געווען גליקלעך. זי פלעגט אַליין נעמען אונטערזיינגען אַ לידל, ווען זי האָט געקנאָטן דאָס טייג, אָדער געזייערט דאָס ברויט.

מיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט

אונדזער שטעטל איז געווען אַן אָרעם, פאַרוואָרפן ווינקל. קיין לער־אַנשטאַלטן, אחוץ די אָדעס־שול, זיינען ניט געווען. אמת, עס זיינען געווען עטלעכע חדרים און אַ ישיבה, אָבער דאָס האָט זיך ניט גע־רעכנט, ווייל זיי זיינען ניט געווען פאַר מיידלעך. און אַפילו די אָדעס־שול האָט זיך באַלד נאָך דער גרויסער שרפה פאַרמאַכט. צום גליק, האָב איך זי שוין געהאַט פאַרענדיקט. די וואָס האָבן געקאָנט צאָלן, פלעגן נעמען פאַר זייערע קינדער אַ פּריוואַטן לערער. די שילער פלעגן לערנען רוסיש צו איין שעה דריי מאָל אַ וואָך. די אָבער וואָס האָבן ניט געקאָנט צאָלן, און אַזעלכע זיינען געווען אַ סך, האָבן קיין מעגלעכ־קייט ניט געהאַט זיך צו לערנען. דעריבער האָבן מיר, עטלעכע מיידלעך, זיך צוזאַמענגענומען און געעפנט אַן אָוונט־שול; אומלעגאַל, ווייל אויף אַזאַ זאַך האָט די פּאָליציי קיין דערלויבעניש ניט געגעבן. אין דער שול האָבן מיר אַן געצאָלט געלערנט יונגע יידישע אַרבעטער און אַרבע־טערינס יידיש לייענען און שרייבן, רעכענען, און אַביסל רוסיש און דייטש — אַזויפיל, זיי זאָלן זיין אימשטאַנד אָנצושרייבן אַן אַדרעס.

מיר, עטלעכע מיידלעך, זיינען אַרויס איבערן שטעטל, צוזאַמענ־געקליבן עטלעכע הונדערט ביכער און געעפנט אַ ביבליאָטעק, אויך

אומלעגאל. די ביכער האָבן מיר אוועקגעשטעלט ביי מיין באָבען, ווייל אין צענטער פון שטעטל האָבן מיר מורא געהאַט זיי צו האַלטן, מען זאָל זיי ניט קאָנפיסקירן. מיין באָבע האָט געוואוינט אביסל הינטערן שטאָט. דאָרט איז די אַרבעט פון אַרויסגעבן ביכער צום לייענען ניט געווען אַזוי אויפפאַלנד.

דער פאַרלאַנג אַריינצוטראָגן אַביסל ליכט אין שטעטל, וועלכע איז פאַר אונדז צו יענער צייט געווען די גאַנצע וועלט, האָט אונדז באַוואויגן צו אָרגאַניזירן די קורסן, דאָס ביבליאָטעקל און דאָס לייען־קרייזל. אָבער די ביכער, פון וועלכע דאָס ביבליאָטעקל איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן, זיינען שוין פון מיר פּערזענלעך געווען אויסגעלייענט. איך האָב געמוזט זוכן נייע קוואַלן פון לייען־שטאָף. איך האָב טאַקע באַלד געפונען. ניט ווייט פון פּלונגיאַן איז פאַראַן די שטאָט טעלשי. דאָס איז דער אויעזד (די הויפּט־שטאָט פון אַ גאַנצן באַצירק). אין אַן אויעזדנער שטאָט זיינען דאָ מער שולן, מער ביבליאָטעקן. אין איינער אַזאַ ביבליאָטעק פלעג איך לייען ביכער מייסטנס פון קלאַסיקער. אַזוי האָב איך דאָרטן געקראָגן צו לייען טאָלסטאָיס „קריג און פרידן", „אַנאַ קאַרענינאַ", „וואָסקרעסעניע", און נאָך ביכער פון אַ סך אַנדערע שרייבער. פאַר לייענען די ביכער האָבן מיר געמוזט צאָלן פון וואָך. דעריבער האָב איך געמוזט לייענען גאַנץ אינטענסיוו, עס זאָל ניט קאָסטן צו טייער דאָס לייענען — אַ זאַך, וואָס איך האָב זיך דעמאָלט ניט געקאָנט דערלויבן.

דערמיט האָט זיך ניט געענדיקט דער קוואַל פון קלאַסישע ביכער אין אונדזער שטעטל. יעדעס יאָר פלעגט מיט דער „ניוואַ" גיין צוועלף קלאַסישע ביכער, אַלס ביילאַגע. דער זשורנאַל גופא איז ניט געווען פיל ווערט, אָבער צוליב דער ביילאַגע פלעגן מיר דעם זשורנאַל אויסשרייבן און עס איז געווען וואָס צו לייענען. אַט אַזוי האָבן מיר זיך באַקאַנט מיט טורגעניעוון, מיט גאָנטשאַראָוון, גאַנטשאַראָוון און אפילו מיט קאַראַמזינען.

איך האָב געהאַט אַ דריטן קוואַל פון ביכער, און דאָס איז געווען דער איינבינדער. ער האָט געוואוינט טאַקע לעבן אונדזער הויז. ער פלעגט, פאַרשטייט זיך, שבת ניט אַרבעטן. די ביכער, וואָס זיינען דורך דער וואָך אַריינגעקומען אין דער איינבינדעריי און זיינען געבליבן ניט־פאַרענדיקט, פלעגט ער מיר אויסלייען, דורכצולייענען איבער שבת. אָפט, ווען איך האָב געקראָגן אַן אינטערעסאַנטע זאַך, פלעג איך די נאַכט ניט שלאָפן. איך האָב געלייענט פאַרשיידענע ליטעראַטור: רוסיש, דייטש און יידיש. דאָס לייענען האָט אויפגעוועקט אין מיר גרויסן דורשט נאָך וויסן און איך האָב געקראָגן אַ פאַרלאַנג מיין וויסן צו סיסטעמאַטיזירן.

אַזוי ווי איך בין געווען די איינציקע טאָכטער, האָבן מיינע עלטערן ניט געטראַכט פון לערנען מיר אַ מלאכה. אין אַ פאַמיליע, וואו עס זיינען דאָ פינף בחורים, איז, פאַרשטייט זיך, פאַר אַ מיידל פאַראַן גענוג וואָס צו טאָן. איך האָב אָבער געקאָנט אַרבעטן, ווען איך האָב געפילט אַ פאַרלאַנג דערצו. מיטאַמאָל פלעג איך זיך אַ נעם טאָן צו הויז־אַרבעט און איבערקערן וועלטן. איך פלעג טאָן די הויז־אַרבעט אויף שנעל, כדי עס זאָל פאַרבלייבן מער צייט צום לייענען. איך האָב זיך געפילט גליקלעך, ווען איך האָב געהאַט אַ גוטן בוך. דאָס האָט מיך אַוועק־געטראָגן אין אַן אַנדער וועלט, אַן אויסגעחלומטע וועלט, ווייט פון דעם נודנעם לעבן אין קליינעם שטעטל, מיט די גראָשנדיקע אינטערעסן, דעם בטלנות און באַדנלאָזיקייט.

דער לערער פון שטעטל

דער לעבנס־שטייגער אין שטעטל איז געווען אַ פּאַטריאַרכאַלער. וואָס דער פאָטער האָט געזאָגט איז געווען געזעץ. זייער אָפט פלעגט די

פרוי טראָגן דעם גאַנצן יאָר אויף זיך פון דערנערן די פאַמיליע דורך קרעמערײ, בעקערײ, שנײדערײ און אַנדערע פּרנסות, און דער מאַן האָט געלערנט תורה. זי האָט אָבער געהאַט אַ גאַנץ קלײנע דעה אין דערציִען דעם יונגן דור. דאָס פלעגט שוין באַזאָרגן דער פאָטער.

דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ איז געווען אַזוי שאַרף, אַזאַ שווערער, אַז דער באַלעבאַטישער ייִד האָט צו קײן גרויסע זאַכן ניט געשטרעבט, אַחוץ פאַרדינען אויף ברויט און האָבן אַ בגד און זײן געזונט. דער אידעאַל פון דער יוגנט איז געווען זיך אויסלערנען אַביסל לײענען, שרײבן און חשבונען, כדי דערנאָך קאָנען אַרויסהעלפן אין געשעפט. פרומקייט האָט געשפילט אַ גרויסע ראָל; בפרט האָט מען געזען, אַז די יוגנט זאָל אָפּהיטן שבת. אין אַט אַזאַ שטעטל זײנען די באַגריפן געווען אָפּגעשטאַנען ביז גאָר, ווי מיט הונדערט יאָר צוריק.

די לערער, וואָס פלעגן אַרומטערקומען „געבן שטונדן", האָבן זיך מיט דער באַפעלקערונג געהאַלטן פון דער ווײטנס. אָבער אָט איז אין שטעטל אָנגעקומען אַ סטודענט, אַ לערער מיטן נאָמען מײזולס, און ער האָט גלײך געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין שטעטל.

מײזולס, אַזוי ווי אַנדערע סטודענטן־לערער, איז געווען אָרעם. ער האָט צוליב דעם ניט געקאָנט פאַרזעצן זײן לערנען. אָבער מײזולס, ניט אין פאַרגלײך מיט אַנדערע לערער, איז אויך געווען אַ געזעל־שאַפטלעכער מענטש. אַחוץ צו פאַרדינען אַביסל געלט, האָט ער זיך אויך אינטערעסירט מיט זײנע שילער, מיט זײער גײסטיקער אַנטוויק־לונג. ער איז באַלד געוואָרן טעטיק אין שטעטל.

אַחוץ צוצוגרייטן די בויטיקע געגנשטאַנדן, מען זאָל קאָנען אַרײנ־טרעטן אין אַ גימנאַזיע, אָדער אַלס עקסטערן זיך צוגרייטן צו קלאַסן, פלעגט ער נאָך אָנפירן מיט קרײזלעך פון זײנע תלמידים.

די מײדלעך האָבן דעם לערער פאַרגעטערט. אין מיטן וואָך איז ער תמיד געווען שטאַרק פאַרנומען, אָבער שבת פאַרנאַכט פלעגט ער אַרומשפּאַצירן מיט די מײדלעך איבער די גאַסן, ער אין מיטן און די

מיידלעך פון ביידע זייטן. די בחורים פון שטעטל האָבן אים פיינט געהאַט.

ער איז געווען זייער אַ קלוגער. ער פלעגט דורכנעמען אַ מענטשן מיט זיינע קאַלטע, גרויע אויגן. אַביסל נידעריקער פון מיטעלן וואוקס, מיט ברייטע פּלייצעס, אַלע מאָל זויבער און אַקוראַט אָנגעטאָן, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פּראָפעסאָר. קיינמאָל האָט ער ניט אַרויס־גערעדט קיין איבעריק וואָרט. זיינע רייד זיינען געווען געוואויגן און געמאָסטן. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ פעסטן כאַראַקטער און אייזערנעם ווילן.

אין זיינע לייען־קרייזן האָט ער אָפּט באַרירט רעליגיע, די באַ־דייטונג פון די יום־טובים. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דער יוגנט. מיטאַמאָל האָט מען געגומען פריייטיק־צו־נאַכט אויסלעשן לאָמפּן אין „גאַר אָנשטענדיקע" הייזער; מען האָט זיך גענומען באַ־ווייזן אום שבת מיט אַ סיגאַרעט אין מויל און מיט אַ שטעקן אין האַנט. דאָס שטעטל האָט גענומען גיין כאַדאַראַם. די עלטערן פון די קינדער, דערהויפּט די עלטערן פון די מיידלעך, האָבן זיך פאַרלאָרן און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן קעגן אַזאַ אַטאַקע אויף גאָט, אויף אַלע הייליקע טראַדיציעס און מנהגים. מען האָט אָפּן באַשולדיקט דעם לערער אין דער גאַנצער טרייפענער אַרבעט און מען האָט גענומען זוכן מיטלען ווי פון אים פּטור צו ווערן. אַ גרופּע יונגע בחורים פון באָד־גאַס (דאָס איז ביי אונדז געווען דאָס ערגסטע געסל פון שטאָט) האָט אַמאָל אין אַ שבת־צו־נאַכט זיך אַריינגעריסן צום לערער, מיט דער כוונה זיך אָפּ־צורעכענען פאַר זיינע זינד. אָבער צום גליק האָט מען אים אין צימער ניט געטראָפן. דער לערער האָט קורץ נאָכדעם פאַרלאָזן דאָס שטעטל, ווייל ער איז ניט געווען זיכער מיט זיין לעבן.

מיט יאָרן שפּעטער האָב איך דעם לערער געטראָפן אין קעניגס־בערג, וואו ער האָט זיך געלערנט אין אוניווערסיטעט. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז געווען ניט־גלייכגילטיק צו מיר, נאָר איך האָב

דאָס ניט באַמערקט. אין יענע יאָרן, אַז מען האָט געהאַט וואָרעמע געפילן צו אַ מענטשן, האָט מען זיך דערמיט באַהאַלטן, זיך געשעמט פאַר לייטן, ווי דאָס וואָלט געווען די גרעסטע זינד, אַ פאַרברעכן אַליין צו אַנערקענען.

וואָס האָט פאָרמירט מיין געדאַנקען־גאַנג ?

איך בין דערצויגן געוואָרן אין אַ הויז, וואו מען האָט געדענקט, אַז פאַר יינגלעך דאַרף מען טאָן אַלץ, כדי זיי זאָלן אויסוואַקסן לייטישע מענטשן, און אַז אַ מיידל וועט שוין אַליין „אויסוואַקסן". מיינע ברידער זיינען פון דער פריסטער יוגנט געגאַנגען אין חדר; מיך האָט מען ניט געטשעפעט, מען האָט מיך געלאָזט אַרומלויפן פראַנק און פריי. דאָס העכסטע, וואָס מען האָט מיר געלערנט, איז מאַכן אַ ברכה ביים עסן, לייענען קריאַת־שמע און זאָגן „מודה אני". אַפילו וועגן דער באַדייטונג פון די יום־טובים האָט מען מיר גאַנץ ווייניק געלערנט.

הגם איך האָב זיך פרי אויסגעלערנט לייענען יידיש, האָב איך אָבער קיין אינטערעס ניט געהאַט צו לייענען יידישע 12־בענדיקע שאָמער־ראָמאַנען. עפּעס האָבן זיי מיך ניט צוגעצויגן, ניט פאַרכאַפּט, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט מיינע ברידער, וועלכע האָבן געלייענט די דאָזיקע ביכער מיט גרויס חשק.

דערפאַר אָבער, ווען איך האָב זיך אויסגעלערנט לייענען רוסיש און פאַרשטיין דאָס געלייענטע, האָב איך גענומען לייענען טורגעניעווס „זאַפּיסקי אָכטאָניקאַ", „רודין", „נאַקאַנוניע", „אָטצי אי דיעטי" און אַנדערע. איך האָב אויך געלייענט נעקראַסאָווס „רוסקיע זשענשטשיני", לערמאָנטאָווס „געראָי נאַשעוואָ ווערעמעני", און שפּעטער — טאָלסטאָיס ווערק. פון די קריטיקער האָב איך געלייענט פּיסאַרעוו, דאָבראָליובאָוו און שעלגון.

אויף מיין געדאַנקען־גאַנג האָט אויך געהאַט אַ גרויסן איינפלוס

דער לערער מייזולס. ער האָט אין זיין קרייז געלייענט מיט אונדז באָקלס „די געשיכטע פון ציוויליזאַציע אין ענגלאַנד". אַזוי, אַז ווען איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן קיין ווילנע, בין איך שוין געווען אַן אַנטוויקלטער מענטש. די ביכער, וואָס איך האָב געלייענט, האָבן מיך געמאַכט פאַר אַן אַגנאָסטיק, אַן אומגלויביקן מענטשן. דער לערער האָט אינגאַנצן צעשמעטערט מיין גלויבן אין גאָט און אינעם צוריקגעשטאַנענעם נאַציאָנאַל־רעליגיעזן שטייגער. איך האָב אויפגעהערט מורא האָבן צו פאַרלעשן די ליכט פרייטיק־צו־נאַכט, האַלטן געלט אום שבת, אָדער פאַרנייען און פאַרצירעווען עפּעס אום שבת און יום־טוב. איך האָב געגומען ברעכן אַלע מנהגים.

אָט די געדאַנקען און באַאָבאַכטונגען פונעם אַרום האָבן מיך באַ־וואויגן זיך צו פאַרטראַכטן, פאַרוואָס עס איז פאַראַן אַזוי פיל אָרעמקייט, אַזוי פיל עלנט אויף דער וועלט, בעת אַ מינאָריטעט לעבט אין לוקסוס. איין טראָט ווייטער — און איך האָב אויפגעהערט צו גלויבן אין דער הייליקייט פון קייסער.

מיך האָט שטענדיק אינטערעסירט דאָס לעבן פון פּראָמינענטע פרויען. נאָך זייענדיק אין רוסלאַנד, פלעג איך שטאַרק ליב האָבן צו לייענען וועגן דער רוסישער פרוי, דער קעמפּערין. שפּעטער האָב איך זיך פאַראינטערעסירט מיט די ביאָגראַפיעס פון עמאַ לאַזאַרוס, העריעט ביטשער סטאָו, לוקרעציאַ מאָט, פרענסיס ראַיט, מאָטהער דזשאָונס, וועלכע האָבן מיר געגעבן אַ באַגריף וועגן דעם גרויסן קאַמף, וואָס פרויען האָבן געפירט פאַר פרויען־רעכט און פאַר מענטשלעכע רעכט אין אַלגעמיין. איך האָב ליב געהאַט צו לייענען דזשאָרדזש עליאָט. איך פלעג זיך אָפט וואונדערן אויף איר: אָט איז אַ פרוי, ניט קיין יידישע, און האָט אָנגעשריבן אַ בוך „דאַניעל דעראָנדאַ" אַזוי גוט, אַז אַן אויס־געהאַלטענער ציוניסט וואָלט עס בעסער ניט געקאָנט אָנשרייבן. פון וואַנען האָט זי אַזוי טיף געקענט אַריינקוקן אין די שטרעבונגען און ליידן פונעם יידישן פאָלק?...

אָדער, למשל, העריעט ביטשער סטאָו, וואָס האָט אָנגעשריבן „אָנקל טאמס קעבין". וואו האָט זי גענומען אַזאַ גרויס מיטגעפיל מיט די לײדן פון נעגערשן פאָלק?... מען דאַרף דאָך זיין מיט האַרץ און קאָפּ אַרײנגעטאָן אין יענעמס צרות, צו קענען אַזוי פאַרשטיין, אַזוי שילדערן!

דאָס, אומגעפער, איז דער מאַטעריאַל, וואָס האָט מיר געהאָלפן זיך פאַרמירן.

אַרויס פֿון שטעטל

רחל האַלטמאַן מיט אירע שילער, אין איר היים-שטעטל פּלונגיאַן.

איך פאָר קיין ווילנע זיך לערנען

אין פרי־יאָר פון 1905 האָבן מיר, עטלעכע מיידלעך, זיך צוזאַמענגערעדט און באַשלאָסן צו פאָרן קיין ווילנע. מיינע עלטערן זיינען געווען קעגן דעם. זיי האָבן זיך געשראָקן מיך אַליין אַוועקצולאָזן אין אַ גרויסער שטאָט. די עלטערע צוויי ברידער, יוסף און רפאל, זיינען שוין ניט געווען אין דערהיים; זיי זיינען געווען אין אַפריקע. מיין דריטער ברודער, מאַטוס, האָט זיך אויך געקליבן פאָרן אַהין. מיינע ברידער האָבן געהאַט אַ סך אונטערנעמונגס־גייסט און האָבן זיך געפילט געפּענטעט אין דעם קליינעם שטעטל, האָבן זיי עמיגרירט. אָבער אַז אַ מיידל זאָל וועלן פאָרן, דאָס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די נאַכט פאַר מיין אַוועקפאָרן. מיין פאָטער איז נאָך אַלץ קראַנק געווען. מיין מוטער האָט נאָך שווער געאַרבעט; איר האָט אַרויסגעהאָלפן מיין ייִנגערער ברודער, שמואל. ער האָט שוין דעמאָלט געפירט באַדייטנדיקע געשעפטן. ער איז ניט געווען קעגן דעם, אַז איך זאָל פאָרן, אָבער ער האָט מיר מיט גאָרניט געקאָנט העלפן, ווייל ער האָט געדאַרפט העלפן דער מאַמען. ניט פאָרן האָט געמיינט ניט לערנען זיך, ניט זען די וועלט; פאָרן האָט געמיינט הונגערן, ליידן נויט. עס איז געבליבן איין זאַך: לעבן פון „געבן שטונדן".

צווישן די מיידלעך, וואָס זיינען געפאָרן פון מיין שטעטל, איז געווען עלאַ איזראַילאָוויטש — די שיינע, קלוגע עלאַ, וועלכע האָט מיר זייער צוגערעדט צו פאָרן. זי האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף מיר. ווען איך פלעג נעמען רעדן וועגן מיין פאָטער, ווען איך האָב

אזוי ליב געהאט, און וועלכער האט זיך אזוי שטארק גענויטיקט אין מיר, פלעגט עלא זאגן: „רחל, דיך מוז מען ארויסרייסן פון אייער הויז, פון דער בעקעריי, אניט וועסטו אויך קראנק ווערן, ווי דיין פאטער. פאר א יונגן מענטשן איז טובערקולאז מער אנשטעקנדיק, ווי פאר אן עלטערן.“

די נאכט פאר מיין אוועקפארן בין איך ניט געשלאפן. איך בין געשטאנען ביים פענצטער און האב געוויינט, ביטער געוויינט. עס איז מיר געווען שווער צו מאכן דעם ענדגילטיקן שריט. אבער אט האבן זעקס אזייגער אין דער פרי מיינע חברטעס אנגעקלאפט אין טיר, מיך מיטצונעמען צו דער באן. איך בין געווען גרייט צום פארן און האב פארלאזן אונדזער הויז אן א זיי־געזונט. דעם גאנצן וועג בין איך געווען א צעבראכענע פון דעם, וואס איך האב איבערגעלעבט פריער אין מיינע עלטערנס הויז.

אבער אט בין איך אנגעקומען אין ווילנע און איך האב זיך באלד דערפילט ווי אן אנדערער מענטש. די גרויסע שטאט, דער איבערגאנג פון לעבן מיט א טעמפא פון א קליין שטעטל אויף דעם לעבן פון אזא שטאט, אזא כרך ווי ווילנע, האט אויף מיר זייער שטארק געווירקט. טעג לאנג פלעג איך שטיין און קוקן אויף די גאסן און מענטשן, וועלכע האבן זיך אויסגעדוכט אזוי אנדערש, אזוי טשיקאווע, גאר ניט ווי איך בין געוואוינט געווען צו זען.

קיין ליטווינער פויערים, וועלכע איך בין געוואוינט געווען צו טרעפן אין מיין אומגעגנט, האב איך ניט געזען. דערפאר האב איך געזען א סך יידן. ליטע האט נאך דעמאלט געהערט צו רוסלאנד, און האט נאך געהאט א סך פאליאקן אויך.

די ליטווינער זיינען אלס א פאלק גאר אנדערש ווי די פוילישע מענטשן, ניט געקוקט דערויף, וואס געאגראפיש זיינען זיי שכנים איינער צום צווייטן שוין זייט יארהונדערטער. די ליטווינער זיינען א פשוט, פרימיטיוו פאלק. מעגלעך דערפאר, וואס זיי זיינען פון אן אנדערן

אָפּשטאָם, האָבן זיי ניט געלעבט אין אַזעלכע גוטע באַציאונגען מיט די פּאָליאַקן.

אַ 40 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין ליטע זיינען אין יענער צייט געווען יידן, וועלכע האָבן געוואוינט אין קאָמפּאַקטע מאַסן, אין שמאָלע געסלעך, ווי אין די געטאָס.

די יידישע באַפעלקערונג אין ווילנע האָט זיך פאַרנומען מיט האַנדל. עס זיינען געווען יידן דראָזשקע־טרייבער, אַזוי זיך באַלעגאָלעס און אַ סך קרעמער. פרויען פלעגן האַנדלען מיט באָב, מיט זויערע אוגערקעס, עפּל און מיט גאַלאַנטעריינע זאַכן. אָבער אונדז מיידלעך פון די קלענערע שטעטלעך האָט ווילנע צוגעצויגן מיט איר קולטור־שטראָם און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

שוין אין די 70ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט ווערט ווילנע דער אויפקלערונגס־צענטער און די ערשטע שטאָט פון דער יידישער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג. עס הויבט זיך אָן אַ קאַמף פאַר סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פאַרבעסערונגען פאַר די ווילנער יידישע אַרבעטער. צוזאַמען מיט דעם סאָציאַליסטישן שטראָם גייט אויך אַ שוואַכערער יידיש־נאַציאָנאַליסטישער שטראָם. מיט איין וואָרט, ווילנע ווערט דער צענטער פון די וויכטיקסטע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען.

מען האָט אונדז רעקאָמענדירט אַ וואוינונג ביי דער דענטיסטין ראָכיל נאַטאַנסאָן. אַזוי ווי עס איז געגאַנגען צו זומער, איז זי אַרויס־געפאָרן אויף דאַטשע און פאַרדונגען איר וואוינונג. איר שטאָטישע וואוינונג מיטן קאַבינעט איז געווען גרויס. דאָס איז געווען אויף זאַ־וואַלנע גאַס, אין צענטער פון שטאָט, אין דער יידישער געגנט. מיר אַלע פיר מיידלעך האָבן דאָרטן פאַרנומען צוויי צימערן. מיר האָבן געלעבט ווי אין אַ קאָמונע: וויפיל איינע האָט געהאַט, האָט זי עס אַריינגעטראָגן אין דער אַלגעמיינער קאַסע. דאָס פלעגט דעקן די הוצאות אויף דירה און עסן. אַ פאָר קליידלעך האָט יעדע איינע פון אונדז פון פריער געהאַט. וואָס מיר האָבן געדאַרפט, איז געווען צו צאָלן אַ לערער. אָבער

דאָ האָט אונדז אַרויסגעהאָלפן ראַכיל נאַטאַנסאָן. זי האָט אונדז באַקאַנט מיט אַ לערער, וועלכער האָט אונדז ניט גערעכנט קיין סך, הגם ער איז געווען אַ זייער גוטער לערער.

מיר האָבן זיך גענומען לערנען, זיך גרייטן צום עקזאַמען. אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען אַלץ. מען האָט אונדז אָרגאַניזירט אין אַ לייען־קרייזל, וואו מיר האָבן שטודירט באָגדאַנאָוס „פּאָליטישע עקאָנאָמיע״, דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״, זשעליאַבאָוואַ און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור.

בעניאָמטשיק דער סטאָליער און סאָול דער סטודענט

דערווייל האָבן מיר זיך באַקאַנט מיט אייניקע טוער פון בונד. צוליב דעם וואָס מיר האָבן געוואוינט אויף דער דאָטשנער וואוינונג, פלעגן אַהין אַריינקומען טוער פון בונד. און ווייל די באַלעבאָסטע איז געווען אַ דענטיסטין, איז דאָס ניט געווען אַזוי אויפפאַלנד; מען האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס גייען פּאַציענטן אַזוי פיל אין דאָקטאָרס קאַבינעט.

אין קאַבינעט פלעגט אַריינקומען בעניאָמטשיק דער סטאָליער. ער איז געווען אַן אינטערעסאַנטער טיפּ. ער האָט אין בונד געאַרבעט אַלס אָרגאַניזאַטאָר. ער פלעגט קומען אין דאָקטאָרס אָפיס זיך זען מיט מענטשן און איבערגעבן באַריכטן פון זיין אַרבעט. ווען ער פלעגט האָבן אַביסל איבעריקע צייט, פלעגט ער אַריינקומען צו אונדז אין די צימערן כאַפּן אַ שמועס. ער האָט געהאַט זייער אַ גוטע שטים און האָט געקענט אַ סך אַריעס פון אָפּערעס אויף אויסנווייניק. ער פלעגט נעמען זיין פלאַשטש, פאַרוואַרפן אים איבערן אַקסל, זיך אַוועקשטעלן אין דער פּאָזע פון אַ מעפיסטאָפל אָדער דעמאָן. אַליין אַ נידעריקער, מיט

קוטשעראַווע האָר, האָט ער אויסגעזען ווייט פֿון אַ דעמאָן, ווען אָבער ער האָט פֿאַרקאַטשעט זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן צום הימל און זיך צעזונגען, פֿלעגט זיין וואָס צו הערן. אַ שטים האָט ער געהאַט אַ וואונדער־באַרע, און מיר פֿלעגן אָפֿט פֿאַרגעסן אַן אים און זיך צוהערן צו זיין געזאַנג.

מיט אים פֿלעגן מיידלעך אָפֿט גיין אויף דער בירזשע און אויף „סכאַדקעס". פֿאַר אונדז איז דאָס אַלץ געווען ניי. מיר האָבן זיך באַקאַנט מיט פֿאַרשיידענע מענטשן, רעדנער ווי אויך סתם אַרבעטער. בעניאַמ־טשיק איז אויף דער בירזשע געווען זייער פּאָפּולער. אים האָט אויך די פּאָליציי גוט געקענט.

איינמאָל בין איך געגאַנגען מיט אים עפּעס איינקויפֿן. אויפֿן ראָג פֿון זאַוואַלנע גאַס האָט אונדז אָפּגעשטעלט אַ מאַן אין ציווילע קליידער, האָט אַ דריי געטאָן דעם לאַץ פֿון זיין זשאַקעט, וואו ער האָט געטראָגן דאָס בלעכל פֿון אַ דעטעקטיוו. ער האָט בעניאַמטשיקן אַרעסטירט. ווען איך בין געקומען אַהיים אַ דערשראָקענע און דערציילט וועגן דעם דער דענטיסטין באַטאַנסאָן, איז זי גאָר ניט נתפּעל געוואָרן. „געוויס ריכט מען זיך אויף אַ סטרייק ערגעץ־וואו, פֿאַרפּאַקט מען אים דערווייל אין טורמע. דאָס האָט שוין ניט איינמאָל פּאַסירט", האָט זי געזאָגט.

בעניאַמטשיק איז ניט געווען קיין טעאָרעטיקער, ער האָט אָבער געקענט דעם בונד אויסגעצייכנט. ער האָט געהאַט אַ לאַגישן שכל, פֿלעגט גאַנץ גוט רעדן און מיט זיין מיינונג האָט מען זיך שטאַרק גערעכנט.

אַ גאַנצן זומער האָט מען אים דאַן געהאַלטן אין לוקישקער טורמע. זיין שוועסטער פֿלעגט אים דאַן באַזוכן און נאָכדעם קומען דערציילן, וואָס ער מאַכט און ווי די טורמע ווירקט אויף אים. שפּעטער, ווען מען האָט אים אַרויסגעלאָזט פֿון טורמע, איז ער פֿאַרשוואונדן געוואָרן, און מיר האָבן אַ לאַנגע צייט ניט געוואוסט וואו ער געפֿינט זיך.

סאָול איז געווען אַ גאַנץ אַנדער טיפּ ווי בעניאַמטשיק. יענער איז געווען טיף־ברונעט, סאָול ווידער האָט געהאַט בלאָנדע האָר, בלויע

אויגן און ראַזעווע בעקלעך, מיט אַביסל אַ צוגעפּלעטשטער נאָז. ער פלעגט מיט אונדז לערנען „פּאָליטישע עקאָנאָמיע" און דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט". ער איז געווען אַ גימנאַזיסט, וואָס האָט אויפגעגעבן די גימנאַזיע צו אַרבעטן פאַר דער באַוועגונג. אַליין אַן אינטעליגענט אין אַלע זיינע מאַניערן, האָט ער פיינט געהאַט אינטעליגענטן און אַפּט אַרומגעקריגט זיך מיט דער דענטיסטין.

בעניאַמטשיק דער אַרבעטער האָט שטענדיק געהאַט אַ גוטמוטיקן שמייכל אויפן פּנים, און סאָול איז אַלע מאָל געווען פאַרביטערט קעגן דער וועלט.

די רעוואָלוציע פון 1905

איך בין געווען איניקע חדשים אין ווילנע און זיך צוגעגרייט צום זעקסטן קלאַס גימנאַזיע. פון דאָרטן בין איך אַפּגעפאָרן קיין וואַרשע, וואו איך האָב געקענט אַריינצוטרעטן אין זעקסטן קלאַס פון אַ פּריוואַטער גימנאַזיע. איך בין אָנגעקומען מיטן לעצטן צוג דעם 16טן אָקטאָבער. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אומרוען און עס איז דערקלערט געוואָרן אַ גענעראַל־סטרייק אויף אַלע אייזנבאַנען איבער גאַנץ רוסלאַנד.

אייגנטלעך האָט דער רעוואָלוציאָנערער אויפבראַוז זיך אָנגעהויבן נאָך פיל פריער ווי אין אָקטאָבער. ער האָט זיך אָנגעהויבן אין אויגוסט, ווען דער צאַר האָט אַרויסגעגעבן דעם דעקרעט צוזאַמענצורופן די דומע. די רוסן האָבן געזאָלט האָבן נאָר באַראַטונגס־רעכט אין דער דומע.

ווען דער גענעראַל־סטרייק האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַלע באַנען. דער טעלעגראַף האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן. מען האָט אויך אָוועקגעלייגט די אַרבעט אויף אַלע פאַבריקן און שעפּער. מיט איין וואָרט: אין לאַנד איז געוואָרן אַ פולשטענדיקער שטילשטאַנד.

פון אָנהויב איז דער קאַמף ניט געווען אַזוי אינטענסיוו. בלויז דאָ און דאָרטן איז מען אַרויס אָפן קעגן דער צאַרישער פּאָליציי. אָבער שפּעטער זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן הונדערטער טויזנטער אַרבעטער, עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אמתער גענעראַל־סטרייק, ערטערווייז אַפילו מיט באַריקאַדן.

גלייך ווי עס איז פאַרשפּרייט געוואָרן די נייעס וועגן גענעראַל־סטרייק, האָבן זיך אָנגעהויבן גראַנדיעזע דעמאָנסטראַציעס. עס האָבן אָנטיילגענומען אַרבעטער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן: פּאָליאַקן, רוסן, יידן א. אַז. וו.

דאָס איז געווען דעם 17טן אָקטאָבער, 1905. מיר האָבן דעם גאַנצן טאָג דעמאָנסטרירט איבער די וואַרשעווער גאַסן, געגאַנגען פון טורמע צו טורמע, פון פּאַוויאַק צום 10טן פּאַוויליאָן און אַנדערע וואַרשעווער געפענגענישן, צו באַפרייען די פּאָליטישע אַרעסטירטע. דאָס איז געווען אַן אומפאַרגעסלעכער טאָג, וואָס איז געבליבן איינגעקריצט אין זכרון. אָבער אין דעמזעלבן אָוונט האָבן שוין קאָזאַקן מיט זייערע פערד גע־טראָמפּלט אונטער די פיס די וואַרשעווער איינוואוינער אויף מאַר־שאַלקאָווסקע, דזשיקע, לענשנע און אַנדערע גאַסן. די זשאַנדאַרמעריע און פּאָליציי האָבן געשלאָגן רעכטס און לינקס. אינטערעסאַנט איז געווען דאָס, וואָס אין אָנהויב האָט מען קיינעם ניט געשעפּעט. די אַרבעטער האָבן אַזוי געגלויבט אין דער גוטסקייט פון די קאָזאַקן, אַז זיי פלעגן צולויפן צו די קאָזאַקן אויף די פערד און דריקן זייערע הענט, אַרויסווייזנדיק פריינטשאַפט צו זיי, און דערביי ווייזן ווי וויניק זיי שרעקן זיך פאַר זיי... אָבער אָט איז צוגעפאַלן די נאַכט. דער ברייטער עולם איז שוין מיד געווען פון אַ גאַנצן טאָג דעמאָנסטרירן און זינגען. פּלוצלונג האָבן זיך קאָזאַקן אַ לאָז געטאָן, נאָכדעם ווי זיי האָבן געקראָגן דעם באַפעל אָנצופאַלן אויף די דעמאָנסטראַנטן. עס זיינען געפאַלן טויטע און פאַרוואונדעטע. די פאַרוואונדעטע, וואָס האָבן געקאָנט גיין, זיינען אַוועק, זיך באַהאַלטן פון דער פּאָליציי. די

רעאַקציע האָט זיך ווידער צעשפּילט און געוויזן וואָס זי קען, ווי פאַר דעם, איידער דער צאַר האָט געגעבן די קאָנסטיטוציע.

דער טאָג פון 17טן אָקטאָבער האָט קלאָר באַוויזן, ווי מענטשן קאָנען זיין פריינט, זיך האַלטן ברידערלעך, פריי, ווען קיינער רייצט זיי ניט אָן איינער אויפן צווייטן. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מען דאַרף נאָר אויסשטרעקן די האַנט און דאָס, וועגן וואָס מען האָט אַזוי פיל יאָרן געטרוימט — „ברידערלעכקייט צווישן מענטשן" — וועט פאַרווירקלעכט ווערן. דאָס האָט אָבער אָנגעהאַלטן נאָר אַ מאָמענט און ניט מער.

די שטאָט וואַרשע

עס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן גרויע טעג. איך האָב זיך גענומען אַרומקוקן, וואו איך בין דאָ אין דער וועלט. די שטאָט האָט אויף מיר געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק. דער איינדרוק איז געווען, אַז וואַרשע איז ניט גאָר קיין אַלטע שטאָט, ווי אַנדערע הויפּט שטעט פון אייראָפּע. די שטאָט איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס הויפּט־שטאָט, צוליב איר צענטראַלער געאָגראַפישער לאַגע. פון שטאַנדפּונקט פון בילדלעכקייט און קאָמערץ איז די פּאָזיציע פון וואַרשע אויך זייער אַ געלונגענע. דער ווייסל מיט זיין הויכן ברעג איז אינגאַנצן אַ פּוילישער טייך און דער הויפּט־וואַסער־וועג פון פּוילן.

די באַפעלקערונג אין יענער צייט איז געווען ווייניקער ווי אַ מיליאָן, און די שטאָט האָט פאַרנומען דעם פינפטן פּלאַץ אין אייראָפּע לויט דער גרויס פון איר באַפעלקערונג, פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָס פאָלק איז געווען טיף־איינגעפונדעוועט אין דער אַלטער פּוילישער קולטור פון פאַרגאַנגענעם גלאַנץ.

דער ווייסל צעטיילט די שטאָט אין צוויי טיילן, און די פּאָליאַקן

האָבן צו אים אַ סענטימענטאַל־נאַציאָנאַלע באַציאונג, אַזוי ווי דייטשן צום רהיין, אַמעריקאַנער צום מיסיסיפּי און די רוסן צו דער וואָלגע.

אין פאַרגלייך מיט אַנדערע אייראָפּייאישע הויפּט־שטעט, איז וואַרשע נאָך ניט קיין אַלטע שטאָט. אין 13טן יאָרהונדערט איז וואַרשע געווען בלויז אַ פישער־דאָרף.

דער געשעפטלעכער טייל פון שטאָט, מיט אירע רעגירונגס־ און אַנדערע געביידעס, האָט דאַן פאַרנומען אַ גרויסן שטח. עס האָט זיך פאַרענדיקט מיט רעזידענץ־הייזער און פּאַרקן. אין יענער צייט זיינען אין וואַרשע געווען דער עיקר קליינע געשעפטן, ווייל די פּאָליאַקן האָבן פיינט געהאַט גרויסע דעפּאַרטמענט סטאָרס.

אין מיין צייט האָבן יידן, אָנגעטאָן אין חסידישע קליידער, ניט געטאָרט באַטרעטן דעם זאַקסישן גאָרטן, וועלכער האָט זיך געפונען אין צענטער פון שטאָט.

איך הייב זיך ווידער אָן לערנען

איך בין געקומען קיין וואַרשע זיך לערנען. האָב איך געפונען אַ לערער און ווייטער זיך גענומען גרייטן צו אַ קלאַס. אַריינטרעטן אין אַ פּריוואַטער גימנאַזיע, ווי איך האָב פריער גערעכנט, איז געווען פאַר־בונדן מיט אַ סך געלט — אַ זאַך, וועגן וועלכער איך האָב ניט געקאָנט חלומען אַפילו. חדשים־לאַנג האָב איך געלעבט אויף קאַרטאָפל און בוריקעס. די פּאָר מאָגערע רובל, וואָס איך פלעג אַמאָל קריגן צו־געשיקט פון דער היים, האָב איך איצט, צוליב דעם גענעראַל־סטרייק, ניט געקראָגן, ווייל די פּאָסט איז געווען פאַרקריפּלט. מיין לערער האָט געלערנט מיט מיר אויף באָרג. דאָס איז געווען דער שפּעטערדיקער שריפטשטעלער משה האַלטמאַן.

מיר האָבן זיך באַפריינדעט. אָבער לאַנג איז מיר ניט אויסגעקומען צו לערנען ביי אים. איך האָב געקראָגן אַ בריוו פון דערהיים און באַלד

נאָכדעם אַ טעלעגראַמע, אַז מיין פאָטער איז געפערלעך קראַנק. איך בין דעמזעלבן אָוונט אַרויסגעפאָרן פון וואַרשע, בין געפאָרן אַ גאַנצן שבת מיט דער באַן און בין אָנגעקומען אין פלונגיאַן זונטיק פרי. מיין פאָטער איז שוין געווען טויט. מען האָט נאָר געוואַרט מיט דער לוויה ביז איך וועל קומען.

דערווייל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אין שטעטל, אַז אין דער צייט פון די אומרוען אין וואַרשע האָט מען מיר אָפּגעשאָסן די פיס. מיין מוטער איז געווען זיכער, אַז איך קום אַ קאַליקע. דאָס גאַנצע שטעטל האָט אַרומגערינגלט די פור צו זען ווי מען טראָגט מיך אַרויס פון וואָגן. צו זייער אַלעמענס איבערראַשונג, האָב איך גאָר געקאָנט גיין ווי אַלע מענטשן.

נאָך מיין פאָטערס טויט בין איך אָפּגעווען מיט מיין מוטער אַ חודש צייט. מיר איז דאָס לעבן אין שטעטל שווער געווען, איך האָב באַשלאָסן אומצוקערן זיך קיין וואַרשע.

ווען איך בין צוריקגעקומען האָב איך שוין האַלטמאַנען, מיין לערער, דאָרט ניט געטראָפן. ער איז געווען רעדאַקטאָר פון אַ מיליטערישער צייטונג. ביי אים איז געווען אַ הויז־זוכונג, מען האָט צוגענומען אַלע זיינע דאָקומענטן, אים אַליין אָבער האָט מען דאָן אין הויז ניט געפונען.

פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייטן האָט אים דערוואַרט אַ היפּש ביסל טורמע. די חברים האָבן אים מער ניט געלאָזט קומען אין זיין וואוינונג און אים גלייך אַוועקגעשיקט אין דער שווייץ. איך האָב גענומען אַן אַנדער לערער און פאַרגעזעצט מיין לערנען. נאָך די עקזאַמענעס בין איך צוריקגעקומען אין מיין שטעטל.

זייענדיק דעם זומער פון 1906 אין פלונגיאַן, האָב איך געקראָגן אַ בריוו פון האַלטמאַנען פון דער שווייץ, אַז ער וויל זיך אומקערן קיין רוסלאַנד, אָבער ער האָט קיין דאָקומענטן ניט. און אפשר קאָן איך אים העלפן. אַזוי ווי איך האָב געוואוינט ניט ווייט פון דער מעמעלער

גרענעץ, האָב איך אויף זיך גענומען די אַרבעט אים צו העלפן אַריבער־גנבענען די גרענעץ. מען האָט אונדז ביידן געכאַפּט און אַרעסטירט.

מען האָט אונדז געהאַלטן פאַר געפערלעכע פאַרברעכער. אָבער אָפּזייענדיק אַ קורצע צייט אין טורמע אין דעם דערבייאיקן שטעטל ריטעווע, האָט מען מיך אַרויסגעלאָזט, טאַקע צוליב דער גרויסער שתדלנות פון מיין מוטער און די באַלעבאַטים פון שטעטל. האַלטמאַנען האָט מען מיטן עטאַפּ אָפּגעשיקט קיין פּאָלטאַווע.

די גאַנצע צייט וואָס איך בין געווען אין שטעטל בין איך געווען אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי. דאָס זיין אונטער פּאָליציי־אויפזיכט איז פאַר מיר געווען אַן אָפּקומעניש. יעדע וואָך פלעג איך זיך מוזן ווייזן ביים פּריסטאַוו. ער פלעגט מיר שטעלן פראַגן. מיר איז דאָס נמאס געוואָרן און איך האָב באַשלאָסן צו פאַרלאָזן פּלונגיאַן.

איך האָב אויסגעקליבן צו פאָרן קיין בערלין. דאָרט האָב איך גערעכנט צו אַרבעטן בייטאָג אין פאַבריק, און אין אָוונט גיין אויף קורסן.

אין בערלין

ביז איך בין אָנגעקומען אין בערלין בין איך געוואוינט געווען צו לעבן אין גרויסע שטעט. דאָך האָט בערלין מיך איבערראַשט מיט אירע ברייטע, ריינע גאַסן, מיט די פּרעכטיקע פּאַרקן און סקווערן, דער ריין־געקליידטער עולם, די דייטשע העפלעכקייט, זייער שפּראַך — אַלץ האָט מיך פאַרכאַפּט און צעטומלט.

בערלין איז געווען אַ ראַשיקע שטאָט. דער טעמפּאָ פון איר באַ־פעלקערונג האָט אָנגעפילט די גאַסן מיט פּולסירנדיקן לעבן. צוליב דער גרויסער צאָל אַרבעטער, וואָס האָבן געדאַרפט פאָרן צו און פון דער אַרבעט, איז דער פאַרקער געווען זייער גרויס. צענדליקער באַן־ליניעס האָבן דורכגעקרייצט די שטאָט.

אין אָנהויב האָב איך זיך אין בערלין געפילט פאַרלאָרן. מיר האָט זיך געהאַט אויסגעדוכט, אַז איך פאַרשטיי דייטש, אָבער די ערשטע צייט האָב איך אין בערלין קיין וואָרט ניט פאַרשטאַנען.

איך האָב אָנגעהויבן זוכן אַרבעט. נאָך אַ פּאָר טעג זוכן האָב איך געפונען אַ פּלאַץ צו נייען אַרבל פאַר 12 מאַרק אַ וואָך. איך האָב געוואוינט אין אַ „מעדכען־היים", אַ „באָרדינג"־הויז פאַר מיידלעך. דאָרטן פלעגט מען דאַרפן גיין פרי שלאָפן, כדי ניט צו פאַרשלאָפן צו דער אַרבעט. אין אָט דער „היים" האָבן געוואוינט נאָך אַזעלכע מיידלעך פון קלענערע דייטשע שטעט. די „אַליאַנס איזראַעליט" האָט די „היים" סובסידירט.

די מיידלעך האָבן אין יענער צייט געפירט אַ מאָנאַטאָן לעבן, אָבער חברה פלעגן זיך אַן עצה געבן. איך דערמאָן זיך ווי אַ מיידל האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט אַז עס איז איר אומעטיק, זי האָט אָבער באַלד געפונען אַן אויסוועג: זי האָט אַריינגעגעבן אַן אַנאָנס אין דער צייטונג, אַז זי איז אַלעמאָל פריילעך („אימער הייטער") און זי האָט אָנגעהויבן קריגן בריוו פון יונגע מענער, וואָס האָבן זיך אָנגעבאָטן מיט איר צו פאַרברענגען. אַזוי האָט דאָס מיידל געקראָגן צענדליקער בריוו, און זי איז געווען שטענדיק פאַרנומען. אַזוי ווי ביי זיך אין צימער האָט זי ניט געטאָרט אַרויפנעמען קיין מענער, פלעגן די מענער זיצן אויסגעזעצט און וואַרטן, דאָס פריילעכע מיידל זאָל זיך באַווייזן.

אין דעמזעלבן הויז האָט געוואוינט אַן עלטערע דאַמע. זי פלעגט מיך אָפט נעמען אויף אַ שפּאַציר, ווייזן מיר די אויסנאַמס־פּלעצער פון בערלין. נאָך ביז היינט צו טאָג ווייס איך ניט, וואָס די אַלטע דאַמע האָט געטאָן אין „מעדכען־היים".

איינמאָל רופט מען מיך אַריין אין אָפיס פון דער „אַליאַנס" און מען פרעגט מיך צי איך וואָלט זיך וועלן לערנען, אַנשטאָט צו גיין אַרבעטן, און זיי וועלן מיך שטיצן. איך האָב באַלד צוגעשטימט. איך האָב אויסגעדריקט מיין פאַרלאַנג צו גיין אין דער הומבאָלד־

אַקאַדעמיע. דאָרט האָב איך אויפגענומען דייטשע ליטעראַטור און פּסיכאָלאָגיע, און פאַר אַ „תכלית" האָב איך אויפגענומען בוכהאַלטעריי און סטענאָגראַפיע.

איך האָב זיך אַ כאַפּ געטאָן צום לערנען מיט גרויס חשק. די גרויסע שטאָט האָט מיר פיל געגעבן אין באַצוג צו אַלגעמיינער אַנט־וויקלונג. עס איז ניט געווען קיין זונטיק, איך זאָל ניט באַזוכן אַ מוזיי אָדער טעאַטער. אויסער דעם בין איך נאָך געגאַנגען דריי מאָל אַ וואָך אין דער אַרבעטער־בילדונגס־שולע, וואו איך האָב אויפגענומען פּאָליטישע עקאָנאָמיע, די געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. די בעסטע לערער, אַרבעטער־פירער, זיינען דאָרטן געווען, ווי לעדעבור, מוין ענבערעכער, האַזע, ראָזאַ לוקסענבורג און אַ סך אַנדערע.

מיט גרויס רעספּעקט פלעגן די דייטשן רעדן וועגן ראָזאַ לוקסענ־בורג. זי איז געווען לערערין אויף די העכערע קורסן. אַ קוק טאָן אויף ראָזאַן איז געווען גענוג צו קומען צום שלוס, אַז דאָ האָט מען צו טאָן מיט ניט קיין געוויינלעכן מענטשן. אמת, זי איז געווען ניט קיין שיינע, אָבער אויגן האָט זי געהאַט מערקווירדיקע, טיפע, שוואַרצע, דורכדרינגענדיקע. זי האָט געטראָגן אַ הויכע פריזור, ווי עס איז דאַן געווען אין דער מאָדע. איר פיגור איז געווען ניט־פּראָפּאָרציאָנעל גע־בויט. אין די היפטן איז זי געווען זייער ברייט און דער אויבערשטער טייל פון קערפּער איז געווען שמאָל. זי איז געווען נידעריקער פון מיטעלן וואוקס, פלעגט טראָגן אַ לאַנגן שוואַרצן ראָק מיט קאָלירטע בלוזעס.

ווען ראָזאַ לוקסענבורג האָט גערעדט, איז יעדעס דייטשע וואָרט געווען ווי געציילטע פּערל, הגם מיט אַ לייכטן אַקצענט. ווען זי פלעגט ערגעץ־וואו רעדן אויף אַ פאַרזאַמלונג, פלעגן די אַרבעטער שטראָמען אין די הונדערטער, גלייך נאָך דער אַרבעט. זי איז געווען זייער פּאָפּולער ביי די מאַסן.

מען שיקט מיך אַרויס פֿון בערלין

איך האָב אָפּגעלעבט אין בערלין אַ יאָר צייט. מען האָט אין יענעם יאָר זיך געריכט צו פייערן דעם ערשטן מאַי. איך האָב אַרויסגעקוקט אויף דער געלעגנהייט צו הערן בעבעלן. זינגער האָט אויך געדאַרפט אַרויסטרעטן. גלייך אין דער פרי בין איך אַוועק צום זאַל, כדי צו זיין זיכער, אַז כ'וועל קאָנען אַריינגיין. צוערשט האָט גערעדט זינגער; בעבעל איז קראַנק געוואָרן און האָט ניט געקאָנט קומען. ווען די פאַרזאַמלונג האָט זיך געענדיקט און איך מיט אַ פּאָר ליטווישע מיידלעך זיינען אַרויס פון זאַל אַהיים צו גיין, איז צו אונדז צוגעגאַנגען אַ דעטעקטיוו, האָט אונדז געוויזן זיין „בלעכל" און געזאָגט, אַז מיר זיינען אַרעסירט. מען האָט אונדז אַוועקגעפירט אין דער פּאָליציי־סטאַנציע און אונדז געזאָגט, אַז מען „וויזט אונדז אויס" פון בערלין. מען האָט אונדז געגעבן אייניקע טעג צו ליקווידירן אונדזערע „געשעפטן" און נאָכדעם מוזן מיר פאַרלאָזן.

די גאַנצע צייט וואָס איך בין געווען אין בערלין האָב איך ניט אויפגעהערט זיך דורכצושרייבן מיט האַלטמאַנען. ער האָט צו יענער צייט געקראָגן אַ שטעלע אין מירגאָראָד (פּאָלטאַווער גובערניע) און ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז מען האָט מיך אַרויסגעשיקט פון בערלין, האָט ער מיך איינגעלאַדן צו זיין מוטער. איך בין צוערשט אָנגעקומען צו מיין מוטער, אָפּגעווען מיט איר אַ פּאָר וואָכן און נאָכדעם אַוועקגעפאָרן קיין מירגאָראָד. שפּעטער בין איך אָפּגעפאָרן קיין פּאָלטאַווע און אָפּגעווען מיט זיין מוטער אַ פּאָר וואָכן.

איך האָב זיך זייער גוט דערהוילט. איך האָב דאָס זייער נויטיק געדאַרפט. זייענדיק אין בערלין, האָב איך פון דער שווערער אַרבעט אין פאַבריק און פון דעם אָנגעשטרענגטן לערנען פאַרלאָרן אַ סך וואָג. די שטיצע, וואָס איך פלעג קריגן פון דער „אַליאַנס איזראַעליט", איז ניט געווען גענוג אויף גוט זיך צו נערן. מיינע כוחות האָבן געהאַלטן

ביים אויסשעפּן זיך. ווען איך האָב זיך אומגעקערט צוריק אַהיים, בין איך געוואָרן אַ לערערין, גענומען געבן פּריוואַטע שטונדן. האַלטמאַן איז אויך געקומען אין שטעטל פאַרן ווינטער און איז אויך געוואָרן אַ לערער.

כמעט אַ יאָר צייט האָבן מיר פאַרבראַכט אין שטעטל. נאָכדעם זיינען מיר פון דאָרטן אַוועק קיין ווילנע. ער איז פון דאָרטן אַוועק קיין ראָסלאַוול צו זיין שוועסטער, און איך בין אַוועק קיין וואָלקאָווישקי. אַזוי ווי איך האָב געהאַט פאַרדינט גענוג געלט פון פריערדיקן ווינטער, האָב איך באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין אַ פּריוואַטער גימנאַזיע אין זיבעטן קלאַס. איך האָב געלערנט אַ ווינטער אין וואָלקאָווישקי. ווען איך בין נאָכן לערנען געקומען אַהיים, איז האַלטמאַן אויך געקומען.

איך האָב חתונה מיט מיין לערער משה האַלטמאַן

דעם 10טן סעפּטעמבער, 1909, האָבן מיר חתונה געהאַט. באַלד נאָך דער חתונה איז ער אַוועק קיין מאַנהיים, שטודירן אויף אינזשענער. איך בין געבליבן אין שטעטל, ווייל איך האָב געמוזט אַרבעטן, כדי אים צו שטיצן. אין דריי מאָנאַטן שפּעטער האָב איך מיין אַרבעט אויפגעגעבן און בין אַוועקגעפאָרן צו אים קיין מאַנהיים, דייטשלאַנד, מיט דער פאַרשטענדיקונג, אַז מיין ברודער וועט מיר שטיצן פאַר דער צייט וואָס איך וועל זיין אין אויסלאַנד.

איך האָב דאָרטן פאַרבראַכט זעקס חדשים צייט. דעם 16טן סעפּטעמבער, 1910, בין איך צוריקגעקומען אין שטעטל, וואו איך האָב געבוירן מיין ערשט קינד. איך בין שוין גאַנצע דריי יאָר פאַרבליבן אין שטעטל. האָב איך גענומען אַ פּרוּוו אויפצופּאַסן אויף מיין טעכטערל און אַליין האָב איך זיך פאַרנומען מיט געבן שטונדן. איך האָב אויף

זיך געגומען די פֿאַרפּליכטונג צו העלפֿן מיין דעמאָלטיקן מאַן אין זיין שטודיום, און איך האָב דאָס געוואָלט אונטער אַלע אומשטענדן דורכ־פֿירן.

מיין מוטער האָט נאָך אָנגעהאַלטן די בעקעריי. אַזוי ווי אויף צו דינגען אַרבעטער האָבן די געשעפֿטן ניט געטראָגן, פֿלעג איך מוזן אויפֿשטיין פֿאַרטאָג און אַרויסהעלפֿן מיין מוטער באַקן. אַרום 9 אַזייגער אין דער פֿרי האָט זיך געענדיקט די אַרבעט און עס האָט זיך אָנגעהויבן מיין צווייטע אַרבעט פֿון געבן שטונדן. איך האָב געהאַט אַראַנזשירט אַזוי, אַז די שילער זאָלן קומען צו מיר. אַזוי פֿלעג איך אַרבעטן נאָך 7־8 שטונדן אַ טאָג.

ווען איך האָב געענדיקט דעם טאָג לערנען, פֿלעג איך זיין אַ טויט־מידע. איך בין אָבער געווען פֿול מיט ענערגיע. אַדאַנק דעם קינד, האָט זיך מיין גאַנצער פּסיכישער צושטאַנד געענדערט. פֿריער בין איך געווען ניט קיין צוגעלאָזטע און האָב ניט געהאַט קיין אינטערעס צו קינדער, אָבער מיין קינד, דאָס קליינע נפֿשל, האָט מיך געמאַכט וואַכ־זאַמער און פֿלינקער. דאָס שטענדיקע זאָרגן פֿאַרן קינדס געזונט, דאָס האָדעווען און אויפֿפּאַסן האָט מיך געמאַכט ווייכער, איך וואָלט געזאָגט — מענטשלעכער און וואַרעמער.

עס האָט ניט געגומען לאַנג און איך בין אַריין אין דער ראָל פֿון אַ מוטער. ווען איך האָב נאָר געהאַט אַ פֿרייע מינוט, פֿלעג איך נייען, שטריקן זאַכן, אַלץ פֿאַרן וואוילזיין פֿון מיין קינד.

אין אַמעריקע



רחל האָלטמאַן (אין 1914)

איך פאָר קיין אַמעריקע

אין 1912 האָט האָלטמאַן געענדיקט זיין שטודיום און איז אַוועק קיין אַמעריקע. אין אַ יאָר אַרום בין איך מיטן קינד אָפּגעפאָרן צו אים. ער האָט דעמאָלט געוואוינט אין מינעאַפּאָליס.

ווען איך בין אָנגעקומען אין מינעאַפּאָליס, האָט זיך מיר די ערשטע צייט אויסגעדוכט, אַז איך וועל זיך אין קיין פאַל ניט קאָנען איינלעבן אינעם „לאַנד פון די גרויסע מעגלעכקייטן". האָלטמאַנס פאַרדינסטן זיינען געווען זייער קליינע. מיר האָבן געוואוינט אין אַ דאַכשטוב אין מינעאַפּאָליס און געצאָלט 11 דאָלער אַ חודש דירה־געלט. ווי שווער עס איז מיר ניט געווען אין דער היים, האָב איך געהאַט ניט קיין שלעכטן צימער, נאַרהאַפטע שפּייז, אָבער דאָ האָבן אָפט פיל זאַכן אויסגעפע[illegible]. חדשים לאַנג האָב איך ניט געוואָלט אויספּאַקן מיין קופערט, מיט דער האָפענונג, אַז איך וועל באַלד קאָנען פאָרן צוריק.

אָבער דאָ האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. דערצו נאָך האָב איך אין צען מאָנאַטן נאָך מיין אָנקומען אַהער געבוירן מיין צווייט קינד, עליס. פון פאָרן באַלד צוריק האָט שוין קיין רייד ניט געקאָנט זיין. איך האָב שלום געמאַכט מיטן געדאַנק און מיט די שווערע באַדינגונגען און זיך באַמיט איינצולעבן זיך אין אַמעריקע.

אין הויז האָב איך אַלץ געטאָן אַליין. אין צוויי קליינע צימערלעך מיט צוויי קינדער איז געווען גאַנץ ענגלעך. דאָך האָב איך געפונען צייט צו לייענען און זיך לערנען ענגליש. איך האָב זיך גענומען ערנסט צום לערנען די שפּראַך.

דער ערשטער לערער מיינער איז געווען אַ יונגער ייִנגל פונעם זעלבן הויז. איך פלעג פאַר אים לייענען און ער פלעגט קאָרעגירן מיין אויסשפּראַך. די אויסשפּראַך איז פאַר מיר געווען דאָס שווערסטע, ווייל

ביז איצט בין איך געווען געוואוינט צו פּאָנעטישע שפּראַכן, אין ענגליש אָבער האָב איך געלייענט איין זאַך און אַרויסגערעדט אַ צווייטע. ווען איך בין דאָס ענדלעך איבערגעקומען, האָב איך גענומען אַ לערערין פון פּאַבליק־סקול. אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך אָנגעהויבן לייענען צייטונגען, זשורנאַלן און אַפילו ביכער אין ענגליש.

מיין באַקאַנטשאַפט מיט דער אימיגראַנטישער סביבה האָט מיך דעמאָלט ווייניק־וואָס באַפרידיקט. די מענער פלעגן זיך צוזאַמענקומען ביי דר. מעלעק אין הויז, אָדער ביי דר. קריטשעווסקי, אַמאָל אויך ביי יוסף ראָזין, וועלכער איז שפּעטער יאָרן־לאַנג געווען פאַרבונדן מיט דער „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע". דר. מעלעק איז געווען אַ גוטמוטיקער מענטש, ער האָט זיך אָבער מער אינטערעסירט מיט מעדיצין, ווי מיט אַנדערע זאַכן. גאַנץ אַנדערש איז געווען צו יענער צייט דר. קריטשעווסקי. פון דערהיים איז ער געווען אַן „עס־עס־אָוועץ". ער איז געווען שטאַרק נאַציאָנאַליסטיש געשטימט. מיר זיינען דאָס ניט געווען, און דאָך פלעגן מיר מיט אים פאַרברענגען אינטערע־סאַנטע שטונדן. ער האָט געהאַט אַ ברייטן קוק אויף זאַכן און זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, ליטעראַטור און קונסט. ער האָט געקראָגן זיין טיטל דאָקטאָר כעמיע אין פראַנקרייך. אין מינעאַפּאָליס האָט ער געאַרבעט אַלס דאָצענט אין דאָרטיקן אוני־ווערסיטעט. די סטודענטן האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט, מעגלעך דער־פאַר, וואָס ער איז געווען אַזוי אַנדערש ווי די איבעריקע אַמעריקאַנער פּראָפעסאָרן. ער האָט געהאַט אַ סך דערפאָלג, ווייל ער איז געווען אַ גוטער כעמיקער און דערצו געווען גוט־ברודער מיט די סטודענטן.

יוסף ראָזין האָט געהאַט אַ פאַרם הינטער דער שטאָט מינעאַפּאָליס. אַהין פלעגט אונדזער גאַנצע פאַמיליע אַרויספאָרן פאַרברענגען דעם זונטיק. דעמאָלט איז נאָך ראָזין ניט געווען אַזוי באַרימט ווי ער איז שפּעטער געוואָרן, אָבער געוויסע כאַראַקטער־שטריכן האָט מען שוין דעמאָלט געקאָנט באַמערקן. אַזוי, צום ביישפּיל, זיין ברייטהאַרציקייט

— אַ שטריך, וועלכער איז ביי אים אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן פאַרבליבן. קיין זאַך איז פאַר זיינע געסט ניט געווען צו טייער אָדער צו פיל. די זעלביקע גאַסטפריינטלעכקייט האָט אַרויסגעוויזן אויך זיין פרוי.

צו פאַרברענגען מיט דער פאַמיליע ראַזין איז געווען אַ גרויסער גייסטיקער גענוס. עס איז ניט געווען קיין באַדייטנדיקער זשורנאַל אין ענגליש, רוסיש אָדער דייטש, ער זאָל ניט אויסשרייבן. דערהויפּט האָט ער געהאַט אַ סך רוסישע זשורנאַלן. זיין פרוי, אַן עכטע רוסין, האָט מייסטנס גערעדט אין איר שפּראַך — רוסיש.

די מענער האָבן אָרגאַניזירט אַ קרייז צו לייענען וועגן פּאָליטישע און סאָציאַלע פראַגן. די פרויען האָבן זיך דערמיט ניט פאַראינטערע־סירט, זיי האָבן זיך פאַרנומען בלויז מיט דער ווירטשאַפט. מען פלעגט זוכן אויסצוגעמען איינע ביי דער צווייטער מיט באַקן טאָרט און מאַכן „פּאַרטיס". מיר איז אַזאַ לעבן באַלד דערעסן געוואָרן. איך בין דעריבער געווען זייער צופרידן, ווען האַלטמאַן איז איין טאָג געקומען און גע־זאָגט, אַז ער האָט געקראָגן אַ שטעלע אין „וועסטינגהאַוז עלעקטריק קאָמפּאַניע" אין פּיטסבורג אַלס צייכענער, און אַז פּאָרט אַהין. איך בין דערווייל געבליבן מיט די קינדער אין מינעאַפּאָליס.

צו יענער צייט האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט אַלעקסאַנדראַ קאָלאָנטאַי. דאָס איז געווען אין 1916. זי איז גע־קומען קיין מינעאַפּאָליס, ווען זי האָט געמאַכט אַ לעקציע־טור איבער אַמעריקע. זי האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַן אויסגעצייכנטן איינדרוק, ניט נאָר מיט איר רעדן (זי איז געווען אַ זעלטן־פּליסיקע רעדנערין), נאָר אויך מיט איר אויסזען. זי איז דאַן געווען שלאַנק, אַ בלאָנדע שיינהייט, הויך, מיט אַ זייער אויסדרוקספולן פּנים, גראַציעז און געשמאַקפול געקליידט. דערצו נאָך האָט זי גערעדט אַ פליסיקן דייטש, אַביסל ענגליש, אַ פּערפעקטן רוסיש. זי האָט אויך געקענט פראַנצויזיש און פיניש.

זי האָט מיר דאָן דערציילט וועגן זיך, אויך וועגן קלאַראַ צעטקין. זי האָט פון איר שטאַרק געהאַלטן. צו ווייזן ווי גוט קלאַראַ צעטקין איז, האָט זי פאַנאַנדערגענומען אירע אָרעמס און געזאָגט: „אַט אַזאַ גרויס האַרץ האָט קלאַראַ.“

קאָלאָנטאַי האָט שוין דאָן געהאַט אַ לאַנגן רעקאָרד פון העפטיקע קאַמפּן. אין דעם פאַר־רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד איז זי געווען אַקטיוו אין דער פרויען־באַוועגונג, דעמאָלט ווען די פרויען אין איירָאָפּע האָבן געקעמפט פאַר גלייכע רעכט. זי האָט פאַרגעטערט לעניגען און שוין דעמאָלט פאַראויסגעזען די גרויסע ראָל, וואָס לענין וועט שפּילן אין דער רוסישער רעוואָלוציע.

נאָך דער רעוואָלוציע איז זי אַ היפּשע צייט געווען אַקטיוו אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. זי איז דער אויטאָר פון אייניקע ווערק. איין צייט איז זי געווען אַמבאַסאַדאָר אין נאָרוועגיע, שפּעטער האָט זי געהאַט דעמזעלבן אַמט אין מעקסיקע. די לעצטע יאָרן איז זי אַמבאַסאַדאָר אין שוועדן.

איך פאָר קיין ניו־יאָרק

ביז האָלטמאַן האָט זיך איינגעאָרדנט און געקראָגן צימערן אין פּיטסבורג, בין איך געפאָרן צו מיינע קרובים אין ניו־יאָרק, צו דער פאַמיליע דזשייקאָבס. איך האָב זיך מיט זיי פריער ניט געקענט, אָבער ווען איך בין זיי געקומען זען, האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַזוי פיל פריינט־שאַפט, אַזוי פיל וואַרעמקייט צו די קינדער און צו מיר, אַז דער וויזיט וועט פאַרבלייבן איינע פון די שענסטע דערינערונגען אין מיין לעבן.

ווען איך בין מיט דריי יאָר צוריק געהאַט געקומען פון ליטע, האָב איך קיין געלעגנהייט ניט געהאַט צו באַקוקן ניו־יאָרק. איצט ערשט האָב איך זיך גענומען צייט צו באַטראַכטן די גיגאַנטישע שטאָט.

איך בין באַצויבערט געוואָרן פון דער אַמעריקאַנער אַרכיטעקטור. אירע באַנקען, אירע אייזנבאַן־סטאַנציעס, סחורה־לאַגערן, רעסטאָראַנען, אירע געשעפטן — מיט איין וואָרט: אַלע טיילן פון דער הײַנטיקער אַמעריקאַנער שטאָט זײַנען גאָר ניט ענלעך געווען צו דעם, וואָס איך האָב פריער געהאַט געזען אין רוסלאַנד אָדער דײַטשלאַנד. פון אַלע אַמעריקאַנער שטעט, וואָס איך האָב געזען ביז איצט, איז ניו־יאָרק מיר פאָרגעקומען די מערקווירדיקסטע לויט פאַרנעם, רײַכקייט און פולקאָמענהייט.

צוערשט האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז ניו־יאָרק איז אַ גאַנץ־נײַע שטאָט. אָבער שפּעטער האָב איך געפונען סימנים, אַז זי איז אויך אַן אַלטע שטאָט. קוקט מען זיך צו צו די טויזנטער נײַע געביידעס, נײַע גאַסן, וועלכע ציען זיך מײַלן־ווײַט, דוכט זיך אויס, אַז דאָס איז אינגאַנצן אַ נײַע שטאָט. דאָך זײַנען פאַרבליבן אין צענטער פון שטאָט אַ סך געביידעס, אַפילו אַ בית־עולם, נאָך פון די ערשטע אײַנוואַנדערער.

אין יענעם זומער, וואָס איך בין צום ערשטן מאָל געווען אין ניו־יאָרק, האָט זיך די שטאָט געבויט זייער שנעל. ניו־יאָרק רעכנט זיך ניט מיט אַלטערטימלעכקייטן. ווען מען דאַרף אויסבויען אַ בריק אָדער אַ וואָלקנקראַצער, צי אַ באַן־ליניע, ווערט אַלץ פון וועג אָפּגעראַמט, כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַרן נײַעם.

איך האָב זיך דאָס ערשטע מאָל צוגעקוקט צו בראָדוויי, איינע פון די באַרימטסטע גאַסן פון ניו־יאָרק, וועלכע רופט זיך אויך „דער גרויסער מילך־וועג". דאָ געפינען זיך די טעאַטערס, פילם־הײַזער, רעסטאָראַנען און די רײַכסטע געשעפטן. אין אָוונט ווערן אָנגעצונדן טויזנטער רעקלאַמעס, וואָס פאַרמאָגן מיליאָנען לעמפּלעך פון פאַרשיידענע קאָלירן. דער שײַן פון די לעמפּלעך איז אַזוי שטאַרק, אַז צוליב דעם האָט מען עס אָנגערופן מיט דעם באַרימטן אַסטראָנאָמישן נאָמען „מילך־וועג".

איך האָב אויך באַזוכט די איסט־סאַיד, מיט אַזעלכע ניט־געהויבענע

גאַסן ווי אָרטשאַרד סטריט, ברום סטריט, סאַפאָלק, אַלען און אַנדערע, וואו עס האָט געוואוינט די אָרעמשאַפט און שלעכט־באַצאָלטע אַרבעטער. אויף די דאָזיקע גאַסן האָב איך געזען אַ סך אַלטע הייזער, און אין די שמאָלע געסלעך — אַ סך אָרעם־געקליידטע פרויען און קינדער.

איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַזוכן הייזער, וואו מיינע קרובים האָבן געוואוינט. קיין צענטראַלע באַהייצונג איז אין אַזעלכע הייזער ניט געווען. אין אויוון פאַר אַלע צימערן. אויף דעם אויוון פלעגט מען קאָכן, און זומער אין די גרויסע היצן פלעגט אין אַזעלכע צימערן זיין אוממעגלעך צו אָטעמען. אַרויסגיין פון אַזעלכע קעמערלעך איז ניט געווען וואו, סיידן אויפן דאַך אָדער אויפן „פייער־עסקייפ”. פלעגט זיך טאַקע דאָס גאַנצע לעבן ביינאַכט אָפּשפּילן אויפן דאַך.

אַט אַזוי האָב איך געזען צוויי פאַרשיידענע שטעט אין דעם זעלבן ניו־יאָרק.

איך בין אָפּגעווען אין ניו־יאָרק פיר וואָכן און בין נאָכדעם אָפּגעפאָרן קיין פּיטסבורג.

איך טרעט אַריין אין פּיטסבורגער אוניווערסיטעט

די שטאָט פּיטסבורג איז מיר גאָר ניט געפעלן געוואָרן. רויך און שטויב אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר, אַזוי אַז וויפיל מען זאָל זיך ניט וואַשן, זעט מען קיינמאָל ניט אויס ריין. אַלץ און אַלע זיינען פאַררויכערט. עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס פּיטסבורג גיט דעם גרעסטן פּראָצענט טובערקולאָז־קראַנקע דאָ אין לאַנד.

אין פּיטסבורג איז דאָס לעבן געווען אַביסל בעסער, ווי אין מינעאַפּאָליס. האַלטמאַן איז געוואָרן אַ מיטגליד אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. צוליב זיינע בעסערע פאַרדינסטן האָבן מיר געקאָנט לעבן

בעסער. דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן איז אויך געווען מער צופרידנ־שטעלנדיק. ער פלעגט גיין צו מיטינגען. איך מיט די קינדער פלעגן בלייבן אין הויז. ווען ער איז געקומען אַהיים, האָט ער מיר דערציילט וואָס עס איז ביי די מיטינגען פאָרגעקומען. נאָך אַ טאָג אַרבעט אין הויז מיט די קינדער, פלעג איך זיין אימשטאַנד נאָר צו לייענען צייטונ־גען און ווען־ניט־ווען אַ בוך. איך בין געווען נייגעריק זיך צו באַקענען מיטן טאָג־טעגלעכן לעבן, מיט אַמעריקאַנער זיטן און מנהגים, און וואָס עס אינטערעסירט די מענטשן, צווישן וועלכע עס איז מיר אויסגעקומען צו לעבן.

אַ יאָר שפּעטער האָב איך באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין אוני־ווערסיטעט. אַלע באַדינגונגען זיינען געווען גינסטיק פאַר דעם. מיט די צייגנישן, וואָס איך האָב געהאַט, האָט מען מיך אָנגענומען אויפן צווייטן קורס. מען האָט מיך עקזאַמענירט און מיר פאַררעכנט דאָס לערנען אין רוסלאַנד און אין דייטשלאַנד. מיין עליס איז דאַן אַלט געווען פיר יאָר, מיין העלען — זיבן.

מיר האָבן געוואוינט ניט ווייט פון אוניווערסיטעט. דער אוניווער־סיטעט האָט געהאַט אַ דזשאָן דיואי שול פאַר קליינע קינדער, „די סקול אָוו טשאַילדהוד" האָט עס געהייסן. איך פלעג אַלע אינדערפרי נעמען די קינדער מיט זיך, זיי לאָזן אין דער קינדער־שול פון אוניווערסיטעט, און נאָכדעם אַליין גיין צו די לעקציעס. איך האָב אַלע מאָל איינגעאָרדנט מיינע לעקציעס אַזוי, אַז איך זאָל פריי ווערן פריער פאַר די קינדער. איך פלעג שוין וואַרטן אויף זיי, זיי צו נעמען אַהיים. די קינדער האָבן געקראָגן אין שול מאָלצייטן, מילך און זייער גוטן אונטערריכט. פאַר דעם אַלעם האָב איך געצאָלט.

הגם איך בין ווייניק געגאַנגען צו מיטינגען און האָב אָפיציעל צו דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי ניט געהערט, בין איך דאָך געווען אינ־פאָרמירט וועגן אַלע געשעענישן, געוואוסט וועגן די וואַקלענישן פון דער

דאַזיקער באַװעגונג, איר באַציאונג צום װעלט־קריג, דעם אָפּאָרטוניזם פון צװייטן אינטערנאַציאָנאַל.

צו יענער צייט (אין 1918) איז אין שיקאַגאָ אָפּגעהאַלטן געװאָרן אַ סאָציאַליסטישע קאָנװענשאָן. דעמאָלט האָט דער לינקער פליגל זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. װען די שפּאַלטונג איז פאָרגעקומען, האָט דער רעכטער פליגל סוספּענדירט זיבן שפּראַך־פעדעראַציעס און די גאַנצע אָרגאַניזאַציע פון דעם שטאַט מישיגען. די סאָציאַליסטן זיינען אַפילו געגאַנגען אַזוי װייט װי רופן די פּאָליציי, אַרויסצוװאַרפן דעם לינקן פליגל פון קאָנװענשאָן־זאַל.

דער אונטערשייד צװישן די רעכטע און די לינקע איז געװען זייער אַ גרויסער. דער רעכטער פליגל האָט געשטיצט די מלחמה־אַרבעט פון צװייטן אינטערנאַציאָנאַל. אומעטום זיינען געװען זייערע פירער. זיי האָבן געהאָלפן דער רעגירונג דורכפירן איר אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק. דער קאַפּיטאַליזם האָט גאַנץ גוט אויסגענוצט דעם רעכטן פליגל, װעלכער האָט סאַבאָטאַזשירט די אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע פון דער סעינט־לואיסער קאָנװענשאָן.

אין דער צייט װאָס איך בין געװען אין אוניװערסיטעט, האָב איך אָרגאַניזירט אַ קלוב פון סטודענטן און סטודענטקעס, װעלכע פלעגן קומען צו אונדז אין הויז. זיי, די סטודענטן, פלעגן לייענען פאַרשיידענע ביכער און זשורנאַלן, און דיסקוטירן די פּראָבלעמען, װאָס די אַרטיקלען האָבן באַהאַנדלט. דער קלוב האָט זיך אינטערעסירט ניט נאָר מיט אַל־װעלטלעכער פּאָליטיק, נאָר אויך מיט דער אַמעריקאַניש־נאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

די אַמעריקאַנער אַרבעטער דערװאַכן

דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס האָט אָנגעהויבן דערװאַכן און זיך גענומען אַרומקוקן, װאָס ער האָט צו דערװאַרטן פון אימפּעריאַ־

ליסטישן קריג. די אַנטווישונג איז געווען אַ גרויסע. די בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען און גרעסערע שכירות, וואָס די אַרבעטער האָבן געהאַט אויסגעקעמפט אין דער מלחמה־צייט, האָבן די באַלעבאַטים גע־נומען אָפּשאַפֿן. מען האָט גענומען שניידן שכירות אין אַלע גרונט־אינדוסטריעס פֿון לאַנד. די אַרבעטער האָבן ניט געשוויגן און גע־ענטפֿערט די באַלעבאַטים מיט גרויסע סטרייקס.

די היגע לינקע באַוועגונג איז אַרויסגעוואַקסן פֿון אַמעריקאַנער באַדינגונגען. עס האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אַן אויסניכטערונג פֿון אַ שווינדל, וואָס מען האָט אָנגערופֿן „קריג צו מאַכן אַ סוף צו קריג", „מאַכן די וועלט זיכער פֿאַר דעמאָקראַטיע". די אַלע וואָס האָבן ניט געהאַט די אָנגענומענע מיינונג וועגן קריג און וועגן „ראַטעווען די וועלט פֿאַר דעמאָקראַטיע", זיינען פֿאַרפֿאָלגט געוואָרן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פּאָליציי־איבערפֿאַלן און דעפּאָרטאַציעס פֿון פֿרעמד־געבוירענע. אין די טויזנטער האָט מען זיי דעמאָלט אַרויסגעשיקט פֿון לאַנד. די פֿרייהייטן פֿון פֿאַרזאַמלונג, רעדע און פּרעסע זיינען געוואָרן ניט מער ווי אַ קאָמופלאַזש. דער הערשנדיקער קלאַס האָט געטאָן אַלץ, ווי אַם ווירקזאַמסטן צו אונטערדריקן די אַרבעטער. דוכט זיך, אַזאַ ליבעראַלער פּרעזידענט ווי ווילסאָן, וועלכער האָט געשיקט אַן אַרמיי קיין פֿראַנקרייך צו „פֿאַרזיכערן די וועלט פֿאַר דעמאָקראַטיע", אָפּילו ער האָט געוויזן זיין ריכטיקן קאָליר. ער האָט זיך דערשראָקן פֿאַרן „געשפּענסט, וואָס שפּאַנט איבער איראָפּע". די טרויעריק־באַרימטע פּאַלמער־„רעידס" זיינען געווען דער רעזולטאַט דערפֿון.

אין 1922 איז אַלפֿרעד סמיט דערוויילט געוואָרן גאָווערנאָר פֿון דעם שטאַט ניו־יאָרק אויף דעם דעמאָקראַטישן „טיקעט", וואָס האָט פֿאַרשפּראָכן סאָציאַלע געזעצגעבונג, פּראָגרעסיווע אַרבעטער־געזעצן. באַלד דערנאָך האָט האַרדינג, אַלס פּרעזידענט, גענומען באַפֿרייען די „אַי־דאַבליו־דאַבליו" און אַנדערע פּאָליטישע געפֿאַנגענע פֿון די פֿעדעראַלע טורמעס.

מיר הייבן אָן אַרויסגעבן דעם „קאַמף״

מיר זיינען אָנגעקומען אין ניו־יאָרק. די ערשטע צייט האָבן מיר געהאַט שוועריקייטן מיט קריגן אַ דירה. עס איז געווען באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. מען האָט די גאַנצע צייט פון קריג ניט געבויט, איז געווען אַ דוחק אין צימערן. מיר האָבן זיך פאַרקליבן אַזש אין קוני־איילאַנד. ווינטער־צייט איז עס געווען אַן אָפּקומעניש.

איידער מען האָט געגרינדעט די „פרייהייט״, דעם 2טן אַפּריל, 1922, האָט מען מיט אַ יאָר פריער אָנגעהויבן אַרויסגעבן דאָס וואָכנ־בלאַט „דער קאַמף״. האַלטמאַן איז אויסגעקליבן געוואָרן ווי דער רעדאַקטאָר. אַלס רעדאַקטאָר האָט ער געהאַט אַ מאַסע אַרבעט. אַזוי ווי מיטאַרבעטער זיינען געווען ווייניק, מען האָט זיי פשוט ניט געקאָנט קריגן, האָט מען מיך אויך איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט.

די ערשטע צייט פלעג איך מאַכן בלויז איבערזעצונגען, ווייל אַחוץ יידיש האָב איך אויך געקענט רוסיש, דייטש און שוין גאָר־נישקשהדיק ענגליש. איך פלעג זאַמלען מאַטעריאַלן, לייענען צייטונגען און זשורנאַלן, אָפּקלייבן פאַר דער רעדאַקציע דאָס, וואָס איז געווען נויטיק פאַרן וואָכנבלאַט, מאַכן אויסשניטן. אַזוי האָב איך ביסלעכווייז אָנגעהויבן שרייבן. איך האָב גענומען אָנפירן מיט דער אָפּטיילונג „פון אַלע וועלט־טיילן״ און געבן אַ באַגריף די אַרבעטער, וואָס עס טוט זיך אין דער אַרבעטער־באַוועגונג איבער דער גאַנצער וועלט. האַלטמאַן האָט מיר אין דער אַרבעט אַרויסגעהאָלפן. ער האָט געזען, אַז מיין העברייאישע אויסלייגעכץ זאָל זיין קאָרעקט. איך האָב שטאַרק אונטערגעהונקען אויף דעם.

צו יענער צייט האָט דער יוסטיץ־דעפּאַרטמענט זיך שטאַרק געשראָקן פאַר „קראַמאַלע״, האָט מען געדאַרפט אַריינשיקן אין דעם פעדעראַלן אַרבעטס־דעפּאַרטמענט אַן איבערזעצונג פון די לייט־אַרטיקלען פון די פרעמד־שפּראַכיקע צייטונגען. דאָס האָב איך געטאָן.

איך האָב זייער אָנגעשטרענגט געאַרבעט און אין פרי־יאָר 1922 בין איך צוזאַמענגעבראָכן. איך האָב גענומען פילן שלעכט. איך האָב זיך אָבער ניט געוואָלט אונטערגעבן. עס איז געווען אַזוי פיל אַרבעט.

מען האָט מיך איינגעלאָדן קיין באָסטאָן אויף צווי לעקציעס. איך האָב גענומען אַ פרוי, אויפצופאַסן אויף די קינדער אין דער צייט פון מיין אָפּוועזנהייט. אויף מאָרגן נאָך מיין אָנקומען אין באָסטאָן האָט מען מיך צוגענומען אין אַ שפּיטאָל, וואו איך בין אָפּגעלעגן זיבן וואָכן מיט דער שלאָף־קראַנקהייט.

ווען איך האָב זיך גענומען פילן בעסער, האָט מען מיך אַוועקגעפירט אויף אַ פאַרם. די פרישע לופט, די גוטע אויפפאַסונג האָט אויף מיר גוט געווירקט, אויך דאָס וואָס די קינדער זיינען לעבן מיר האָט מיר געהאָלפן שנעלער געזונט ווערן. מיין געזונט האָט זיך אויף אַזוי פיל פאַרבעסערט, אַז איך בין געווען אין דער לאַגע זיך אומצוקערן צוריק אין שטאָט און מיט באַנייטע כוחות אַריין צוריק אַרבעטן אין דער באַוועגונג.

אין 1923 האָט זיך אין אַמעריקע אָנגעהויבן דער פּעריאָד פון דער „קולידזש־פּראָספּעריטי". דאָס לאַנד האָט גענומען אַרויסקריכן פון דער מלחמה־דעפּרעסיע און אָנגעהויבן אויסלייען געלט צו אַנדערע מלוכות. די אינדוסטריעס האָבן זיך צעבליט. די קאַפּיטאַליסטן האָבן גענומען מאַכן גרויסע פּראָפיטן. די אַרבעטער האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן ווערן שותפים כלומרשט מיט די באַלעבאַטים. אָט די אילוזיע האָט צוגענומען די גאַנצע קאַמפּסלוסטיקייט פון די אַרבעטער, און זייער יוניאָן־מאָראַל איז שטאַרק געפאַלן.

די „קולידזש־פּראָספּעריטי" איז איצט געווען אין פולן שוואונג. פיל אינדוסטריעס האָבן געבליט. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די בעסטע צייטן זיינען געקומען פאַר די אַרבעטער. איז אָבער געווען די צרה, וואָס עס זיינען צוגעטראַכט געוואָרן נייע מאַשינען און דאָס האָט אַרויסגעוואָרפן אַרבעטער פון די פאַבריקן אין די צענדליקער טויזנטער.

אַרבעטער האָבן אָנגעפילט די וועגן, זיך געלאָזן גיין אין פאַרשיידענע שטעט זוכן אַרבעט.

פון יענער צייט געדענקט זיך מיר אָם מערסטן דער טעקסטיל־סטרייק אין פּאַסעיק, וואו פופצן טויזנט אַרבעטער האָבן אין יאַנואַר, 1926, אַוועקגעלייגט די אַרבעט אין „באָטאַני מילס". די אַרבעטער האָבן העלדיש אָנגעפירט דעם סטרייק און דערביי אַרויסגעוויזן זעלטענע אייניקייט קעגן די באַלעבאַטים.

פרויען האָבן אָנגעפירט מיט רעליף־אַרבעט פאַר די סטרייקער און האָבן אויף זיך גענומען די אַרבעט פון שפייזן טויזנט קינדער טעגלעך, אויסטיילנדיק עסן און מילך פאַר די קינדער.

דער סטרייק אין „באָטאַני מילס" האָט זיך לאַנג פאַרצויגן. ער האָט אָנגעהאַלטן עלף חדשים. ענדלעך האָבן די באַלעבאַטים פון די וועבערייען נאָכגעגעבן און די סטרייקערס האָבן געוואונען זייערע פאָדערונגען. דער סטרייק אין פּאַסעיק האָט אַנטוויקלט אַ שטאַרקן עלעמענט רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, מיט אַ נייעם באַגריף פון קלאַסנ־קאַמף, פּאָליטיש אַזוי גוט ווי עקאָנאָמיש.

סאַקאָ און וואַנזעטי

אַ טראַגישע געשעעניש אין יענער צייט איז געווען דער סאַקאָ און וואַנזעטי טויט־אורטייל, דעם 9טן אַפּריל, 1927.

ניקאָלאָ סאַקאָ און באַרטאָלאָמעאָ וואַנזעטי זיינען געווען צוויי איטאַליענישע אַרבעטער־אימיגראַנטן, וועלכע האָבן געהאָפט, אַז אַמע־ריקע וועט זיי געבן ברויט און אַ רואיק לעבן. ביידע זיינען אַריבער־געקומען אין 1908 און ביידע זיינען אין זייערע האָפענונגען אַנטוישט געוואָרן. אָבער זיי זיינען געווען יונג און שטאַרק, האָבן זיי געאַרבעט און געהאָפט, אַז זייער מאַטעריעלע לאַגע וועט זיך פאַרבעסערן. סאַקאָ

איז געוואָרן אַ גוטער שוך־אַרבעטער, וואַנזעטי — אַ פיש־הענדלער.ביידע האָבן געהערט צו אַן איטאַליענישער אָרגאַניזאַציע, און דאָרט געווען טעטיק צווישן די אימיגראַנטן.

ווען עס איז פאָרגעקומען אַ רויבעריי און מאָרד אין ברידזשוואָטער, מאַסאַטשוסעטס, וואו פופצן טויזנט דאָלער איז אַוועקגערויבט געוואָרן און דער קאַסירער איז דערהרגעט געוואָרן, האָט מען סאַקאָן און וואַנזעטין באַשולדיקט אין דער רויבעריי און מאָרד, און זיי פאַרמשפּט צום טויט.

זיבן יאָר זיינען די צוויי אומשולדיקע מענטשן אָפּגעזעסן אין טורמע. דורך די אַלע יאָרן זיינען מאַסן פּראָטעסטן אָפּגעהאַלטן געוואָרן ניט נאָר אין אַמעריקע, נאָר איבער דער גאַנצער וועלט. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן.

דעם טאָג פון זייער הינריכטונג בין איך געקומען אין „פרייהייט"־אָפיס זייער פרי. איך האָב דעמאָלט געאַרבעט אין דער נייעס־אָפּטיילונג. דער אָפיס איז שוין פון פרי אָן געווען פול מיט מענטשן. אין די טויזנטער האָט מען זיך געצויגן צו יוניאָן־סקווער. די פּאָליציי איז געשטאַנען אויף פּאַטרול. די אַרבעטער האָבן אויסגעדריקט זייער צאָרן און טרויער אויף אַ גרויסן מיטינג אין יוניאָן־סקווער. די צייטונגען „דעילי וואָרקער" און „פרייהייט" האָבן אַלע ווײַלע אַרויסגעגעבן בולעטינען, וואו עס האַלט. מען האָט נאָך אַלץ געהאָפט אויף אַ באַגנאַדיקונג די לעצטע מינוט. די צוויי אומגליקלעכע מענטשן האָט דאָך געטראָפן דער טראַגישער סוף. מען האָט זיי הינגעריכטעט אויפן עלעקטרישן שטול.

דאָס יאָר 1927 האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויסע סטרייקס פון ביטומינוס (ווייכע קוילן) קוילן־גרעבער. דער סטרייק האָט אָנגעהאַלטן איבער אַ יאָר צייט, האָט שטאַרק אויסגעמאַטערט די קוילן־גרעבער. מיר פלעגן נאָכאַנאַנד זאַמלען קליידער, שפּייז און געלט פאַר די סטרייקער. אין אַפּריל, 1928, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנווענשאַן

צו ראַטעווען די יוניאָן („סעיוו די יוניאָן"). דער סטרייק האָט אַזוי שטאַרק אָנגערירט די יוניאָן פון די קוילן־גרעבער, אַז זיי האָבן געשיקט 1,125 דעלעגאַטן, פאַרשטייער פון 100,000 אַרבעטער.

אין דעמזעלבן יאָר איז פאָרגעקומען דער סטרייק אין גאַסטאָניע, נאָרט קאַראָליינע. איך וועל ניט פאַרגעסן דעם איינדרוק, וואָס אויף מיר האָט געמאַכט דער טויט פון עלאַ מעי וויגינס, אַן אַרבעטערין, וואָס האָט געפּראַצעוועט גאַנצע 9 יאָר צייט אין די „לאָרי מילס" פון דער מענוויל דזשעקסאָן קאָמפּאַני. זי איז געווען אַן אלמנה, האָט געהאַט פינף קינדער און איז דערצו געווען אַקטיוו אין אָרגאַניזירן די אַר־בעטער. זי איז געווען אַן אויסגעצייכנטע אַרבעטערין. אין פרייע מינוטן פלעגט זי פאַרפאַסן לידער, פריילעכע און אומעטיקע, פאַר די סטרייקער.

איר געהאַלט איז קיינמאָל ניט געווען גרעסער ווי 9 דאָלער אַ וואָך. דאָס האָט שוין געהייסן אַ גוטער אַרבעטס־לוין. אַנדערע אַרבעטערינס פלעגן קריגן נאָך ווייניקער, ניט מער ווי 5 דאָלער אַ וואָך. מען קאָן זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַן עקספּלואַטאַציע דאָס איז געווען, און ווי נויטיק עס איז געווען מען זאָל אַזאַ וועבעריי אָרגאַניזירן און אַרויס־שטעלן פאָדערונגען.

די נאַכט פון 14טן סעפּטעמבער, 1927, איז אַ גרופּע סטרייקער געפאָרן צו אַ דערבאַייקן שטעטל צו אָרגאַניזירן אַ קליינע וועבעריי. אויפן „טראָק" וואו די סטרייקער זיינען געפאָרן, איז אויך געווען עלאַ מעי. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שאָס און עלאַ מעי איז געפאַלן טויט. דער מערדער איז שפּעטער דערקענט געוואָרן ווי דער הויפּט פון דער פּאָליציי פון גאַסטאָניע.

ווען הואָווער איז אין 1929 געוואָרן פּרעזידענט, האָט ער צו־געזאָגט „אַ הון אין יעדן טאָפּ און אַן אויטאָמאָביל אין יעדן גאַראַזש". אַנשטאָט דעם האָבן זיך באַוויזן די „הואָווערווילס", הייזקעס צוזאַמענ־

געקלאַפּט פון ברעטלעך און פּאַפּיר אויף די שטאָטישע מיסט־הויפנס.
דער קאַפּיטאַליזם האָט געקענט פּראָדוצירן אַ סך סחורה, ער האָט אָבער ניט געקענט געבן די מאַסן די מעגלעכקייט צו קויפן די פּראָדוקטן, וואָס זיי, די אַרבעטער, האָבן אַליין אויסגעאַרבעט. דער רעזולטאַט איז געווען איבערפּראָדוקציע. די מאַסן האָבן געמוזט אויסקומען אָן די נויטווענדיקסטע זאַכן צום לעבן.
שכירות זיינען געשניטן געוואָרן רעכטס און לינקס. אַרבעטסלאָזיקייט האָט גענומען שטייגן. די אַרבעטער־באַוועגונג איז זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן. די אַלטע פירער פון די טרעיד־יוניאָנס האָבן גענומען צוריקטרעטן און זיך אונטערגעבן.
די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט ניט געגעבן קיין פירערשאַפט די מאַסן. אין 1928 זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן וואַלן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואו די שטימען זיינען געווען אַ פערטל פון דעם, וואָס איז געווען אין 1920. איר מיטגלידערשאַפט איז שטאַרק געפאַלן, פון 70 טויזנט אויף ווייניקער ווי 20 טויזנט. דער איינפלוס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אויף די טרעיד־יוניאָנס איז געווען אומבאַדייטנדיק.

איך זעץ פאָר מיין שרייבן

דער אַרבעטער־רינג, אין וועלכן איך בין געווען אַ מיטגליד, האָט אַרויסגעגעבן דעם „פריינט״, אַ חודש־זשורנאַל. י. ב. ביילין איז דעמאָלט געווען בילדונגס־דירעקטאָר פון אַרבעטער־רינג און צוגלייך אויך רעדאַקטאָר פון „פריינט״. ער האָט ביי מיר באַשטעלט אַ סעריע אַרטיקלען איבער פּעדאַגאָגיק. איך האָב געשריבן וועגן פּעסטאַלאָצי, פּרעבל, הארבארט און די נייערע דערציער, ווי מאָנטעסאָרי, קילפּעטריק, דזשאָן דיואי און אַנדערע. אַזוי ווי מען פלעגט מיר דערפאַר צאָלן,

איז דאָס געווען אַ באַדייטנדיקע מאַטעריעלע הילף אין אונדזער מאָגערן בודזשעט.

די גרעסטע סומע, וואָס איך האָב אַמאָל געקראָגן פאַר צוויי אַרטיקלען, איז געווען אין דער „צוקונפט", וואו ליעסין איז געווען רעדאַקטאָר. איך האָב דאָרטן פאַרעפנטלעכט אין די חדשים מאַי און אָקטאָבער פון 1922 צוויי אַרטיקלען: „די נייע וועגן אין פּעדאַגאָגיק". (די אַרטיקלען האָב איך אָנגעשריבן איידער איך בין קראַנק געוואָרן אויף ענעצעפאַליט). איך האָב געשריבן וועגן מיינע דערפאַרונגען אין אוניווערסיטעט, דערהויפּט דעם לעצטן יאָר פאַר מיין ענדיקן אויף „האַי־סקול"־לערערין. די אַרטיקלען זיינען געווען וועגן דער „פּראָיעקטן־מעטאָדע" פון לערנען אין די שולן. אויף דער יידישער גאַס איז דאָס געווען אַ גאַנץ נייע זאַך, דעריבער האָט זיך דער עולם שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער מערקווירדיקער מעטאָדע פון „לערנען דורך טאָן".

פאַר דער צייט וואָס מיר האָבן געוואוינט אין די קאָאָפּעראַטיווע הייזער, האָב איך עליסן געלאָזט לערנען מוזיק; יעדן שבת בייטאָג פלעג איך זי נעמען אין אַ טאַנץ־שול. העלען האָט אַרויסגעוויזן גאַנץ גוטע פעיאיקייטן אין מאָלן, דערהויפּט איז זי געווען גוט אין צוקלייבן קאָלירן. אַזוי ווי אין פּאַבליק־סקול האָט מען אין יענער צייט קיין מאָלעריי ניט געלערנט (אָדער געלערנט זייער ווייניק), פלעג איך העלענען נעמען אין אַ קונסט־שול יעדן שבת. דאָרט האָט מען געלערנט קינדער צייכענען, מאָלן און מאָדעלירן. אַזוי האָט דאָס אָנגעהאַלטן אַ היפּשע צייט, ביז האַלטמאַן האָט באַשלאָסן אוועקצופאָרן קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

בעת האַלטמאַן איז געווען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָב איך געקראָגן אייניקע מאָל געלט פון מיינע ברידער, ווייל דאָס וואָס איך האָב פאַר מיין אַרבעט געקראָגן פון דער „פריייהייט" איז ניט גענוג געווען אויף אויסצוקומען. האַלטמאַן איז 14 חדשים אַפּגעווען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און נאָכדעם זיך אומגעקערט צוריק מיט עליסן.

איך מאַך אַן ענדערונג אין מיין פאַמיליע־לעבן

פאַר די יאָרן וואָס מיר האָבן געלעבט אין ניו־יאָרק, זיינען די באַציאונגען צווישן מיר מיט האַלטמאַנען געוואָרן שטאַרק אָנגעצויגן. נאָך זיין אומקערן זיך קיין אַמעריקע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אונדזער לעבן ניט בעסער געוואָרן. מיר האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו דער געשאַפענער לאַגע. הגם איך האָב פיל דורכגעלעבט, האָב איך דאָך איינגעזען, אַז אַזוי וועט מיין לעבן ניט זיין אַזוי שלעכט ווי מיט אים. כדי זיך צו צעשטרייען, בין איך אויף אייניקע מאָנאַטן אַוועקגעפאָרן קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

איך בין געפאָרן מיט אַ גרופּע טוריסטן אונטער דער אויפזיכט פון דעם אַדוואָקאַט דזשאָזעף בראָדסקי. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין פאַרשיידענע שטעט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין לענינגראַד האָבן מיר געזען די אַלטע צאַרישע פּאַלאַצן, פאַרשיידענע דענקמעלער — אַלץ וואָס איז געווען ווערט צו זען פון אַלטן רעזשים. מיר האָבן אויך געזען ווי עס בויט זיך דאָס נייע לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

איך בין לאַנג ניט פאַרבליבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. עס האָט מיך געצויגן צוריק קיין אַמעריקע. איך האָב אָבער געוואָלט זיין אין מיין אַלטער היים אין ליטע. הגם איך האָב דאָרטן דורכגעמאַכט אַ סך שווערע צייטן, האָב איך דאָך געוואָלט זען מיין שטעטל, וואו איך בין געבוירן געוואָרן און אויפגעוואַקסן; נאָך אַמאָל זען מיין צימער, וואו איך האָב פאַרבראַכט מיין יוגנט, און די מענטשן, וואָס זיינען מיר נאָענט געווען. מיין מוטער האָט שוין דאַן ניט געלעבט.

איך בין איבערגעשטאַנען בלויז איין נאַכט אין מיין צימער טאָקע, און בין אַוועק אַן אַנטוישטע. די אָרעמקייט פון שטעטל האָט געמאַכט אויף מיר אַ שווערן איינדרוק. וואו איך בין געגאַנגען (און געגאַנגען בין איך יענעם טאָג אַ סך), האָב איך זיך אָנגעשטויסן אָן מענטשן, וואָס האָבן געבעטן נדבות. איך האָב געלייענט אין אַזוי פיל פּנימער דעם

אויסדרוק פון האפענונגסלאזיקייט. די לופט איז דארטן געווען פול מיט דעם געפיל פון פאראורטיילטקייט און אונטערגאנג. די מאטעריעלע לאגע פון די שטעטלשע יידן איז געווארן נאך שווערער ווי עס איז געווען אמאל. דאס גאנצע שטעטל האט געלעבט דערפון וואס קרובים פלעגן ארײנשיקן פון אפריקע און אמעריקע. דאס איז געווען זייער ניט קיין געזונטע דערשיינונג. ווען איך האב דערמאנט אמעריקע פאר זיי, פלעגן די אויגן זייערע גרויס ווערן, ווי זיי וואלטן געוואלט זאגן: „אבער ווי קומט מען אהין?" דאסווארט אמעריקע האט געבראכט פאר זיי א פונק פון האפענונג.

נאך דעם ווי איך האב געזען די האפערדיקייט ביי די סאוועטישע מענטשן, האט זיך דער קאנטראסט נאך בולטער געווארפן אין די אויגן.

אויף מארגן פרי האב איך פארלאזן מיין שטעטל. איך בין מיט א מאשין אין צוויי שטונדן געווען אין מעמעל. נאכדעם בין איך אפגעפארן קיין ברעמען, וואו איך האב אויף מארגן געקראגן א שיף מיט דעמזעלבן נאמען, וואס איז געגאנגען קיין אמעריקע.

ווען איך בין צוגעקומען נעענטער צו ניו־יארק אויף מיין וועג צוריק אהיים, בין איך ווי פארשיכורט געווארן פון דעם געדאנק, אז איך פאר צוריק אהיים. הגם איך האב געפילט, אז מיין היים האלט ביים צעבראכן ווערן, האט אבער ביי מיר איצט „היים" ניט געמיינט אין באשטימטער ארט אדער הויז, אדער א ריי פון באקאנטע מענטשן, פאר מיר האט אמעריקע געמיינט דאס גאנצע לאנד, וואס קניפט מיך צו מיט אומזיכטבארע פעדעם. דאס איז די ווארעמקייט פון איבער־לעבונגען, איינדרוקן, האפענונגען; דאס געפיל, אז איך געהער ערגעץ־וואו. אין ליטע האב איך זיך געפילט ווי א גאסט. דא אין אמעריקע פיל איך, אז איך קאן זיין מיט זיך גופא.

ווען איך בין צוריקגעקומען איז שוין מיין היים געווען צעבראכן... האלטמאן האט געהאט א באזונדער וואוינונג... ער האט אויך מיט־

גענומען מיט זיך עליסן. דאָס האָט מיר שטאַרק ווי געטאָן. איך מיט העלענען זיינען געבליבן וואוינען אין אונדזער אַלטער היים אין דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע.

אין דער „מאָרגן־פרייהייט" האָב איך נאָך אַלץ געאַרבעט. פאַר איניקע יאָר צייט האָב איך דאָרט אָנגעפירט מיט אַ גאַנצער זייט, וועלכע האָט זיך אָנגערופן „פאַר דער אַרבעטער־ און הויז־פרוי" און פלעגט דערשיינען יעדן זונטיק. די אָפּטיילונג האָט געהאַט אַן אַרטיקל וועגן אַ פרויען־פראַגע, אַמאָל אַן אַרטיקל וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע, אַמאָל אַן אַרטיקל וועגן קינדער־דערציאונג, אַ דאָקטאָרס אַרטיקל, קאָרעספּאָנדענצן פון שטאָט און פּראָווינץ — אַלץ לייכט געשריבן און צוגעפּאַסט פאַר דער דורכשניטלעכער פרוי. איך פלעג האַלטן לעקציעס, אָנפירן דיסקוסיעס, קעסטל־אָוונטן פאַר פרויען פון אַרבעטער־רינג, שולן, און דערהויפּט די פרויען־קאָונסילס.

אין אַפּריל 1930 האָט די „מאָרגן־פרייהייט" אויפגעגעבן די פרויען־זייט. די פינאַנציעלע לאַגע פון דער צייטונג איז געווען אַ געדריקטע. פאַר די אַרטיקלען, וואָס איך האָב געדרוקט יעדע וואָך, האָט מען מיר אויפגעהערט צאָלן. די פרויען־קאָונסילס האָבן אויפגעהערט אַרויס־געבן דעם זשורנאַל, פאַר וועלכן איך פלעג קריגן געצאָלט פאַר רעדאַ־גירן. אַזוי אַז איך בין געבליבן אין אַ שלעכטער מאַטעריעלער לאַגע. ווענדן זיך צו מיין פאַמיליע נאָך הילף, האָט מיין שטאָלץ ניט געלאָזן. מיינע ברידער אין אַפריקע וואָלטן מיר געוועזן געקאָנט העלפן, אָבער ווי געזאָגט, האָב איך זיך אויף דעם ניט געקאָנט באַשליסן. גיין אַרבעטן אין אַ שאָפּ האָבן מיינע פיזישע כוחות מיר ניט דערלויבט. וואָס טוט מען? דאָ האָט מיר אַרויסגעהאָלפן דאָס, וואָס איך האָב אָנגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד



רחל האַלטמאַן מיט אַ גרופּע סאָוועטישע קולטור־טוער אין מאָסקווע
(נאַדעזשדאַ קרופּסקאַיאַ, די דריטע פון לינקס)

איך פֿאָר קיין מאָסקווע

ווען איך בין געווען אין 1928 אין מאָסקווע, האָב איך געקראָגן אַ סך באַקאַנטע, צווישן זיי אַנאַ גריגאָריעוונאַ קראַווטשענקאָ, די סעקרעטאַרין פֿון נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ קרופּסקאַיאַ. שפּעטער האָב איך זיך באַקאַנט מיט קרופּסקאַיאַ גופֿא. איך האָב איצט געהאַלטן אין אַרבעטן אויף אַ בראָשור וועגן דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־פֿרוי, און וועגן דעם געשריבן מײַנע נײַע פֿרײַנט. זיי האָבן מיר געראָטן צוצושיקן דעם מאַנוסקריפּט צו זיי, פֿאַר וועלכן איך האָב געקראָגן צוגעשיקט פֿון מאָסקווע 150 דאָלער אַלס האָנאָראַר. פֿאַר דעם געלט בין איך אין מאַי, 1930, אַוועקגעפֿאָרן קיין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

די ערשטע 5־6 מאָנאַטן האָב איך אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד געוואוינט בײַ מײַן פֿרײַנדין קראַווטשענקאָ. איך פֿלעג זי און איר טאָכטער אונטעררִיכטן אין דײַטש אַ שטונדע טעגלעך. אַחוץ דעם האָב איך געהאַט אַ גרופּע צו לערנען דײַטש אין „רעוואָלוציאָנערן מיליטערישן קאָמיטעט“. אַזוי ווי עס איז געווען זומער און איך האָב געוואוינט אין אַ זומערוואוינונג אין סאָקאָלניקער וואַלד, בין איך געקומען צו די כּוחות און אַביסל פֿאַרגעסן דאָס ניט־לאַנג איבערגעלעבטע. אין האַרבסט האָב איך געקראָגן אַ שטעלע אין דער צײַטונג „עקאָנאָמיטשעסקאַיאַ זשיזן“.

איך בין געווען דעם ערשטן ווינטער אין מאָסקווע. דער האַרבסט איז דאָרטן אַ רעגנדיקער און דער ווינטער שלײַכט זיך אַרײַן שטופּנווײַז. די זײַטיקע גאַסן זײַנען געווען ברוקירט מיט גרויסע שטיינער, די הויפּט־גאַסן — אַספֿאַלטירט. אין אַ מילדן וועטער, ווען דער שניי שמעלצט זיך, ווערט שמוציק. אין אַלגעמיין אָבער איז דורך דעם לאַנגן ווינטער־סעזאָן גאַנץ מאָסקווע ווײַס און פֿריש, די הײַזער גרוי, די קירכן

מיט רויטע, געלע, ברוינע קופּאָלן. דאָס אַלץ שטעלט מיט זיך פאַר אַ קאַלירפול בילד.

די פיינע אַלטע פּאַלאַצן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מוזייען, ביבליאָטעקן, קונסט־גאַלעריען, שפּיטאַלן און קליניקעס. אויף די גאַסן האָט מען דאַן ניט געזען קיין לוקסוס. וואו מען איז געגאַנגען, האָט מען געטראָפן מענער און פרויען אין קליידער פון איינפאַכן שניט. און ניט געקוקט דערויף, וואָס מען האָט ניט געזען קיין רייך־געקליידטע דאַמען און הערן, האָט מען געהאַט דאָס געפיל פון וואוילזיין. דאָס געפיל פון ניט־האָבן, פון אָרעמקייט איז פאַרשוואונדן. אויך די געדריקטע שטימונג, וואָס אַ מענטש פילט אָפט צוליב אָרעמקייט — ווי עס פאַסירט אָפט אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד — איז ניט געווען.

די אַלטע פּאַלאַצן האָבן אויסגעזען אָפּגענוצט פון דער צייט. עס זיינען שוין דעמאָלט געווען אַ סך נייע געביידעס: דער טעלעגראַף־ און פּאָסט־אָפיס, אויך די געביידע וואו די צייטונג „איזוועסטיאַ" ווערט געדרוקט; אַ סך אָפיסעס, נייע סחורה־לאַגערן, וואו מען האָט געהאַלטן תבואה, טיי, צוקער, זאַכן פון געהילץ, וואָל, אייזן, און פאַרטיקע פּראָדוקטן, וואָס זיינען געגאַנגען פאַר עקספּאָרט.

אויף דער באַרימטער „טווערסקאַיאַ", וואָס רופט זיך איצט „אוליצאַ גאָרקאָוואַ" (אין אָנדענק פון מאַקסים גאָרקי) איז פאַראַן אַ גרויסער געשעפט „גאַסטראָנאָם". עס איז ניט געווען אַ זאַך פון עסנוואַרג, וואָס זאָל זיך דאָרטן ניט געפינען. דער זיסטער האָניק, פלוימען, באַרן, עפּל, מאַראַנצן, פּאָמערגראַנאַטן, טעגזשעריגס, דערצו נאָך פאַרשיידענע ליקערן — אַלץ האָט מען דאָרט געקאָנט קויפן פאַר געלט.

געלט שפּילט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ניט די ראָל, וואָס עס שפּילט אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד. וויפיל מען האָט — פאַרלעבט מען. מען שפּאָרט ווינציק. דער אַרבעטער קומט גאַנץ גוט אויס מיט זיינע פאַרדינסטן. איז ער קראַנק, קריגט ער אַ דאָקטאָר און מעדיצין אומזיסט. ער קריגט אורלויב מיט געצאָלט. ער פילט, אַז מען זאָרגט פאַר אים.

מאָסקווע איז אַ געמיש פון אָריענטאַלישע און אייראָפּייאישע סטילן אין דער אַרכיטעקטור. דער אָריענטאַלישער סטיל איז דער קרעמל. צו צפון־צו פון קרעמל איז דער רויטער סקווער. אויפן סקווער שטייט דער באַשיידענער מאַוזאָליי פון לענינען. טויזנטער מענטשן גייען טעגלעך פאַרביי צו זען דעם באַלזאַמירטן קערפּער פון גרויסן פירער.

פונקט אַנטקעגן שטייט דער „גום". ער איז שטענדיק געפּאַקט מיט מענטשן, וועלכע קומען קויפן סחורה אין די קראָמען. צו מערב־צו שטייט די אַלטע רויטע געביידע, דער אַזוי־גערופענער „היסטאָרישער מוזיי". צו מזרח־צו — די באַרימטע קירך פון „הייליקן וואַסילי" (וואַסילי בלאַזשעני), אַ קירך, וואָס איז רייך דעקאָרירט מיט גאָלד, זילבער, קופּער. אַמאָל איז דאָס געווען דאָס פּלאַץ, וואו מען פלעגט קומען בעטן גאָט; איצט איז דאָס אַ קונסט־מוזיי.

אויף דעם רויטן סקווער זעט מען פּוסגייער. דערהויפּט קומט מען דאָ אָנקוקן לענינען אין מאַוזאָליי. איבער דעם אַלעמען הייבט זיך אויף דער קרעמל. דאָ מישט זיך צונויף דאָס אַלטע און דאָס נייע, מאָדערנע. ווען מען קוקט אויף דעם קרעמל פון רויטן סקווער, זעט מען קירכן, מאָנאַסטירן, פּאַלאַצן, טעמפּלען, וועלכע זיינען געבויט געוואָרן פון פאַרשיידענע צאַרן. אין די פּאַלאַצן וואוינען איצט די פירער פון דער רעגירונג; דאָ ווערן אויך אָפּגעהאַלטן פאַרשיידענע וויכטיקע זיצונגען, ווי דער העכסטער סאָוועט און אַנדערע.

ווען מען גייט שפּעט ביינאַכט איבערן רויטן סקווער, ווען אַרום איז שטיל און ווען דער סקווער איז באַלויכטן מיט אומדירעקטן ליכט (באַהאַלטענע לעמפּלעך), מיט דער וואַך ביי לענינס מאַוזאָליי אין צענטער פון סקווער, מיט די הויכע סאָסנע־ביימער ביי דער וואַנט פון קרעמל, ווי זיי אַליין וואָלטן געהאַלטן וואַך, — שטעלט דאָס מיט זיך פאַר אַ בילד, וואָס לאָזט זיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. עס כאַפּט אייך אַרום אַ מאָדנער געפיל, אַ גאַנץ נייער, וועלכן מען האָט פריער ניט געשפּירט אין זיך, אַן ערפורכט־געפיל, וואָס האַלט אַן אַ לאַנגע צייט.

אין יולי 1935, אַ יאָר איידער איך האָב פֿאַרלאָזט מאָסקווע, איז באַשלאָסן געוואָרן פֿונעם קאָונסיל פֿון פֿאָלקס־קאָמיסאַרן איבערצובויען די שטאָט. איך בין געווען אויף אַן אויסשטעלונג פֿונעם פּלאַן פֿון דער צוקונפֿטיקער מאָסקווע. דאָס איבערבויען האָט געדאַרפֿט נעמען צען יאָר. אַן אָנהויב איז שוין געמאַכט געוואָרן — צוגרייטונגען נאָך אין יאָר 1933 צו בויען געזעלשאַפֿטלעכע געביידעס, קלובן, אַ סך ביבליאָ־טעקן, פּאַרקן און אַטלעטישע פֿעלדער. אַלץ האָט געדאַרפֿט געבויט ווערן באַקוועם, מיט אַ סך ליכט, לופֿט; מען האָט קיין זאַך ניט גע־זשאַלעוועט. מאָסקווע ביינאַכט האָט געקאָנט פֿאַרגליכן ווערן מיט די גרעסטע איראָפּייאישע שטעט לויט איר פֿאַרנעם און באַלייכטונג.

אויף דער גאַס וואו איך האָב געוואוינט, אַרונטער־צו טריאומ־פֿאַלנאַיאַ אַרקאַ, זיינען געשטאַנען אַלטע פֿאַרצווייגטע ביימער אין אַ סדר. זיי זיינען זיך אַזוי געוואַקסן, און ניט צוגעלאָזט צו די הייזער קיין לופֿט און קיין זונשיין. האָט מען די אַלטע ביימער אַרויסגעריסן מיטן וואָרצל; אַזוי ווי די גאַס איז געווען אַ ברייטע, האָט מען פֿוןביידע זייטן פֿאַרפֿלאַנצט יונגינקע ביימעלעך און אויסגעלייגט אַלייען מיט בענק, און עס איז געוואָרן אַ בולוואַר, וואו מען קאָן שפּאַצירן און זיך אָפּרוען.

קיינמאָל פֿריער איז אַ מיליאָניקע שטאָט ניט איבערגעבויט גע־וואָרן מיט אַזאַ גרינגלעכקייט ווי די נייע מאָסקווע. אויפֿן פּלאַן, וואָס איך האָב געזען, זיינען דאָ נייע שולן, שפּיטאָלן, פֿאַבריקן, מיט אַ טונעל אונטערן וואַסער, וואו עס איז נויטיק פֿאַרן מאָסקווע־וואָלגע־קאַנאַל; דאָ און דאָרטן אַ נייע וואַסער־לייטונג, מיט גענוג עלעקטריציטעט, וואָס זאָל קאָנען העל־באַלייכטן די שטאָט. מאָסקווע וועט אויסזען גאָר אַן אַנדערע ווי איצט. זי וועט ווערן די שענסטע שטאָט אין דער וועלט. (צום באַדויערן, האָט דער נאַצי־אָנפֿאַל געשטערט דורכצופֿירן דעם פּלאַן אין צייט.)

אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז די צוקונפֿט פֿון יחיד ענג פֿאַרבונדן

מיט דער צוקונפט פון גאַנצן פאָלק. אַזוי לאַנג ווי דאָס לאַנד איז גאַנץ, איז די צוקונפט פון זיינע בירגער געזיכערט. ניט אומזיסט איז מען שטענדיק געווען גרייט צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד.

אַלע לערנען זיך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. די וואָס זיינען פאַר דער רעוואָלוציע געווען פולשטענדיק אומוויסנדיק, פאַקן היינט אָן די ביל־דונגס־צענטערן; די טירן זיינען פאַר זיי ברייט צעעפנט. די זין און טעכטער פון פויערים און אַרבעטער, פריש פון פעלד און וואַרשטאַט, שלינגען יעדעס וואָרט פון אַלע קענטענישן, וואָס מ׳טראָגט זיי צו. אין עטלעכע יאָר שפּעטער טרעפט מען זיי אַנטוויקלטע, געבילדעטע מענטשן, וועמען עס דערוואַרט אַ גרויסע צוקונפט.

אַ געפיל פון גליק פאַרכאַפּט די יוגנט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, די בירגער פון לאַנד. עס גיט זיי זיכערקייט און גלויבן אין זייערע אייגענע כוחות. זיי וועלן שנעל איבערקומען אומבאַקוועמלעכקייטן און שלעכטע דירות און אַנדערע שוועריקייטן אין זייער איצטיקן לעבן.

פאַר דער צייט וואָס איך בין געווען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָב איך גענומען באַמערקן ווי עס וואַקסט דער פאַרלאַנג צו גוטע זאַכן. דעריבער איז געווען אַזוי שווער אַלעמען צו באַפרידיקן. דערפון האָבן זיך גענומען די גרויסע רייען, דער „אָטשערעד״ לעבן די גרויסע געשעפטן.

איך בייט מיין אַרבעט

די אַרבעט אין דער צייטונג „עקאָנאָמיטשעסקאַיאַ זשיזן״ איז געווען גאַנץ אינטערעסאַנט. איך בין דאָרטן געווען אויסלענדישער רעפערענט. מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין לייענען דייטשע און ענג־לישע צייטונגען און זשורנאַלן, און מאַכן אויסשניטן און אויסצוגן. שפּעטער האָב איך געדאַרפט רעדן וועגן דעם מיט די מיטאַרבעטער,

אָדער אַליין שרייבן וועגן דעם. מיך האָט אָבער געצויגן צו פּעדאַגאָגיק.

ווען איך בין אין 1930 אָנגעקומען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז נאָך די „פּראָיעקטן־מעטאָדע" פון לערנען געווען אין פולן גאַנג. און וואָס איז באַשטאַנען די „פּראָיעקטן־מעטאָדע"? — אין לערנען דורך טאָן. צום ביישפּיל: די קינדער נעמען־אויף אַ פּראָיעקט צו דערגיין ווי אַזוי וואַטע וואַקסט. די קינדער האָבן קיין וואַטע־פעלד קיינמאָל ניט געזען. מיט דער הילף פון דעם לערער דערוויסן זיי זיך ווי אַזוי עס וואַקסט; נעמען זיי אַ שטיק קלאַס־צימער און פאַרוואַנדלען עס אין אַ וואַטע־פעלד. אויף צווייגלעך פון קוסטעס טוען זיי אָן שטיקלעך וואַטע, און אַזוי אַרום גייען זיי דורך דעם פּראָצעס, דורך שפּילן זיך: פון זייען, וואַקסן און אַראָפּנעמען פון די פעלדער די וואַטע, ביז עס איז פאַרטיק צום שפּינען.

אָדער ווען די קינדער ווילן זיך באַקענען מיט דעם ווי אַזוי עס וואַקסט ווייץ און וואָס מען קריגט אַרויס פון ווייץ, שטאַטן זיי אויס אַ ווייץ־פעלד מיט אַלע איינצלהייטן. דאָ נעמען אָנטייל קינדער און לערער. די קינדער מעגן אַפילו זיין פון פאַרשיידענעם עלטער; יעדער נאָך זייַנע כוחות און קענטענישן בויט, מייסטרעוועט. מען „זייט ווייץ". מען לאָזט אים „וואַקסן". ווען ער ווערט פאַרטיק, נעמט מען דעם ווייץ אַראָפּ און מען פירט אים צום „מילנער". דאָס מאָל נעמט מען צום „בעקער", וואו מען קריגט דאָס ברויט, וועלכעס מען עסט טעגלעך. דערביי איז די שפּיל אַ שטיקווירקלעכקייט: מען שטאַט טאַקע אָפּ וויזיטן דעם מילנער, דעם בעקער און אַנדערע, ווי שפּייז־געוועלבן און אַזוי ווייטער.

די גאַנצע צייט טוען די קינדער. עס איז אַ לאַנגער פּראָצעס, ווייל די קינדער דאַרפן דערגיין דעם אורשפּרונג פון יעדער זאַך. דאָס רופט מען אויף דעם פּעדאַגאָגישן לשון אויפנעמען אַ פּראָיעקט און אים דורכפירן. מען דאַרף זיך באַקענען מיט דעם פּראָצעס פון דער אַרבעט,

מען דאַרף לייענען, פאַרשרייבן, רעכענען. דאָס אַלץ ווערט געטאָן בלויז ווען מ׳באַדאַרף עס, און ניט פריער, איידער עס שאַפט זיך די נויט־ווענדיקייט פאַר דעם.

דאָס האָט געפירט צו אַ סך דורכרייסן אין לערנען. מען האָט צו־שפעט אָנגעהויבן לייענען, שרייבן און רעכענען. דערפאַר איז מען אויף אַנדערע געביטן געווען מער אַנטוויקלט ווי דורכשניטלעכע שול־קינדער. אָבער די הינטערשטעליקייט האָט זיך גענומען פילן דערהויפּט דאַן, ווען מ׳האָט געדאַרפט אַריינטרעטן אין אַ העכערער שול אָדער אוניווערסיטעט, און מ׳האָט ניט געקענט ווי געהעריק אויסלייגן, אָנ־שרייבן אַ קאָמפּאָזיציע אָדער אויסרעכענען אַ חשבון.

ערשט איצט האָט מען גענומען איינזען, אַז די „פּראָיעקטן־מעטאָדע" האָט גרויסע פעלערן, הגם זי האָט אויך גרויסע מעלות.

די מעטאָדע האָט מען גענומען פון אַמעריקע. דזשאָן דיואי איז געווען דער פאָטער פון דעם. דאָ אין אַמעריקע האָבן זיך מייסטנס באַנוצט דערמיט די פּריוואַטע שולן. די רעזולטאַטן זיינען געווען די זעלביקע. אמת, אַ סאָוועטישער פּראָיעקט האָט געקראָגן אַן אַנדער אויסטייטשונג. אַזוי איז אַ פאָרם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד געווען אַ קאָלעקטיווע פאָרם; אַ וואַטע־פעלד האָט געהערט צום קאָלכאָז און ניט צום פּריוואַטן פאַרמער. אידעאָלאָגיש איז דאָס געווען אויסגעהאַלטן, אָבער מיט דער טעכניק פון לייענען און שרייבן האָט עס ווייניק־וואָס געהאַט צו טאָן.

נאָכדעם ווי איך בין אָפּגעווען אַ יאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָב איך באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין „אינסטיטוט פון מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער פּעדאַגאָגיק". די אַרבעט איז געווען אינטערעסאַנט און אין איינקלאַנג מיט מיין פריערדיקער אַרבעט אין אוניווערסיטעט.

דער פּרעזידענט פון „אינסטיטוט פון מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער פּעדאַגאָגיק" איז געווען שולגין. ער איז געווען דער פירער פון די לינקע פּעדאַגאָגן, וואָס האָבן אינגאַנצן אָפּגעלייקנט די שול. ער האָט

געפריידיקט, אַז די שול, אַזוי ווי דער שטאַט, וועט מוזן אָפּשטאַרבן. די לינקע פּעדאַגאָגן האָבן געהאַלטן, אַז טאָן איז די הויפּט־זאַך, אַז אַנשטאַט דער שול וועט לערנען די היים, די גאַס, די פאַבריק א. אַז. וו. אומעטום האָבן זיי געזען „פּראָיעקטן".

דאָס איז געווען אַ געפערלעכע טעאָריע. מען האָט אין איר געקאָנט אָריינטייטשן וואָס מען האָט נאָר געוואָלט. אמת, די טעאָריע איז געווען גאַנץ ניי און ראַדיקאַל, זי איז אָבער ניט געווען צוגעפּאַסט פאַרן סאָוועטן־פאַרבאַנד און ניט פאַר דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט, וואו אַנאַלפאַבעטיזם איז נאָך דעמאָלט געווען שטאַרק פאַרשפּרייט. מען האָט נאָך דעמאָלט געדאַרפט די שול, ווי מען באַדאַרף זי היינט און ווי מען וועט זי נאָך באַדאַרפן אַ לאַנגע, לאַנגע צייט. מען קאָן ניט וואַרטן ביז דער מענטש וועט אויסוואַקסן און אַליין קאָנען אויפכאַפּן פון פאַרשיידענע קוואַלן וואָס פאַר אים איז גוט צו וויסן, פון וואָס ער קאָן זיך עפּעס לערנען. ער מוז זיך לערנען סיסטעמאַטיש, פון קינדוייז אָן, זאַכן, וואָס אין די שפּעטערדיקע יאָרן וואָלט פאַר אים שווערער געווען צו באַהערשן, ווי לייענען, שרייבן און רעכענען.

די פּאַרטיי האָט דאָס ענדלעך איינגעזען און גענומען אַ האַנט אין דעם ענין. זי האָט אין סעפּטעמבער, 1931, אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט אָפּצושאַפן די פּראָיעקטן־מעטאָדע.

מען האָט זיך צוריק גענומען צו די ביכער; מיט גרויס התמדה גענומען לערנען לייענען, שרייבן און רעכענען, און אַנדערע געגנ־שטאַנדן, וואָס מען האָט פריער פאַרנאַכלעסיקט. אמת, די אויסגע־טראָטענע וועגן זיינען ניט געווען אַזוי פאַרכאַפּנדיק, מעגלעך אויך ניט אַזוי אינטערעסאַנט, זיי זיינען אָבער געווען ניצלעכער און פאַר־שטענדלעכער ווי די פּראָיעקטן.

מען האָט דעם „אינסטיטוט פאַר מאַרקסיסטיש־לענינסטישער פּעדאַגאָגיק" פאַרמאַכט. שולגין איז געוואָרן אַ לערער ערגעץ־וואו אויפן אוראַל. איך בין איבערגעגאַנגען אין „אינסטיטוט פאַר מעטאָדן

און פּלאַנירונג״, וועלכער איז אויך געווען אַ בעדאַגאָגישער אינסטיטוט, נאָר פון אַ גאַנץ אַנדער מין.

קרופּסקאַיאַ (לעונינס פרוי) פלעגט קומען רעדן צו די סטודענטן פון שולגינס אינסטיטוט. איך האָב דאַן געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צוצוקוקן צו די טעטיקייטן פון אָט דער מערקווירדיקער פרוי.

מיינע באַאָבאַכטונגען אין דער סאָוועטישער שול

נאָכדעם ווי די פּראָיעקטן־מעטאָדע איז אויפגעגעבן געוואָרן, פלעג איך אָפט קומען אין דער שול, זיך צוקוקן ווי די אַרבעט ווערט אָנגעפירט. דעמאָלט האָבן נאָך קינדער אָנגעהויבן צו גיין אין שול צו אַכט יאָר; זינט 1945 הויבט שוין אָן אַ קינד אָן צו גיין אין שול ווען עס איז זיבן יאָר אַלט. אין 1936 זיינען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד געווען פינף מיליאָן קינדער, וואָס האָבן ערשט אָנגעהויבן באַזוכן די שול.

ווען אַ קינד באַטרעט דעם ערשטן מאָל די שוועל פון דער שול, ווערט עס זייער וואַרעם אויפגענומען פון די עלטערע קינדער. עס ווערט באַגריסט מיט פּלאַקאַטן און לאָזונגען. די שול ווערט פאַר די קינדער דער צענטער, וואו זיי לערנען זיך אַפילו עסן, ווייל מען גיט זיי דאָרט מאָלצייטן, מען היט אָפּ זייער געזונט.

פאַר אַ שטאָטיש קינד איז אַ 7־יאָריקע שול אַ מוז. ווען עס ענדיקט צו 14 יאָר די שול, וואָס רופט זיך „נעפּאָלנאַיאַ סרעדניאַיאַ שקאָלאַ״ (ניט קיין פולע מיטלשול), זיינען פאַר אים אָפן פאַרשיידענע פאַך־ און בילדונג־שולן, ווייל מיט דער 7־יאָריקער שול האָט זיך נאָך זיין בילדונג ניט פאַרענדיקט. אין 1942 איז אַרויס אַ דעקרעט, אַז די 10־יאָריקע שול זאָל ווערן אַ מוז פאַר יעדן קינד. די 10־יאָריקע שולן זיינען געבויט געוואָרן פאַר דער מלחמה. אין מאָסקווע אַליין האָט מען אויס־

געבויט נאָך 9 שולן צו די, וואָס זיינען פריער געווען; די נייע שולן האָבן געדאַרפט אַריינעמען נייע 15,000 קינדער.

פאַר די דאָרפישע קינדער איז אַ מוז צו באַזוכן אַ 4־יאָריקע שול. פאַר זיי זיינען אָבער אויך אָפן די 7־יאָריקע און 10־יאָריקע שולן. ווי די שטאָטישע, אַזוי אויך די דאָרפישע דאַרפן ניט צאָלן קיין שכר־לימוד פאַרן לערנען. דאָס לערנען איז פריי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַזוי ווי אין אַמעריקע.

יינגלעך און מיידלעך, וואָס ווייזן אַרויס אויסערגעוויינלעכע מוזי־קאַלישע פיאַיקייטן, באַזוכן אַ שול, וועלכע איז אַ טייל פון דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע. אַזעלכע מוזיק־שולן זיינען פאַראַן אין מערערע גרעסערע שטעט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָרטן קריגן די קינדער ניט נאָר אַ מוזיקאַלישע אויסבילדונג, נאָר אויך אונטערריכט אין אַלגעמיינע לימודים.

די מערסטע שולן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען אויסגעבויט געוואָרן אין די לעצטע 20 יאָר. אַרום 50 טויזנט נייע שולן זיינען אויסגעבויט געוואָרן אין דער צייט פון די צווי פיר־יאָר־פּלענער, פון 1928—1937. אין דעם יאָר, וואָס די דייטשן זיינען אַריין אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, זיינען אויסגעבויט געוואָרן 6,700 שולן.

ביז 1943 האָבן מיידלעך און יינגלעך זיך געלערנט צוזאַמען. זינט דעמאָלט האָט מען אָפּגעטיילט ביידע געשלעכטער. די סאָוועטן האָבן דערקלערט די ענדערונג דערמיט, וואָס אין די מלחמה־יאָרן האָט די אויסבילדונג פון די יינגלעך געטראָגן אַ מער־ספּעציאַליזירטן כאַראַק־טער. אַ חוץ דעם אַנטוויקלען זיך מיידלעך פיזיש און גייסטיק פריער ווי יינגלעך; אַזוי קומט פאַר די גייסטיקע אַנטוויקלונג ביי מיידלעך אין עלטער פון 11—14 יאָר, אין דער צייט וואָס די גייסטיקע אַנט־וויקלונג ביי יינגלעך קומט פאַר אין עלטער פון 14—17 יאָר. ווען דאָס אָפּטיילן יינגלעך און מיידלעך וועט אָנהאַלטן אויך אין די פרידלעכע צייטן, וועט מען ערשט נאָך עטלעכע יאָר קאָנען זען די רעזולטאַטן.

אַזוי ווי אין אַמעריקע, זיינען אויך די קינדער אין סאָוועטן־פאַר־באַנד פאַרפּליכטעט צו באַזוכן די שול, וואָס געפינט זיך אין דער נאָכבאַרשאַפט. קיין פּריוואַטע שולן זיינען ניטאָ, אַזוי ווי עס זיינען ניטאָ קיין פּריוואַטע בוירסעריס און קינדערגערטנער. אַלע שולן געהערן צום שטאַט און רופן זיך פאָלקס־שולן.

אַזוי ווי די פאָלקס־שולן זיינען ניי־געבויט, אַזוי זיינען אויך די לערער — די מערהייט פון זיי — נייע, אַזעלכע, וואָס האָבן ניט לאַנג צוריק גראַדואירט פון די צאָלרייכע לערער־סעמינאַרן. דאָס וואָס די לערער זיינען נייע, איז ניט אַלעמאָל אַ מעלה, דערהויפּט ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז אויף דעם לערער ליגט די פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט ניט נאָר אין קלאַס־צימער, נאָר אויך אויסערן קלאַס־צימער. זיין אויפגאַבע איז צו קאָאָפּערירן מיט די עלטערן. ער מוז אויך איינ־פלאַנצן אין די קינדער גוטע געוואוינהייטן. דער לערער באַזוכט אָפט די היימען, כדי אויסצוגעפינען די קינדער־פּראָבלעמען ביים צוגרייטן די לעקציעס — וויפיל היים־אַרבעט אַ קינד קאָן צוגרייטן, אויף וויפיל די עלטערן קאָנען דעם קינד אַרויסהעלפן, ווי דאָס קינד פאַסט־אויף אויף זיינע זאַכן, ווען עס גייט שלאָפן, א. אַז. וו. דאָס אַלץ דאַרף דער לערער וויסן. דער לערער העלפט אויסבילדן די עלטערן אַזוי גוט ווי דאָס קינד. ער ווייזט אָפט אָן אויף דער נויטווענדיקייט פאַרן קינד צו האָבן אַ באַזונדער טיש, אויב ניט קיין באַזונדער צימער, צוצוגרייטן די לעקציעס. די סאָוועטן־מלוכה גיט שטאַרק אַכטונג, אַז דאָס קינד זאָל זיין דיסציפּלינירט אין שול אַזוי גוט ווי אין דער היים, עס זאָל אַנט־וויקלען גוטע געוואוינהייטן.

דעם קינדס לערער איז אין דער זעלבער צייט אויך דאָס, וואָס מען רופט אין אַמעריקע אַ „סאָשל וואָרקער“. ער פאַסט־אויף אויפן קינדס געזונט, איז אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיטן שול־דאָקטאָר; האַלט אָן אויג אויפן קינד, ווען עס ווייזט אַרויס סימנים פון קראַנקהייט. דער שול־דאָקטאָר קאָן שיקן אַ ייִנגל אָדער אַ מיידל צו אַ דערבייאיקן

קליניק צו נעמען עקס־רעי בילדער, אָדער מאַכן אַן אַנדער דיאַגנאָז. ער קאָן באַזוכן דאָס קינד אין דער היים און אָנווייזן, אַז די דיעטע מוז געביטן ווערן. די מעדיצינישע הילף און די „לאַנטשעס" זיינען פריי. דער שול־דאָקטאָר פּאַסט־אויף, אַז דאָס עסן זאָל זיין גאַרהאַפט, געזונט און סאַניטאַריש צוגעגרייט. דער לערער פּאַסט אויך אויף אויף די מאַניערן ביים עסן.

יעדע רעפּובליק אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיך איר בילדונגס־קאָמיסאַריאַט. דער אונטערשייד צווישן די 170 טויזנט שולן אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז בלויז אין דער שפּראַך. אין די שולן פון די ניט־רוסישע רעפּובליקן ווערט רוסיש געלערנט ווי אַ צווייטע שפּראַך. פון די 5 מיליאָן שול־קינדער אין סאָוועט־אוקראַינע, האָבן אין יאָר 1939 פון 3 ביז 4 מיליאָן קינדער באַזוכט שולן, וואו אוקראַיניש איז געווען די הויפּט־שפּראַך. שפּראַכן און מאַטעמאַטיק פאַרנעמען דאָס הויפּט־אָרט אין קוריקולום, וועלכער שליסט אויך איין נאַטור־וויסנ־שאַפט, געשיכטע, געאָגראַפיע, פיזקולטור, קונסט און אויך מוזיק. פאַר דער מלחמה האָט מען אין דער סאָוועטישער שול געלערנט 3 פרעמדע שפּראַכן: ענגליש, פראַנצויזיש און דייטש. זינט דער מלחמה לערנט מען בלויז איין פרעמדע שפּראַך, אָנהויבנדיק פון 5טן קלאַס. ענגליש איז אָבליגאַטאָריש.

אין דער סאָוועטישער שול האָבן זיי אַזאַ אויסדרוק ווי „פּאָלי־טעכניזאַציע". דאָס מיינט, אַז אַ חוץ די אַנגענומענע שול־געגנשטאַנדן באַקענט מען אויך דעם תלמיד מיט פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון דער פּראָדוקציע — ווי אַזוי זאַכן ווערן אויסגעאַרבעט.

די מענער און פרויען, וואָס אַרבעטן אין אַ פאַבריק, נעמען שעפטום איבער דער שול אין זייער געגנט. זיי זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואוילזיין פון דער שול. זיי ווערן נאָענטע פריינט פון די קינדער. די אַרבעטער ברענגען אָפט מתנות די קינדער, און אָט אַזוי ווערן די קינדער אָנטיילנעמער אין דער פּראָדוציר־סיסטעם. דאָס קינד קוקט

זיך צו צו דער ראָל פון די יוניאָנס; עס זעט, אַז אין פאַבריק ווערט געטאָן די זעלבע אַרבעט וואָס ביי אים אין דער פּאָליטעכנישער שול, נאָר אויף אַ ברייטערן מאַסשטאַב; עס הויבט אָן צו זען די פאַרבינדונג צווישן פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע פּראָצעסן פון דער פּאַקטישער פאַבריק. דאָ הויבט אָן דאָס קינד צו פילן זיך ווי אַ צוקונפטיקער אַנטייל־נעמער אין עקאָנאָמישן לעבן. דאָס רופט זיך „פּאָליטעכניזאַציע“ און שפּילט אַ גרויסע ראָל אינעם בילדונג־סיסטעם פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין יעדן קלאַס־צימער זעט דאָס קינד אַ פעלקערלעכע און בילדונגס־דעמאָקראַטיע. עס לערנט זיך אין דער צייט וואָס עס טוט די אַרבעט.

דער רוסישער מענטש האָט פאַר דורות און דורות געהאַט אַ גרויסן דורשט צו לערנען, אַ גרויסן הונגער נאָך בילדונג. איצט, ווען זיי האָבן געקראָגן די געלעגנהייט, קענען 90 פּראָצענט לייענען און שרייבן. (לעצטנס איז מסתמא דער פּראָצענט אַ העכערער, אויב ניט גאַנצע הונדערט פּראָצענט.)

אין דער צייט פון דער מלחמה האָבן די קינדער געטאָן אַ סך פאַרן פראָנט. זיי האָבן באַאַרבעט אייגענע גערטנדלעך, פלעגן אָנפירן דיסקוסיעס אין קלאַס וועגן דער מלחמה; זיי פלעגן פאַרלייענען בריוו, וואָס זיינען געקומען פון פראָנט, באַזוכן די פאַרוואונדעטע אין די שפּיטאָלן און צוגרייטן מתנות פאַר די קעמפער.

אין דער צייט וואָס די יינגלעך מאַכן מיליטערישע איבונגען, קריגן די מיידלעך אונטעררכטט אין קאָכן, נייען, אויפפּאַסן אויף קראַנקע, אויף קינדער, און אַנדערע אַרבעטן, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער הויז־ווירטשאַפט. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז מען פאַרנאַכלעסיקט בילדונגס־געגנשטאַנדן. אויב אַ מיידל וויל אַריינטרעטן אין אוניווערסיטעט, מוז זי האָבן די זעלבע צוגרייטונג אין מאַטעמאַטיק, פיזיק און אַנדערע געגנשטאַנדן. דאָס פּראָגראַם פון העכערער בילדונג בלייבט דאָס זעלבע פאַר מיידלעך אַזוי ווי פאַר יינגלעך.

מען לערנט איצט פלייסיק, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן. מען גרייט

זיך צו עקזאַמענעס, מען האַלט אויס און מען לערנט ווייטער. מען דערציט די יוגנט אין גייסט פון הומאַניזם, ליבע צום פאַטערלאַנד, חברשאַפט און געטריישאַפט צו פליכטן.

איך באַקען זיך מער מיט נאַדעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ קרופּסקאַיאַ

צו קענען נאַדעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ קרופּסקאַיאַ איז געווען אַן אמתע פּריווילעגיע. זי האָט זיך געהאַלטן זייער פּשוט און איז געווען אַ צוגעלאָזטער מענטש.

אַלע אירע יאָרן האָט זי געאַרבעט מיט לענינען, אַרויסהעלפנדיק אים אין זיינע פּראָבלעמען. זי איז געווען דער טעכנישער סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אין די יאָרן פון לענינס פאַר־שיקונג. דאָ האָט זי אָנגעפירט מיט זיין קאָרעספּאָנדענץ אונטער שטרענגע קאָנספּיראַטיווע באַדינגונגען.

קרופּסקאַיאַ איז, לויט איר פּראָפעסיע, געווען אַ לערערין. איר גרעסטער אינטערעס איז געווען און פאַרבליבן, ביזן סוף פון איר לעבן, בילדונג פון די מאַסן. אונטער איר אויפזיכט איז אָפּגעשאַפט געוואָרן אַנאַלפאַבעטיזם (עם־הארצות). די ערשטע אַרבעט אירע, ווי זי איז נאָר אַריין אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, איז געווען אונטער־ריכטן אַרבעטער.

נאָך דער רעוואָלוציע איז זי געוואָרן וויצע־קאָמיסאַר פון בילדונג און האָט אויך דעמאָלט אויף זיך גענומען די אַרבעט צו בילדן דער־וואַקסענע. זי האָט זיך זייער שטאַרק אינטערעסירט מיט אַמעריקע און געהאַלטן פון אַמעריקאַנער טעכניק, אַמעריקאַנער זאַכלעכקייט. אין דער צייט, וואָס איך בין געווען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָב איך גע־שריבן פאַר איר זשורנאַל „נאַ פּוטיאַך ק׳ נאָוואָי שקאָלע״ („אויפן

וועג צו דער נייער שול״). קרופּסקאַיאַ איז געווען רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל. מיינע אַרטיקלען זיינען מייסטנס געווען וועגן אַמעריקאַנער שול־סיסטעם.

וואָס ווייטער איך האָב געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט דער מערקווירדיקער פרוי, אַלץ מער האָב איך געזען ווי זעלטן־באַשיידן זי איז. רעדנדיק אַמאָל וועגן איר טעטיקייט, האָט זי געזאָגט: „מיין גאַנצן לעבן, אָנהויבנדיק פון 1894, האָב איך געהאָלפן וולאַדימיר איליטשן (לענינען) מיט וואָס איך האָב נאָר געקאָנט.״

אין דעם וואָרט „געהאָלפן״ ליגט פיל איינפאַכקייט און באַשיידנ־קייט. וואָרים אַפילו ווען נ. ק. קרופּסקאַיאַ וואָלט ניט געווען לענינס פרוי, די נאָענטסטע חברטע פון געניאַלן לענין, וואָלט זי אַלץ, אויף איר אייגענעם רעכט, געדאַרפט באַטראַכט ווערן ווי איינע פון די גרעסטע פרויען פון אונדזער צייט.

ווי ווייט איר באַשיידנקייט איז געגאַנגען, קאָן מען זען פון דעם פאָלגנדיקן פאַל:

מען האָט זי איינגעלאַדן רעדן פאַר פרויען פון אויסלענדישע ספּעציאַליסטן אין דזשערזשינסקי־קלוב אין מאָסקווע, דעם 8טן מערץ, 1932. קרופּסקאַיאַ האָט דעמאָלט געהאַלטן אַ זייער געלונגענע רעדע. נאָכדעם ווי זי האָט אָפּגערעדט, האָבן די פרויען זי אַרומגערינגלט און געוואָלט זי, צום אָנדענק, פאָטאָגראַפירן. זי האָט אָבער אַליין ניט געוואָלט זיך פאָטאָגראַפירן, סיידן מיט דעם אָרגאַנזשיר־קאָמיטעט פון אָוונט. „איך אַליין פיל זיך אומבאַקוועם — האָט זי געטענהט. — מיט דער גרופּע חברים, וואָס האָבן צוגעגרייט דעם אָוונט, פיל איך זיך בעסער.״ און אַזוי האָט מען טאַקע געמוזט נעמען אַ גרופּן־בילד.

וואָס מיר געדענקט זיך אַמקלאָרסטן, איז קרופּסקאַיאַס הילף אין געפינען פאַר אונדז אַ וואוינונג. אין סטודענטן־שטעטל אָסטאַנקינאָ איז זומער געווען פיין צו וואוינען: אַ סךביימער, אַ גרויסע אָזערע, ברייטע, גרינע פעלדער. אָבער ווען דער ווינטער איז געקומען האָבן מיר דאָרט

געפרוירן. די הייזער זיינען געווען געבויט פון ברעטער און האָבן ניט געקאָנט איינהאַלטן קיין וואַרעמקייט. דערצו איז נאָך דאָס שטעטל געווען ווייט פון צענטער, וואו איך האָב געאַרבעט און די קינדער זיינען געגאַנגען אין שול.

איינמאָל קום איך אַריין צו קרופּסקאַיאַ מיט אַן אַרטיקל פאַר איר זשורנאַל. זי האָט מיך געבעטן זיך זעצן און הויבט מיך אָן אויספרעגן, ווי מיר גייט אין מיין אַרבעט און ווי עס לעבט זיך מיר אין אַלגעמיין. איך האָב איר דערציילט, אַז איך דאַרף אויפשטיין גאַנץ־פרי, צו זיין אין צייט צו דער אַרבעט. זי האָט אָבער געוואוסט וועגן מיר מער ווי איך האָב איר דערציילט. צו וואָס דערציילן? — האָב איך געטראַכט. — דאָס וועט איר נאָך מער פאַרדרוס פאַרשאַפן. זי האָט געוואוסט, גוט גע־וואוסט די לאַגע פון וואוינונגען אין מאָסקווע, און קאָן עס סיי־ווי־סיי ניט העלפן. ווי גרויס איז אָבער געווען מיין איבערראַשונג, ווען זי איז צוגעגאַנגען צו איר שרייב־טיש און אַרויסגענומען אַן אָנווייז אויף צוויי צימערן אין צענטער פון שטאָט!

די סאָוועטישע מאַסן האָבן קרופּסקאַיאַן פאַרגעטערט. האָט עמעצער געהאַט אַ וועלכע ניט איז ביטע, אַ פריידיקע בשורה, אָדער אַ קריוודע — איז מען גלייך געלאָפן צו נאַדעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ. מען האָט צו איר געשריבן בריוו, מען איז געקומען צו איר פערזענלעך פון די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון לאַנד. פאַר יעדן איינעם האָט זי געהאַט אַ גוט וואָרט, אַן עצה.

נאָך דער רעוואָלוציע האָט זי אָנגעהויבן שפּילן אַ גרויסע ראָל. אין איר זשורנאַל „נאַ פּוטיאַך ק׳ נאָוואָי שקאָלע״ פלעגט זי באַהאַנדלען טעאָרעטישע ווי אויך פּראַקטישע פראַגן, וואָס איז שייך דער סאָוועטי־שער בילדונגס־סיסטעם. זי האָט צוזאַמענגעשטעלט דעם פּראָיעקט פון דער פּאַרטיי־פּראָגראַם וועגן פאָלקס־בילדונג. זי איז געווען אַ מיטגליד פון דעם קאָלעגיום פון בילדונגס־קאָמיסאַריאַט. דעם פּאָסטן האָט זי אָנגעהאַלטן ביזן לעצטן טאָג פון איר לעבן.

איך באַקען זיך מיט דער סאָוועטישער יוגנט

ווען מען האָט פאַרמאַכט שולגינס אינסטיטוט און איך בין אריבער אין אינסטיטוט פון מעטאָדן און פּלאַנירונג, האָב איך דאָרטן אָנגעפירט מיט אַ שפּראַכן־קאַטעדרע. איך האָב געהאַט די אויפזיכט איבער נאָך צען לערער און דערביי אָפּגעגעבן זיך מיט פאָרשונגס־אַרבעט אין פּעדאַגאָגיק.

אין אינסטיטוט פלעגן קומען אַספּיראַנטן פון אַלע טיילן פון גרויסן סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס זיינען געווען מערסטנס געענדיקטע לערער, וואָס פלעגן קומען זיך פאַרפולקומען, כדי שפּעטער צו קאָנען פאַרנעמען פירנדיק שטעלעס אין פאַרשיידענע לערן־אַנשטאַלטן. דאָ האָבן זיי זיך געלערנט שפּראַכן, כדי צו זיין אימשטאַנד צו לייענען אין אָריגינאַל ענגלישע, דייטשע און פראַנצויזישע ליטעראַטור. איך פלעג דאָ קומען אין קאָנטאַקט מיט פאַרשיידענע טיפּן פון דער נייער יוגנט.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט דעמאָלט געשענקט באַזונדערע אויפ־מערקזאַמקייט דער יוגנט. שוין אין עלטער פון זעקס יאָר פלעגט זיך אָנהויבן זייער טרענירונג. ייִנגלעך אַזוי גוט ווי מיידלעך זיינען אָרגאַני־זירט געוואָרן אין אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך גערופן „אָקטאָבער־לעך" (אין אָנדענק פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פון 1917). פון דער אָרגאַניזאַציע זיינען זיי אַריבערגעגאַנגען צו די „יונגע פּיאָנערן", אין עלטער פון 10־16 יאָר. פון 16־24 האָט מען זיי גערופן „קאָמסאָמאָלצעס" (קאָמוניסטישע יוגנט). מיר איז אויסגעקומען זיך צו באַקענען און באַגעגענען מיט דער קאָמוניסטישער יוגנט.

די סאָוועטישע יוגנט איז זייער אַן אינטערעסאַנטער עלעמענט — באַלעזן, ציל־באַוואוסט און קלאַסן־באַוואוסט. אין די גרעסערע שטעט האָט מען פאַר זיי פאַלאַצן פאַר אַרבעט („דוואָרצי טרודאַ"). דאָ לערנען זיי זיך צייכענען, מאָלן, ראַדיאָ־טעכניק, עראָפּלאַן־בויאונג, אין די פאַרשיידענע לאַבאָראַטאָריעס, ווי כעמישע, פיזישע און אַנדערע. די

יוגנט אַרבעט אונטער דער אויפזיכט פון טעכנישע אינסטרוקטאָרן. דאָ מאַכט מען מאָדעלן פאַר טאַנקען, עראָפּלאַנען, לאָקאָמאָטיוון פאַר אייזנבאַנען. די דערוואַקסענע זיינען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די טעטיקייטן פון די קינדער. זיי זיינען ענג פאַרבונדן מיט די לערער און העלפן אָפט אַרויס ביים אַרויספאַרן אין פאַרשיידענע פּלעצער.

אין קיין לאַנד, דוכט זיך מיר, גיט מען זיך ניט אָפּ אַזוי מיט קינדער, ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אומעטום זיינען זיי אין דער ערשטער ריי. דאָס מיינט ניט, פאַרשטייט זיך, אַז זיי זיינען וויכטיקער ווי די עלטערן. עס מיינט אויך ניט, אַז זיי זיינען צופיל צעפּיעשטשעט אָדער פירן זיך אויף ניט גוט. מען גיט זיי אַלע מעגלעכקייטן אויסצוּוואַקסן ניצלעכע מענטשן, גוטע בירגער. אין פּיאָנערן־הויז אין מאָסקווע שטעלן זיי זיך די אויפגאַבע צו אַנטוויקלען שאַפונגספיאיקייטן צווישן די קינדער, אָבער ניט אויסבילדן פּראָפעסיאָנאַלן.

אַנהויבנדיק פון 6־יאָריקן עלטער ביז 16 יאָר, קאָנען יונגע קינדער קומען יעדן טאָג פון 11 אין דער פרי ביז 9 אין אָוונט אין די פּיאָנערן־הייזער (אַזעלכע זיינען אין מאָסקווע געווען 25). אין די צימערן שפּילן זיך אין פאַרשיידענע צייטן פון טאָג אַרום 40 טויזנט קינדער דורכן מאָנאַט. אַן איינטריט־קאַרט מוזן זיי קריגן פון שול, ווייל עס זיינען פאַראַן זייער אַ סך קינדער, וואָס ווילן פאַרברענגען אין פּיאָנערן־הויז זייער פרייע צייט. דאָס הויז איז וואונדער־שיין דעקאָרירט. דאָרטן קאָן מען זען אַ פּיעסע אין קינדער־טעאַטער. זיי האָבן אויך געהאַט אַ קינאָ און אַ ביבליאָטעק מיט 50 טויזנט ביכער, איינגעשלאָסן דייטשע, ענגלישע און פראַנצויזישע.

אין דעם הויפּט־הויז פון מאָסקווער פּיאָנערן זיינען פאַראַן 27 גרופּן צו פּראַקטיצירן טאַנצן, זינגען, צו בויען עראָפּלאַנען און אַנדערע פאַכן. מען קאָן לייכט אַריבערגיין פון איין גרופּע אין אַ צווייטער.

דאָ לערנען זיך אויך קינדער צו שפּילן אַן אינסטרומענט. אויך

איז פאַראַן אַ ספּעציעלע טוריסטן־גרופּע, וועלכע אַראַנזשירט זומער־צייט אַרויספאָרן אויף דעם טייך וואָלגע.

די רוסן זיינען ליידנשאַפטלעכע שאַך־שפּילער. דאָס פּיאָנערן־הויז האָט אַ ספּעציעלן שאַך־קלוב פאַר קינדער. צווישן די קינדער זיינען דאָ אויסגעצייכנטע יונגע שאַכמאַטיסטן, וואָס קריגן אַפילו פּרייזן פאַר זייער שפּילן.

ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט שענקט מען קאָמסאָמאָלצעס. זיי זעט מען צו קרעפּטיקן, ווייל אַ גוטע פיזיק שפּילט אַ גרויסע ראָל. זיי מאַכן מיליטערישע איבונגען. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט מען שטענדיק אין זינען, אַז דער שונא לויערט און קאָן צו יעדער צייט אָנפאַלן. מען האָט זיך געלערנט שיסן די גאַנצע צייט, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד עקזיסטירט, שיסן אין ציל און שפּרינגען פון פאַראַשוטן, און אַנדערע איבונגען.

צו זען די יוגנט אין טאָג פון פּאַראַד איז געווען אַ פרייד און אַ טרייסט, אַז אין פאַל פון אַן אָנפאַל וועלן זיי זיך קאָנען פאַרטיידיקן. אַזעלכע פּאַראַדן פלעגן פאָרקומען יעדן יאָר. אין די טויזנטער פלעגן זיי מאַרשירן, נאַקעטע ביזן גאַרטל, מיט געגאָלטע קעפּ און פאַרברוינטע קערפּערס — אַלע אין בעסטן געזונט־צושטאַנד, גרויסע, קרעפּטיקע, בויגעוודיקע. מען האָט שוין דעמאָלט געפילט, אַז זיי זיינען אימשטאַנד צו געבן דעם געהעריקן ווידערשטאַנד אין פאַל פון אַן אָנגריף.

שפּעטערדיקע געשעענישן האָבן דאָס באַרעכטיקט. ווען איך האָב אין 1935 געזען די דייטשע און יאַפּאַנעזישע אַמבאַסאַדאָרן זיך צוקוקן, ווי עס לויפן פאַרביי אויפן רויטן סקווער אַרום 500 טאַנקען פון פאַר־שיידענעם גרויס, מאַנכע מיט דער שנעלקייט פון 30־40 מייל אַ שעה, האָב איך געטראַכט, אַז זיי וועלן האָבן וואָס צו דערציילן זייערע רעגירונגען.

מ י י ן   ל ע ב נ ס ־ ו ו ע ג

די סאָוועטישע פרוי

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָב איך אויך געהאַט אַ סך געלעגנהייטן צו באַאָבאַכטן די סאָוועטישע פרוי.

עס הערשט דאָרט אַ פיינער גייסט פון חברשאַפט צווישן מענער און פרויען. ניט קיין איבערפּלעכלעכע אויפמערקזאַמקייט פון מאַן צו פרוי, נאָר אַן אמתע פריינטשאַפט. דער רוס איז ראָמאַנטיש, סענטימענטאַל. די יוגנט פאַרמאַסקירט דאָס מיט פאַרשיידענע אַרגומענטן, אָבער ניט אַלע מאָל געלינגט איר דאָס. אַלס רעזולטאַט פון דער זאָרג־פעלטיקער באַציאונג האָבן זיך די הייראַט־געזעצן שטאַרק געענדערט. מען זוכט די פרוי צו פאַרהיטן, ניט געקוקט אויף איר עקאָנאָמישער אומאָפּהענגיקייט.

נאָך דער רעוואָלוציע איז די אַרבעטס־פיאיקייט פון די פרויען שטאַרק געשטיגן. אין 1936 זיינען שוין געווען 40 טויזנט אַרבעטער־פאַקולטעטן מיט איבער 100 טויזנט פרויען אינזשענערן און טעכניקער, איבער 44 טויזנט פרויען־דאָקטוירים (מעדיקער) און אַ גרויסע צאָל פרויען־וויסנשאַפטלער.

פאַרשטייט זיך, אַז די אַלע דערגרייכונגען זיינען ניט געקומען איבערנאַכט. עס איז דערצויגן געוואָרן אַ דור רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן געקוקט אויף דער פרוי ווי אויף זייער גלייכן. מען האָט איר אָנפאַרטרויט אַרבעט און זי האָט דאָס גלענצנד דורכגעפירט. עס איז געווען דער גלויבן אין אירע כוחות. די פרוי איז געווען אַ העלדישע קעמפערין אַמאָל, נאָך מיט יאָרן צוריק, און איז דאָס נאָך היינט־צו־טאָג. וואָס פאַר אַ צרות, הונגער, ליידן זי האָט אַמאָל ניט דורכגעטראָגן, אָבער שטענדיק האָט זי עס איבערגעטראָגן מיט האָפענונג און גלויבן אין איר אידעאַל און אין אירע אייגענע כוחות.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט פאַר דער פרוי געשאַפן אַ מעגלעכקייט צו פאַרנעמען זיך מיט קולטורעלע טעטיקייטן. פרויען טוען דאָס גערן.

מען פאַרשפּרייט זייער שטאַרק דאָס בוך, און פון דעם געווינט די פרוי אַזוי גוט ווי דער מאַן.

עקאָנאָמיש איז די פרוי ניט אָפּהענגיק פון מאַן. די עקאָנאָמישע אומאָפּהענגיקייט אירע איז ניט סתם אַן אָפיציעלע טעאָריע, נאָר אַ פאַקט. פרויען ווערן דערמוטיקט און אויסגעבילדעט אין גייסט, זיך אַליין אויסצוהאַלטן — אומפאַרהייראַט, צי פאַרהייראַט. אַפילו מוטערס פילן, אַז זיי דאַרפן זיין זעלבסטשטענדיק.

פאַרן קינד ווערט געזאָרגט. די נוירסעריס און קינדערגערטנער באַפרייען די פרוי פון אַ גרויסן טייל פון אירע פליכטן. אויף דעם קינד ווערט אויפגעפּאַסט אויפן פּלאַץ, וואו זי אַרבעט. געניטע דערציערינס האָבן אויפזיכט אויף די גאָר־קליינע קינדער. די סאָוועטישע פרוי איז אַ קוואַליפיצירטע אַרבעטערין. נאָך אין דער יוגנט לערנט זי אויס אַ פאַך, אין שול גרייט זי זיך צו פאַרנעמען דעם פּאַסיקן פּלאַץ אין עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד, אין דער אינדוסטריע אָדער פּראָפעסיע.

דער ערשטער 5־יאָר־פּלאַן האָט אין פאַרלויף פון 4 יאָר געבראַכט 44 מיליאָן נייע אַרבעטער אין דער אינדוסטריע. פון זיי זיינען געווען 4 און אַ האַלב מיליאָן פרויען; פריער האָבן שוין געהאַט געאַרבעט 7 מיליאָן. דערהויפּט איז גרויס דער צוואוקס אין דער שווער־אינ־דוסטריע. נאָך אין 1927 זיינען די סאָוועטישע פרויען געווען ווייניק פאַרטראָטן אין דער אייזן־אינדוסטריע — בלויז אין פרוי אויף 14־15 מענער־אַרבעטער, אָבער שפּעטער האָט, למשל, אין דער קוילן־אינ־דוסטריע דער פּראָצענט זיך פאַרגרעסערט אויף גאַנצע 34 פּראָצענט.

אין דער צייט פון דער מלחמה האָבן אַלע פרויען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאָר זיך געשטעלט אין רשות פון דער רעגירונג פאַר מלחמה־אַרבעטן אין הינטערלאַנד, און אַפילו אַרויסגעהאָלפן אויפן שלאַכטפעלד. גלייכע רעכט ברענגען מיט זיך גלייכע פליכטן. אין דער אַרבעט פון באַפרייען די וועלט פון פאַשיזם, שטייט די סאָוועטישע פרוי, פּונקט ווי דער מאַן, אויף אַ גאָר גרויסער הויך.

דער סאָוועטישער מענטש האָט שטאַרק ליב די פרייהייט און האָט פיינט מלחמות. ער האָט אַ גרויסן גלויבן אין מענטשן, אַז ער קאָן אויסנוצן די וויסנשאַפט און טעכניק צו בויען אַ גוטע געזעלשאַפט, עס זאָל זיין אַלץ פאַר אַלעמען און אויך פרייהייט פאַר אַלעמען. ער איז זייער איבערגעגעבן זיינע קינדער און זיין הויז. די רוסן זיינען גאַסט־פריינטלעך, גוט געשטימט; עס איז זייער שווער זיי אַריינצוברענגען אין כעס. אָט די אייגנשאַפטן מאַכן זיי שטאַרק אין דער וועלט היינט־צו־טאָג. דערצו נאָך איז אַ געוואַלדיקע ענערגיע ביי זיי באַפרייט געוואָרן דורך דער רוסישער רעוואָלוציע.

די ענערגיע, וואָס איז געלעגן פאַרבאָרגן אין זיי; טאַלאַנטן, וואָס האָבן געדרעמלט, האָבן זיך מיט אַמאָל אויפגעכאַפּט און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טעטיקייט. כמעט איבערנאַכט זיינען זיי געוואָרן אַ דינאַמיש פאָלק פון אַרבעטער, וויסנשאַפטסלייט, בויער, טוענדיק זאַכן, וואָס האָט זיך פריער געדוכט אוממעגלעך.

און ווען עס איז געקומען די מלחמה, האָבן זיי — לויט פרעזידענט רוזוועלטס אַן אויסדרוק — „פאַרניכטעט מער דעם שונאס סאָלדאַטן, נאַצישע עראָפּלאַנען און טאַנקען, פיל מער, ווי אַלע פאַראייניקטע פעלקער צוזאַמענגענומען.“

אין דרום־אַפריקע

אין לאָנדאָן — אויפן וועג צו מיינע ברידער

אין 1934 האָב איך געקראָגן אַן איינלאַדונג פון מיינע ברידער צו קומען זיך זען מיט זיי. מיט דריי ברידער האָב איך זיך שוין ניט געהאַט געזען זייט יאָרן. ווען זיי זיינען אַוועק קיין אַפריקע, בין איך געווען נאָך גאָר אַ יונג מיידל. מיינע ברידער האָבן מיר געשיקט די נויטיקע הוצאות פאַר דער רייזע. איך האָב געקראָגן אורלויב פון דער אַקאַדעמיע אויף צוויי חדשים, און נאָך צוויי חדשים האָב איך גענומען אַן געצאָלט. איך האָב זיך צוגעגרייט פאַר מיין רייזע און אין חודש מאַי האָב איך זיך געלאָזט אין וועג. איך בין געפאָרן דורך לענינגראַד אויף דער סאָוועטישער שיף „דזשערזינסקי" ביז לאָנדאָן. דאָרט האָב איך געדאַרפט קריגן מיין שיפס־קאַרטע און אַלע נויטיקע פאַפירן אַריינ־צופאָרן אין דרום־אַפריקע.

אויף דער באַקוועמער רוסישער שיף פלעגט מען אונדז יעדן אָוונט פאַרווײַלן מיט טענץ ביי האַרמאָניקאַ־מוזיק און געזאַנג. די פינף טעג, וואָס איך בין געפאָרן אויפן וואַסער, איז געווען איין פריילעכער יום־טוב פאַר מיר.

איך בין געקומען קיין לאָנדאָן אַ זונטיק פרי. איבעראַל איז געווען פאַרמאַכט. די גאַסן ליידיק. די טירן פון די הייזער האָבן אויסגעזען ווי פאַרזיגלט, ווייל קיין לעבעדיקן מענטשן האָט מען ניט געזען אַרויסגיין אָדער אַריינגיין. עס איז קיין אַנדער זאַך ניט געבליבן צו טאָן, ווי אָפּ־וואַרטן אויף מאָנטיק און דאַן אָנהייבן אַראַנזשירן אַלץ פאַר דער ווייטערדיקער רייזע.

גאַנץ לאָנדאָן האָט דעמאָלט אויסגעזען ווי עס וואָלט זיך גענויטיקט אין אַ גרויסן עמער פאַרב צו באַנייען און אָפּפרישן די פאַרשמירטע,

פאַרוויכערטע געביידעס. אין געוויסע טיילן פון שטאָט איז זעלטן צו זען אַ בוים, און אַפילו די רייכע רידזשענט סטריט און אָקספאָרד סטריט קאָנען זיך ניט פאַרגלייכן מיט פינפטע עוועניו, ניו־יאָרק, מיט די עליזייאישע פעלדער פון פּאַריז, אָדער אונטער־דען־לינדען אין בערלין. עס דוכט זיך, די גאַנצע שטאָט איז שלעכט אויסגעלייגט, אַז אירע בריקן, אירע וועגן זיינען ניט אויפן ריכטיקן פּלאַץ.

לאָנדאָן איז אַ גוואַלדיק־גרויסע שטאָט, ממש אַ גיגאַנט. ניט גע־קוקט דערויף, וואָס זי איז ניט שיין, איז דאָ אין איר עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז ווערט צו באַוואונדערן. אַפילו אין איר מיאוסקייט איז זי אַ קונסט־ווערק, געשאַפן פון דורות און דורות פריער. לאָנדאָן איז מער ווי אַ שיינקייט — עס איז אַן אויסדרוק פון לעבן, אַפילו ווען עס איז ניט קיין פּלאַנירטע שטאָט.

מען זאָגט אָפט, אַז לאָנדאָן איז ניט ענגלאַנד. עס מעג זיין ניט גאַנץ ענגלאַנד, עס איז אָבער אויסגעשפּראָכן־ענגליש. די וואָס באַ־הויפּטן, אַז גרויסע שטעט האָבן גאָר ניט צו טאָן מיט זייערע לענדער, אַז ניו־יאָרק צום ביישפּיל איז ניט אַמעריקע און פּאַריז איז ניט פראַנקרייך, — האָבן אַ גרויסן טעות. ניו־יאָרק איז אַמעריקע און פּאַריז איז פראַנקרייך. אַלץ וואָס איז שעפעריש און כאַראַקטעריסטיש פליסט דורך נאַטירלעכערווייז דורך דער הויפּט־שטאָט. לאָנדאָן אָבער, ווי ענגליש זי זאָל ניט זיין, איז אין איר סטרוקטור און אויסזען ניט ענלעך צו אַנדערע שטעט. לאָנדאָן איז מער ווי אַ הויפּט־שטאָט, לאָנדאָן איז אַ קאָנטינענט.

אַנדערע שטעט זאָגן עפּעס צו אויסלענדער, לאָנדאָן זאָגט גאָרניט. די שטאָט איז, אַזוי ווי דער ענגלענדער גופא — ניט קאַלט און ניט וואַרעם, נאָר גלאַט לוי־וואַרעם, אַמאָל אַנגעצויגן אַזוי זיך, מיר־נישט דיר־נישט.

לאָנדאָן איז אַ שטאָט פון יאָרהונדערטער. יעדע גאַס האָט זיך איר אייגענעם ציטער, דעם איבערגעבליבענעם ציטער פון פאַרגאַנגענע

דורות. אין פיל לענדער ווערן אימיגראַנטן פאַרשלונגען פון דעם אַל־געמיינעם גייסט, וואָס הערשט אין לאַנד. אַזוי איז דאָס, צום ביישפּיל, אין אַמעריקע. דאָ ווערן זיי דורכגעמישט. אין לאָנדאָן אָבער איז דער פּראָצעס פון איינגעשלונגען ווערן ניט אַזוי גיך. דאָ האָט יעדעס פאָלק אַ ספּעציעלן ווינקל. עס לעבט פאַר זיך אַליין. יעדעס פאָלק ברענגט מיט זיך זיינע געוואוינהייטן, מנהגים און נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן, זיינע גוטע זייטן, זיינע פעלערן. מיט דעם מאַטעריאַל בויט יעדער איינער זיין וועלטל פאַר זיך און זיין אַרבעט, אין זיינע ליידן און פריידן איז ער צווישן אייגענע.

אַלע פעלקער לעבן דאָ ווי אויסלענדער. אין יעדן איינעם לעבט די האָפענונג זיך אומצוקערן אין זיין אייגן לאַנד. צווערשט, פאַרשטייט זיך, פאַרדינען אַביסל געלט צו קאָנען עפענען אַ געשעפט ביי זיך אין לאַנד, צו קאָנען קויפן אַ פאַרם. אַזוי לעבן דאָ די כינעזער, די פראַנצויזן, די שווייצער, די פּאַליאַקן, די איטאַליענער. פאַר אַלעמען איז לאָנדאָן אַ פּלאַץ צו פאַרדינען אַ פּאָר פונט. דער איינציקער, וואָס קומט זיך דאָ באַזעצן, איז דער ייד. ער פלעגט פאַרלאָזן פּוילן, דייטש־לאַנד, רומעניע, בולגאַריע — לענדער, וועלכע זיינען אַמאָל מער פאַר אים קיין היימען ניט געווען, — און קומען זיך באַזעצן אין ענגלאַנד.

די גאַסן פון לאָנדאָן ווערן אַפילו געענדערט. עס וואָלט ניט גע־שאַדט, אַז מען זאָל אויך ענדערן די נעמען פון די גאַסן, אַזוי, צום ביישפּיל, ווי אין פּאַריז אָדער מאָסקווע. פּאַריז האָט די נעמען פון די גאַסן ניט נאָר פון באַרימטע פראַנצויזן — פון אייגענע מענטשן, נאָר אויך פון אויסלענדער. דאָרטן וועט מען געפינען ניט נאָר אַ וויקטאָר הוגאָ־גאַס, אַ פּאַסטעיר־גאַס, נאָר אויך אַ דיקענס־גאַס, אַ טשאַרלס לעמב־גאַס, אַ בייראָן־גאַס, אַ שעלי־גאַס. די לאָנדאָנער שטאָט־טאַטעס האַלטן ניט פון פאַראייביקן די נעמען פון גרויסע מענטשן־אויסלענדער.

לאָנדאָן איז אַ גייסטיקע שטאָט. אינטעלעקטועל איז זי די הויפּט־שטאָט פון דער וועלט. לאָנדאָן איז אַ קאָלאָסאַלע מאַשין, וואו דער

מענטש און מעכאַניזם טרעפן זיך צוזאַמען און פּאַסן זיך אַרײַן אײנער אין צװײטן װי אין אַ מאַשין. לאָנדאָן איז אַן אומענדלעכע מענטשלעכע דינאַמאָ — זי שטורעמט, זי אַרבעט. די מאַשין שטעלט זיך קײנמאָל ניט אָפּ, זי ענדערט אױך ניט איר גאַנג. אַלץ איז אין דער געגעבענער אָרדענונג.

װען איך בין אָפּגעװען עטלעכע טעג אין לאָנדאָן, האָב איך זיך אָנגעהױבן צוגעװאױנען צו דער גיגאַנטישער שטאָט. די שעפער, די געבײדעס, די געסלעך, די באַנען, די קלײנע אױטאָמאָבילכלעך האָבן אָנגעהױבן אױסזען נאַטירלעך, אָנשטאָט קלײן און מאָדנע.

איך באַװאונדער דעם ענגלענדער אין זײַן שטרעבן נאָך געמיט־לעכקײט. דאָס פילט מען אַפילו אין אַזאַ גרױסער שטאָט װי לאָנדאָן. דאָ אײַלט מען זיך ניט. עס איז ניט פאַראַן קײן יאָגעניש און קײן לױפעניש, װאָס באַמערקט זיך אַזױ שטאַרק אין ניו־יאָרק, און דאָך איז בײַ זײ געשעפט איבער אַלץ.

נאַפּאָלעאָן האָט אַמאָל געזאָגט, אַז די ענגלענדער זײַנען אַ פאָלק פון קרעמער. און טאַקע — װען מען גײט דורך דעם ביזנעס־דיסטריקט אין לאָנדאָן, זעט מען אױף די שילדן פון די סחורות־לאַגערן, אַז דאָ האַנדלט מען מיט פאַרשידענע קאָלאָניעס און דאָמיניאָנס. אַזױ װעט אײן שילד אײַך דערצײלן, אַז דאָ האַנדלט מען מיט ניי־זעלאַנד, דאָ מיט דרום־אַפריקע, דאָ מיט קאַנאַדע, און דאָרטן מיט אױסטראַליע און אינדיע.

די אַמביציע פון ענגלישן קלײנבירגער איז אָנצוזאַמלען װאָס־מער מאַטעריעלע רײַכטימער דורך האַנדל. גאַנצע יאָרהונדערטער זײַנען די אַמביציעס אָנגעגאַנגען צו דערגרײַכן אָט דעם צװעק. אַלײן אַ קלײן לענדעלע, זײַנען אירע קאָלאָניעס געװאַקסן, און מיט דעם אױך דעם ענגלענדערס געשעפטן. עס זײַנען פאַראַן קרעמער בײַ יעדן פאָלק, אָבער בײַ קײן פאָלק דערגרײַכט די קרעמערײַ ניט אַזאַ שטופע, װי בײַ די ענגלענדער.

איך באַזוך דעם אינדזל מאַדעיראַ

ווען איך האָב פאַרלאָזן לאָנדאָן, האָט מיר גענומען דריי טעג ביז איך האָב דערגרייכט דעם אינדזל מאַדעיראַ, אויפן וועג צו דרום־אַפריקע.

דערנעענטערנדיק זיך צום אינדזל, ביי אַ גוטן וועטער, קאָן מען זען איינע פון די שענסטע פּאַנאָראַמעס, וואָס די וועלט פאַרמאָגט. ביז דאָרט איז מען אויפן וואַסער צוגעוואוינט צו זען בלויז ים. דאָ דערזעט מען הויכע בערג, באַלויכטן מיט אַ גאָלדענער זון. עס דאַכט זיך, אַז מען זעט אַ בילד פון אַ פאַנטאַסטישער מעשהלע.

ווען די שיף גייט צו נאָענט צום אינדזל און איז שוין אין האַפן, דערזעט מען אַ געל־ווייסע שטאָט. דער אינדזל הויבט זיך אָן מיט פלאַכלאַנד און דערהויבט זיך ביסלעכווייז ביז גאָר־הויכע בערג. דאָ הויבט מען זיך אָן צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז דאָ וואוינען אויך מענטשן און ניט קיין געטער. די מיט־שניי־באַדעקטע בערג פאַרלירן זיך אין די וואָלקנס, וועלכע זעען אויס ווי שטיקער וואַטע. מאָדנע שאָטנס ליגן זיך אויף די מאָנסטער־בערג פון שטיין און ערד.

דער טוריסט בלייבט אָבער לאַנג ניט שטיין אַ פאַרגאַפטער. ער דערהערט אַרום זיך מענטשן רעדן אַ מאָדנע שפּראַך, זשעסטיקולירן און נעמען אויספּאַקן סחורה אויפן דעק פון דער שיף. די שיף ווערט אַרומגערינגלט מיט קליינע שיפלעך, אין וועלכע עס זיצן איינגעבאָרענע פון אינדזל מיט פאַרשיידענע זאַכן צום פאַרקויפן. דאָ קאָן מען קויפן פאַרשיידענע געפלאָכטענע מעבל, אויסגעהאַפטענע לייוונט, טראָפּישע פּרוכטן, בלומען — אַלץ איז אויסגעשטעלט פאַר די אויגן און אַלץ קאָנט איר זיך איינשאַפן.

ניט ווייט פון די שיפלעך מיט בלומען און פרוכט קאָן מען זען גאָר קליינע שיפלעך מיט פיצלעך קינדער, כמעט נאַקעטע; זייערע קערפּערלעך איילבירט־קאָליר, זעען אויס ווי גרין קעגן דער זון. די

קינדער מוזן זיין ניט מער ווי זעקס־זיבן יאָר אַלט. זיי שווימען אויפן רוקן, זשעסטיקולירן און מאַכן אַלערליי גרימאַסן, ווי מאַלפּעס — אַלץ צוצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די פּאַרזאַמלטע. די יונגע שווימער האַלטן זיך גרייט אַריינצוואַרפן זיך אין וואַסער, הגם פון זייערע געשרייען איז שווער צו פאַרשטיין וואָס זיי ווילן. זיי רעדן פּאָרטוגעזיש. די פּאַסאַזשירן נעמען וואַרפן מטבעות אין ים, די יונגע חברה גיבן זיך אַ לאָז צו כאַפּן די מטבעות. זיי האָבן אַפילו קיין מורא ניט פאַר די האַי־פיש (שאַרקס), וועלכע זיינען פול אין יענע וואַסערן. דאָס וואַסער איז זייער קלאָר און דורכזיכטיק, און דורכגעלויכטן פון די סוב־טראָפּישע שטראַלן, דורך וועלכע מען קאָן זען אַלערליי מאָנסטער־פיש אין גרויסע טיפענישן. די מאַדעירא־איינוואוינער זיינען זייער פלינק. זיי זיינען מערקווירדיק־געוואַגטע שווימער.

באַקוקן די שטאָט קאָן מען דורך דעם „באָס" אָדער אַ „קאַרא", אַזאַ מין שליטן געשלעפּט פון אָקסן. די גאַסן זיינען אויסגעפלאַסטערט מיט קליינע גלאַנציקע שטיינדלעך. קיין שניי איז דאָרטן ניטאָ, קיינמאָל ניטאָ. דאָס שלעפּן זיך מיטן שליטן איז זייער לאַנגזאַם. דאָס איז נאָך, ווי עס שיינט, איבערגעבליבן ווי אַ טראַנספּאָרטאַציע־מיטל פון הונדערטער יאָרן צוריק.

ווען די „קאַרא" האָט זיך אויסגעדרייט צו דער שטאָט, האָבן מיר אויפן בולוואַר דערזען פאַרשיידענע גרויסע געשעפטן פון קליידער און עסנוואַרג, אַזוי ווי אין איראָפּע. די הייזער, געבויט אין גאָטישן און איטאַליענישן סטיל, שטייען טיף אין די גערטנער, ווייט פון דער גאַס. די הייזער — ווייסע, פאַרשטעקט אין טיפן גרין — זעען אויס זייער אָנציִענדיק.

די דאַמפּערס „יוניאָן סטימשיפּ קאָמפּאַני" און „קעסל מעיל" גייען יעדע וואָך פון סאַוטהעמטאָן קיין קעיפּטאַון, דרום־אַפריקע, און שטעלן זיך אָפּ אין מאַדעירא צוליב דער זעלטענער שיינקייט פון אינדזל, זיינע סוב־טראָפּישע פלאַנצן און חיות.

איך בין מיט אַן אויטאָ אַרויפגעפאָרן אויפן העכסטן באַרג. זיין שפּיץ איז געווען באַדעקט מיט לאַווע. פון דעם נעמען די געאָלאָגן, אַז דער אינדזל איז אַ טייל פון אַ גרויסן קראַטער, וואָס איז מיט הונדערטער יאָרן צוריק געווען אַקטיוו און געשפּיגן מיט פייער.

די איינוואוינער פון מאַדעיראַ, ניט געקוקט אויף דער רייכער, שיינער נאַטור, זיינען ניט קיין שיינע. עפּעס אַ גרין־געלע הויט אויף זייערע פּנימער; מאָגערע, קליין־געוויקסיקע מענטשן. זיי זיינען אויס־געצייכנטע גערטנער. דערהויפּט טויגן זיי זיך אויס אין באַפּוצן די לאַנדשאַפט. אויף דעם קלענסטן שטח ערד קאָנען זיי אָרגאַניזירן גאָר קליינע פלאַנצן, אַרטיסטיש צוזאַמענגעשטעלט.

דער אינדזל לעבט פון טוריסטן. די האָטעלן האָבן זייער עס־צימער אין די גערטנער. מאַדעיראַס גערטנער זיינען רייך אין פלאַנצן און זייער אָריגינעל, מיט טראָפּישע פלאַנצן און בלומען, מיט אָראַנזשן, לימענעס און באַנאַנע־ביימער, וועמעס ברייטע בלעטער עס שפּרייטן זיך אויס ווי גיגאַנטישע שירעמס. צווישן די ביימער, אין העל־באַלויכטענע שטייגלעך, זיצן מאַלפּעס און רעדן זיך דורך אויף זייער מאַלפּע־לשון. צווישן די ביימער זיינען אויך דאָ פּאַפּוגאַיעס פון פאַר־שיידענע מינים.

דער קלימאַט אין מאַדעיראַ צייכנט זיך אויס מיט זיין איינהייט־לעכער טעמפּעראַטור. צוליב דעם וואַרעמען שטראָם, וואָס פליסט דאָרטן פאַרביי, איז פאַראַן אַ גרויסע מאָס וואַרעמקייט און פייכטקייט אין דער לופט. דאָס פאַראורזאַכט דעם גרויסן וואוקס פון פלאַנצן. דער קלימאַט איז רעגלמעסיק. עס איז ניטאָ קיין גרויסער אונטערשייד צווישן זומער און ווינטער. צוליב דעם אידעאַלן קלימאַט איז דער פּלאַץ זייער פּאָפּולער ביי טוריסטן.

איך קום אָן אין קעיפּטאַון

זיבעצן טעג בין איך געפאָרן אויפן וואַסער פון לאָנדאָן קיין קעיפּ־טאַון. איך בין אָנגעקומען אין פּאָרט אין מיטן נאַכט. איך בין געווען אַזוי אויפגערעגט ווען איך האָב דערפילט אַז די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַז איך האָב ניט געקאָנט איינשלאָפן. די מענטשן האָבן גענומען קלאַפּן און ליאַרעמען. אַלע זיינען אַרויס פון די כלים.

אין דער פינצטער, בלויז ביים שיין פון דער לבנה און שטערן, האָב איך דערזען די סילועטן פון די טיש־בערג („טעיבל־מאַונטענס"). ווען די זון איז אויפגעגאַנגען אַזאַ העלע, אַזאַ שיינענדיקע, איז געוואָרן פרייליך אויפן האַרצן. עפּעס איז פאַראַן אין דער אַפריקאַנער זון, וואָס שטאַרקט און סטימולירט. די קרישטאָל־קלאָרע לופט, די באַצויבערנדיקע העלקייט פון קאָלירן ווירקט שטאַרק אויפן געמיט. מ'מוז באמת זיין שטאַרק אָפּגעלאָזן ניט צו פילן, אַז עס איז גוט צו זיין אַ לעבעדיקער מענטש און זען די זון אין אַזאַ הערלעכן געבורט.

די אַפריקאַנער זון זעט אויס צו זיין ריין־געוואַשן, ממש ווייס. אין דער דרומדיקער נאַכט שיינט ניט נאָר די לבנה, נאָר זי איז אויך ליכטיקער און קלערער, ווייניקער מאַט, ווי אין איראָפּע. דאָ זעט מען אַן אַנדער הימל און אַנדערע שטערן, ווי דעם דרום־קרייץ („סאַוטערן קראָס") און אַנדערע. אַפילו די שטערן זיינען דאָרט טיפער, מיט אַ שטראַלנדיקער שיינקייט.

די שטאָט קעיפּטאַון ליגט צופוסנס פון די טיש־בערג, וועלכע הויבן זיך אויף 3,000 פוס איבער דער שטאָט. די בערג מיט זייערע וועגן און שטעגן, מיט דעם סוב־טראָפּישן גרינס אין פאַרשיידענע קאָלירן, זעט אויס אַ פּראַכט. די לעצטע יאָרן איז דרום־אַפריקע געוואָרן דער פּלאַץ, וואו עס פאָרן טוריסטן, צוליב דעם קלימאַט, וועלכער ווירקט זייער דערפרישנדיק.

מיין משפחה האָט שוין דאָן געוואַרט אויף מיר ביי דער שיף. מיינע

פיר ברידער האָבן נאָך דעמאָלט אַלע געלעבט. מיין עלטערער ברודער יוסף, מיין ברודער מאַקס מיט זיין פרוי. רפאל איז דעמאָלט געלעגן קראַנק. מיין פּערטער ברודער, שמואל, האָט געוואוינט ווייט, לעבן יאָהאַנעסבורג. אויך געשוועסטערקינדער האָבן זיך אויפגעזוכט: מיין קוזינע מערי מיט איר זון נייטען. אַלע האָבן מיך אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און זיך שטאַרק געפרייט. ביים לאַנדן האָט מען מיר געגעבן אַ דערלויבעניש צו פאַרבלייבן אַ יאָר אין אַפריקע.

מיין עלטערן ברודער יוסף האָב איך ניט דערקענט. ער איז אַוועק פון דער היים, ווען ער איז אַלט געווען 22 יאָר. ער איז דעמאָלט געווען שלאַנק, הויך, ברונעט, מיט זייער אַ שיינער, שטאַרקער שטים, און האָט געהאַט אַ גרויסן פאַרלאַנג צו לערנען און וויסן. ווען איך האָב אים געזען אין אַפריקע, איז ער געווען גרוי, שווער־לייביק, צוריק־געשטאַנען, און האָט שוין ניט געזונגען.

ער איז געווען אַ „לאָיאַלער מענטש”. ער איז געבליבן טריי זיין ערשטער געליבטער און געבליבן אַן אַלטער בחור. באַלד נאָך מיין אַוועקפאָרן פון אַפריקע איז ער געשטאָרבן.

מיין ברודער רפאל, וואָס איז געלעגן קראַנק ווען איך בין אָנ־געקומען, האָב איך כמעט ווי ניט געדענקט. ער איז אַוועק פון דער היים זייער יונג. ער האָט זיך אַ סך אָנגעליטן, אַ סך דורכגעמאַכט ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַ פּרוכט־פאַרם. זיין איבערגעגעבענע פרוי לינע האָט אים שטענדיק אַרויסגעהאָלפן אין פאַרמעריי. אַלע קינדער זיינען ביי אים גוט געלערנט. עס וואָלט שוין געווען אַ גוטע צייט פאַר אים, רואיקע יאָרן, איז ער אָבער געווען אַזוי אויסגעהאָרעוועט, אַז קיין זאַך איז אים שוין ניט איינגעגאַנגען. ווען איך האָב אים געזען, איז ער שוין געווען אַ קראַנקער, צעבראָכענער מענטש. ער האָט זיך צע־ווייגט, ווען ער האָט מיך דערזען. אין דריי חדשים אַרום, נאָך מיין פאַרלאָזן אַפריקע איז ער געשטאָרבן, אין עלטער פון 58 יאָר.

מיין ברודער מאַקסן לעבט זיך גאַנץ גוט. ווען איך בין אַהין אָנ־

געקומען, האָט ער שוין געהאַט אויפגעגעבן זיינע געשעפטן. ער איז געווען קליגער ווי מיינע איבעריקע ברידער. ער האָט אויפגעגעבן זיינע געשעפטן ווען ער האָט נאָך געהאַט כוחות — ניט ווי די איבעריקע, ווען זיי זיינען שוין געווען אויסגעהאָרעוועט. אים האָט זיך נאָך געוואָלט געניסן פון לעבן. ער האָט אַלץ אויפגעגעבן און געמאַכט אַ רייזע איבער איראָפּע צוזאַמען מיט זיין פרוי, זיין שטענדיקע באַגלייטערין. אויף זיין רייזע האָט ער אַ סך געזען און געלערנט. ווען ער איז צוריקגעקומען אַהיים, האָט ער נאָך בעסער איינגעאָרדנט זיין ווירטשאַפט מיט פאַר־שיידענע באַקוועמלעכקייטן און האָט דעמאָלט געהאַט אַ זעלטן־שיינע היים מיט אַ פרוכט־גאָרטן פון אַלערליי טראָפּישע פירות. ער האָט ליב פייגל, דערהויפּט טויבן; פאַרשיידענע סאָרטן טויבן געפינען זיך אין זיין גאָרטן און ער פּאַסט אויף זיי אויף.

אָבער ניט נאָר דערמיט אַליין גיט ער זיך אָפּ. ער וואוינט אין אַ קליין שטעטל; קיין געזעלשאַפטלעך לעבן, ווי פּאַרטייען און אָרגאַני־זאַציעס, זיינען דאָרטן ניטאָ, גיט ער זיך אָפּ מיט לייענען. ער לייענט אַ סך. איך שיק אים אָפט ביכער פון ניו־יאָרק. ער שרייבט אויך אויס די „יידישע קולטור". אַזוי ווי ער אינטערעסירט זיך מיט זאַכן, וואָס קומען פאָר אין אַמעריקע, לייענט ער אויך דעם „אַמעריקאַנער".

אַט די דריי — יוסף, רפאל און מאַקס — האָבן געוואוינט אַלע אין איין געגנט, פּאַקטיש אין איין שטאָט.

באַלד נאָך מיין אָנקומען האָט מען אַראַנזשירט אַ פיינעם „לאָנטש", וואו די גאַנצע פאַמיליע האָט זיך פאַרזאַמלט. נאָכדעם האָט מען מיך געפירט ווייזן די שטאָט.

קעיפּטאַון זעט אויס ווי אַן איראָפּיאַישע שטאָט, מיט ברייטע, געראַמע גאַסן, נידעריקע געביידעס מיט פלאַכע דעכער. די זויבערקייט דערמאָנט אָן די שטעט אין האָלאַנד. די הייזער זיינען אויסגעשטאַט מיט שווערע ווענעציאַנישע לאָדנס, באַמאָלן אין פאַרשיידענע קאָלירן. די הייזער זיינען געבויט פאַר אַ וואַרעמען קלימאַט. זיי האָבן דאָרטן ניט

קיין צענטראַלע באַהייצונג און קיין אויוונס. אין פאַל פון שלעכטן וועטער האָבן זיי „קאַמינען“ אין די הייזער.

אַפריקע איז ניט קיין אינדוסטריעל לאַנד. עס זיינען דאָרטן ניט פאַראַן קיין גרויסע פאַבריקן אָדער שעפער. דערפאַר איז דאָס לאַנד רייך אין מעטאַלן, אין גאָלד, איידלשטיינער, די פיינסטע פרוכטן און קאָרן, וואָס רופט זיך דאָרטן „מיליס“. היינט־צו־טאָג איז דרום־אַפריקע דער גרעסטער פּראָדוצירער פון גאָלד און דימענטן. אַפריקע פּראָדוצירט אויך רוי־שטאָפן, ווי וואָל, פעלן, מילכיקס, וויינען און מינעראַלן. אין די אויסגערעכנטע אַרטיקלען קאָנקורירט אַפריקע מיטן וועלט־מאַרק. אירע גרעסטע פּאָרטן זיינען — נאָך קעיפּטאַון — דורבאַן, איסט לאָנ־דאָן, פּאָרט עליזאַבעט און מאָסעל בעי. דאָ ברענגט מען אויסגעאַרבעטע סחורות פון ענגלאַנד, און מען פירט צוריק פאַרשיידענע רוי־מאַטעריאַלן.

איך זע זיך מיט מיין ברודער שמואל

איך בין אָפּגעווען אַ חודש אין סירעס — אַ שטעטל, וואָס ליגט צופוסנס פון די שטיינערנע בערג און האָט אַזאַ וואונדערבאַרן קלימאַט, אַזוי פיל גערטנער און סעדער און וואַלד אַרום, אַז קראַנקע קומען זיך דאָרטן קורירן פון אַסטמאַ. דאָס שטעטל איז דעריבער באַרימט אַלס היילונגס־פּלאַץ. פאַר דער צייט וואָס איך בין געווען אין סירעס, בין איך אייניקע מאָל געווען אין קעיפּטאַון. סירעס ליגט 90 מייל פון קעיפּטאַון.

מיין ברודער שמואל האָט אונדז — מיין ברודער מיט זיין פרוי און מיך — איינגעלאַדן צו זיך אין קאָפּיעס, אַ קליין שטעטעלע, אַ טויזנט מייל פון קעיפּטאַון, אויפן וועג צווישן קעיפּטאַון און יאָהאַנעסבורג. מיר זיינען אין אַן אויטאָמאָביל דורכגעפאָרן אַ כמעט־אומבאַוואוינטע וויס־טעניש — די „קאַרו“. עס איז אַזוי ווייניק באַוואוינט, אַז פאַר הונדער־טער מיילן זעט מען דאָרטן ניט קיין לעבעדיקן מענטשן, נאָר שעפסן,

וואס פּאַשען זיך דאָרטן אויף דעם גרויען גראָז (עס איז געווען ווינטער, איז דאָס גראָז געווען ניט גרין, נאָר גרוי). אגב, איז דאָרטן ווינטער, ווען ביי אונדז איז זומער.

די „קאַרו" איז די פיינסטע געגנט אין דער וועלט פאַר שעפּסן־פּאַרמעריי — שעפּסן, וואָס גיבן דעם באַרימטן מאַרינען־וואָל, וועלכער ווערט זייער הויך געשעצט אין אייראָפּע.

די רייזע האָט געדויערט 8 טעג. בייטאָג פלעגן מיר פאָרן און אין דער נאַכט זיינען מיר איינגעשטאַנען אין האָטעלן.

מיין ברודער שמואל האָט געוואוינט אין „אָראַנזש פּרי סטעיט", וואו עס זיינען פאַראַן פעטע פעלדער. ניט ווייט פון דעם שטעטל, וואו מיין ברודער האָט געוואוינט, געפינען זיך בערגלעך, וועלכע רופן זיך „קאָפּיעס". אין 1867 זיינען דאָרט צום ערשטן מאָל געפונען געוואָרן דימענטן. מיר זיינען דורכגעפאָרן קימבערלעי, די אַמאָליקע דימענט־שטאָט — איינע פון די נייסטע שטעט אין דרום־אַפריקע, וועלכע האָט אַ באַפעלקערונג פון 30 טויזנט איינוואוינער. די שטאָט איז זייער שיין אויסגעלייגט, מיט געראַמע ברייטע גאַסן און אַליען, באַזעצט מיט ביימער און פאַרפלאַנצטע גערטנדלעך, מיט זייער־אָרגינעלע הייזער.

איך האָב מיין ברודער שמואלן געפונען נאָך אַזוי שיין, שלאַנק, מיט אַ קאָפּ געקרייזלטע, הגם שוין גרוילעכע האָר. זיינע בלויע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט פולער קראַפט. ער האָט שווער און פיל געאַרבעט. זיינע פינף קינדער האָבן זיך געלערנט; די עלטערע — אין גרעסערע שטעט, ווי איסט לאָנדאָן און יאָהאַנעסבורג.

מיין ברודער איז פאַרבליבן אַ ראַדיקאַלער מענטש. ווען מען האָט אין 1905 זיך געריכט אין ליטע אויף אַ פּאָגראָם, איז ער געווען דער יעניקער, וואָס האָט געשאַפן די „סאַמאָבאָראָנאַ" (זעלבסטשוץ) און באַהאַלטן דאָס געווער ביי זיך אין הויז. אין דעם האָט מיין מוטער אים אַרויסגעהאָלפן. זי איז אויך ניט געווען פון די, וואָס וואָלטן צוגענומען אַ קלאַפּ פון אַ כוליגאַן־אַנטיסעמיט און זיך ניט פאַרטיידיקט.

ווען איך בין אָנגעקומען אין קאַפּיעס, האָט מיין ברודער זיך שטאַרק דערפרייט. אַ קליינינקייט, אַזוי לאַנג זיך ניט געזען! און דאָ קום איך נאָך פון סאָוועטן־פאַרבאַנד — אַ לאַנד, וואָס האָט גלייכ־באַרעכטיקט דעם יידן צוגלייך מיט אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, אים גע־געבן אַן אייגענע טעריטאָריע זיך אויסצולעבן פיזיש און גייסטיק. מיין ברודערס חלום איז געווען צו ליקווידירן אַלע זיינע געשעפטן און אַוועקפאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, און דאָרטן זיך פאַרשלאָגן אַלס אַן אַרבעטער און העלפן בויען דאָס לאַנד. ער האָט געהאַט אַ סך פּלענער צו ברענגען נוצן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דאָס איז געווען זיין חלום, וואָס ער האָט אָבער קיינמאָל ניט רעאַליזירט. שטונדן־לאַנג פלעגן מיר אַרומגיין איבער די ברייטע פעלדער, וואָס האָבן זיך געשפּרייט אַרום זיין היים. איך פלעג אים דער־ציילן וועגן די גרויסע אויפטואונגען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער פלעגט זיך אויפמערקזאַם צוהערן און דערביי באַמערקן: „אוי, וואָלט איך דאָרטן געוואָלט זיין און זען מיט מיינע אייגענע אויגן דעם גרויסן וואונדער פון פאַרוואַנדלען דאָס אָפּגעשטאַנענע, פאַרחושכטע רוסלאַנד אין אַ לאַנד, וואָס שפּרייזט מיט אַזעלכע טריט פאָראויס!“

איך באַזוך יאָהאַנעסבורג

ווען איך בין אָפּגעווען עטלעכע טעג ביי מיין ברודער אין קאַפּיעס, האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט צוצופאָרן אין יאָהאַנעסבורג, אַ וועלכע דריי שעה רייזע פון קאַפּיעס.

יאָהאַנעסבורג, די הויפּט־שטאָט פון טראַנסוואַל, ליגט אַרום אַ 6,000 פוס הויך. יאָהאַנעסבורג איז ניט צו פאַרגלייכן מיט דער אַפּאַטישער, פאַרשלאָפענער קעיפּטאַון. די שטאָט ברויזט און איז זייער לעבעדיק. ווען מען קומט־צו צו דער שטאָט, וואַרפן זיך שטאַרק אין

די אויגן די לאַנגע רייען אייזערנע קוימענס. מ׳קאָן אַמאָל אַפּילו הערן דעם געמורמל פון די אַרבעטנדיקע באַטאַרייעס, וועלכע בויערן דעם שטיין טיף אין דער ערד, כדי פונעם זאַמד אַרויסצוקריגן דעם גאָלד־שטויב.

איך בין אָפּגעווען עטלעכע טעג אין יאָהאַנעסבורג. איך האָב דאָרטן אַ סך קרובים, וועלכע איך האָב יאָרן־לאַנג ניט געזען. איך האָב אָבער געוואָלט פאַרברענגען מיט מיין ברודער און איך בין צוריק־געפאָרן נאָך קאַפּיעס. דאָס שטעטל איז אַרומגערינגלט מיט פאַרמס, און איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו באַקענען אַביסל מיט דעם אַפריקאַנער פאַרמער, דעם בור.

די אַפריקאַנער פאַרמער האָבן גרויסע שטרעקעס לאַנד. אַ פאַרם, וואָס האָט ווייניקער ווי 6,000 אַקער לאַנד, ווערט באַטראַכט פאַר אַ קליינער פאַרם. די הייזער צום וואוינען זיינען דאָרט געבויט זייער גרויס, ווייל לאַנד איז דאָ גענוג און איז זייער צוגענגלעך אין פּרייז; מען דאַרף ניט עקאָנאָמיזירן. די הייזער ווערן געבויט איין־שטאָקיקע. אַפילו אין יאָהאַנעסבורג איז שווער צו געפינען אַ צוויי־שטאָקיק הויז.

דאָס פאַמיליע־לעבן אין דרום־אַפריקע איז אַ פּאַטריאַרכאַליש. דער פאָטער איז דער הויפּט פון דער פאַמיליע. וואָס ער זאָגט, איז געבאָט. די מוטער טוט אַלץ. די הויפּט־אַרבעט אַרום דער ווירטשאַפט טוט די מוטער. זי האָט אַ סך קינדער, וועלכע וואַקסן זייער הויך, פון דער גוטער, וואַרעמער לופט. די פרוי קימערט זיך ווייניק וועגן פּאָליטיק און עס אַרט זי ניט, צי זי האָט שטימרעכט און אַנדערע פּריווילעגיעס, צי ניט. זי איז זייער געראָטן מיט די הענט, שטריקט און העקלט אויס פאַרשיידענע טשיקאַווע זאַכן. די מייסטע אַפריקאַנער פרויען זיינען גוטע קעכינס, גרייטן־צו געשמאַקע מאכלים. זיי פּרעגלען אַזעלכע זאַפטן, וואָס זיי רופן אָן „קאָנפעטי". עס זעט אויס ווי קריס־טאַליזירטע פּרוכט. זיי מאַכן אויך אַ פיינעם „דזשעם". אַפילו פון שאָלעכץ פון קאַווענעס מאַכן זיי איינגעמאַכטס.

דאָס לאַנד ווערט דאָרטן אָנגערופן „וועלד". די שיינקייט פון „וועלד" באַשטייט אין זיינע קאָלירן, זיינע אומבאַגרענעצטע אַטמאָס־פערישע עפעקטן. די וויסטעניש „קאַרו" האָט זיך איר שיינקייט מיט אירע ענדלאָזע בערגלעך („קאָפּיעס"), קוסטן, וואָס בייטן כסדר זייערע קאָלירן. זיי פאַרמאָגן אין זיך אַזוינס, וואָס איז זעלטן־וואו צו טרעפן.

אין סירעס זעט דאָס „וועלד" אויס שיין נאָך אַ רעגן, ווען די ערד ווערט באַדעקט מיט אַ טעפּיך פון פאַרשיידענע בלומען.

פאַר די מייסטע אַפריקאַנער, די בורן, וואָס וואוינען אויפן לאַנד, איז די ביבל דאָס איינציקע בוך. לויט די פאַרשריפטן פון דער ביבל זיינען זייערע באַציאונגען פון מענטש צו מענטש. זיי ווילן, אַז אַפריקע זאָל געהערן צו די אַפריקאַנער און ענגלאַנד זאָל דאָרטן קיין דעה ניט האָבן. זיי זיינען געווען גרייט נאָכצופאָלגן יעדן איינעם, וואָס האָט זיך דערקלערט אַלס פירער, אַזוי לאַנג ווי ער איז געווען קעגן ענגלאַנד. זייער פירער מאַלאַן האָט געפאָדערט אַט וואָס:

1) דרום־אַפריקע זאָל זיין אַ רעפּובליק;

2) איינגאַנצן אָפּטיילן די איינגעבאָרענע קאַפירס און די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן, ווי הינדוסן און אַנדערע, טעריטאָריעל און אינ־דוסטריעל פון די ווייסע;

3) פולשטענדיק אָפּשטעלן די יידישע אימיגראַציע.

חוץ דעם האָט מאַלאַן געדענקט, אַז עס איז קיין פּלאַץ ניטאָ אין דרום־אַפריקע פאַר קיין אַנדערער שפּראַך ווי נאָר אַפריקאַניש.

די געפערלעכע אַנטיסעמיטישע פּראָגראַם וואַרפט אַ ליכט אויף דעם געדאַנקען־גאַנג פון די דרום־אַפריקאַנער. מאַלאַנס קעגנער זוכן זיין פּראָגראַם אויסצולאַכן, דערקלערנדיק, אַז דאָס איז בלויז אַ סענטי־מענט פון די בורן, וואָס וואוינען אין פּאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון לאַנד. זיי מאַכן אָבער אַ טעות. דער אַנטיסעמיטישער געזעץ־פּראָיעקט גופא, וואָס די מאַלאַניסטן האָבן אַריינגעבראַכט אין פּאַרלאַמענט, איז אַריינגעטראָגן געוואָרן פון אַ דרום־אַפריקאַנער, וועלכער האָט געלעבט

צוועלף יאָר אין מוסאָליניס רוים. זיין אַנטיסעמיטישער פּראָיעקט קאָן פאַרגליכן ווערן מיט די נירענבערגער געזעצן אין זיין בלינדן האַס צו יידן. זיין „איילינען"־אַמענדמענט און אימיגראַציע־פּראָיעקט, וואָס איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן צווישן אַנדערע זאַכן, באַשטייט אין דעם, אַז קיין פּערזאָן פון יידישע עלטערן קאָן ניט דערלויבט ווערן אַריינצוקומען אין לאַנד און מאַכן דרום־אַפריקע פאַר זיין היים. עס זאָגט אָפּ אַפילו צייט־ווייליקע וואוינרעכט צו יעדן, וועמעס פּאַספּאָרט וויזט, אַז ער האָט בדעה צו פאַרבלייבן אין לאַנד.

די אַנטיסעמיטן פאָדערן אַ געזעץ, אַז די אויסלענדער זאָלן מוזן האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש אַרויסצוגיין אין אָוונט אין גאַס, ווי עס איז דער פאַל מיט די נעגערס. מיט „אויסלענדער" מיינט מען, פאַרשטייט זיך, יידן.

נאָך אַ סך באַגרענעצונגען וויל מען איינפירן פאַר אויסלענדער. אַזוי דאַרף אויפן שילד זיין אָנגעשריבן חוץ דעם איצטיקן נאָמען פון געשעפטסמאַן אויך דער פריערדיקער נאָמען, כדי מען זאָל וויסן דעם אָפּשטאַם. דאָס זיינען אַלץ דערוויל געזעץ־פּראָיעקטן. אָבער שוין די געזעץ־פּראָיעקטן אַליין זיינען גענוג אַנצודייטן וואָס פאַר אַ ראַסן־פּאָליטיק עס ווערט אָנגעפירט אין אַ כלומרשט „פריי" לאַנד.

דער אויבנדערמאָנטער פּראָיעקט האָט נאָך אַ צוועק: מ'וויל אויס־נעמען ביי דער אָרעמער ווייסער באַפעלקערונג, פון וועלכער עס זיינען פאַראַן אין לאַנד אומגעפער 300 טויזנט און וועלכע שטאַרבן פון הונגער, וויל זייערע פאַרמס זיינען פאַרמשכנט אין די בענק. זיי רופן זיך די „וואַיט טרעש" (דער ווייסער אָפּפאַל). אָט זיי וויל מען איינרעדן, אַז די יידן זיינען שולדיק אין דעם; וואָס מער יידן זיי וועלן אַרויסשטופּן, אַלץ בעסערע און מער אַרבעט וועט בלייבן פאַר זיי, די נויטבאַדערפטיקע אַפריקאַנער; וואָס ווייניקער יידן, אַלץ קלענער די קאָנקורענץ.

אין 1932 האָט די „קאַרנעגיע־פאַונדיישאָן" געשיקט אַ קאָמיסיע קיין דרום־אַפריקע צו שטודירן דעם עקאָנאָמישן מצב פון דער באַפעל־

קערונג. נאָך אַ גענויעם שטודיום האָט די קאָמיסיע פאָרעפנטלעכט דעם פאָלגנדיקן באַריכט: 22 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג זיינען ווייסע; מען רופט זיי „די פּור וואַיט“. 34 פּראָצענט האָבן ניט קיין מיטלען זיך אַליין אויסצוהאַלטן און מוזן אָנקומען נאָך שטיצע. 20 פּראָצענט זיינען ניט רייך גענוג צו צאָלן זייערע שטייערן (טעקסעס). בלויז 3 פּראָצענט זיינען פאַרמעגלעך.

די יידן אין דרום־אַפריקע געהערן צום קליינבירגערטום. עס לעבט זיך זיי גאָר ניט שלעכט, ניט געקוקט אויף דער אויסגעשפּראָכענער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק אין פּאַרלאַמענט. זיי האָבן נאָך קיינמאָל ניט געלעבט אַזוי צופרידן ווי איצט אין יאָהאַנעסבורג און קעיפּטאַון. מ׳קאָן זאָגן, אַז זיי לעבן איצט דורך אַ גאָלדענע עפּאָכע.

היינט־צו־טאָג איז יעדער איינער פון 16 איינוואוינער אין אַפריקע אַ ייד. איין דריטל פון די יידן, 78,000 אין צאָל, וואוינט אין יאָהאַנעס־בורג.

די דרום־אַפריקאַנער אינטעליגענץ, די אוניווערסיטעט־סטודענטן און אויך די אַרבעטער שטרעבן צו אַ רעפּובליק. אָבער ווי נאָר די נאַציס זיינען געקומען צו דער מאַכט און די איצטיקע מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן די אַפריקאַנער אָפּגעלייגט אויף שפּעטער זייער קאַמף פאַר זעלבסטשטענדיקייט און גענומען אַרויסהעלפן די ענגלענדער און געבן זיי שטיצע. דאָס שטרעבן צו זעלבסטשטענדיקייט און אומ־אָפּהענגיקייט האָבן זיי אָפּגעלייגט אויף בעסערע צייטן.

איך באַזוך אַ ישוב פון די קאַפירס

די קאַפירס (אַזוי רופט מען די נעגערס אין דרום־אַפריקע) פירן אַ טרויעריק לעבן. אינעם לאַנד זיינען פאַראַן צוויי מיליאָן ווייסע „איראָפּייער“. ווען עס קומען פאַר וואַלן צום אַפריקאַנישן פּאַרלאַמענט,

קלייבט מען אויס 44 סענאַטאָרן און 153 אַסעמבלימען. פון די זיינען 3 אַסעמבלימען און 4 סענאַטאָרן פאַרטרעטער פאַר 9,000,000 איינגעבוירענע (קאַפירס). דאָס געזעץ דערלויבט ניט אַ קאַפיר צו „לויפן" פאַר אַן אַמט; אייראָפּייער מוזן אים פאַרטרעטן.

די קאַפירס מוזן טראָגן פּאַספּאָרטן. ווען זיי ווילן נאָך 9 אַזייגער אין אָוונט זיך באַווייזן אויף דער גאַס. דער ווייסער איז שטאַרק אָפּהענגיק פון דער אַרבעט פון דעם נעגער, וועלכער האָרעוועט אין די גאָלד־מינעס, אויפן פאַרם און אויך אין דער הויז־ווירטשאַפט. די קאַפירס קאָכן, ראַמען און וואַשן.

די אָרעמקייט פון די קאַפירס איז אויסערגעוויינלעך. זיי האָבן גאָרניט. דערצו באַהאַנדלט מען זיי נאָך אַזוי שלעכט. נאָך 9 אין אָוונט פאָרן אום איבער די גאַסן פּאָליציי־וועגענער, און אויב מען כאַפּט אַ קאַפיר אויף דער גאַס, נעמט מען אים אַריין אין פּאַטרול־וואָגן. אויב ער האָט ניט קיין פּאַספּאָרט מיט זיך, ווערט ער אַרעסטירט אַלס „וואַגראַנט" (אַרומלויפער), איינער וואָס האָט ניט קיין באַלעבאָס.

אַזאַ אָרעמקייט ווי עס הערשט צווישן די קאַפירס, איז זעלטן וואו צו טרעפן. ווען מען קאָכט עפּעס אין שטוב, גייט דער רויך דורך אַלע שפּאַרונעס. זייערע געצעלטן האָבן ניט קיין קוימענס. אין די הייזלעך איז קיין מעבל ניטאָ, אַחוץ אַ פּאָר נאַרעס צום שלאָפן און אַ צוויי־דריי שמאַטעס זיך צוצודעקן, ווייל די נעכט זיינען דאָרט קאַלטע.

דאָס אָנטועכץ פון די קאַפירס באַשטייט פון אַ גאַרטל און אַ קאָלירטער קאָלדרע. ניט געקוקט אויף דעם אָרעמען לעבן, זיינען פאַראַן צווישן אַפריקאַנער נעגערס זייער שיינע מענטשן. די פרויען האָבן פּרעכטיקע פיגורן: הויכע, שלאַנקע, גראַציעזע. דערהויפּט קאָן מען דאָס געפינען צווישן דעם שבט זולוס. זייערע שוואַרצע קערפּערס גלאַנצן אַזש. זייערע פריזורן זיינען נאָך זייער מאָדע נאָך. זיי פאַרמאָגן אויסערגעוויינלעך־געזונטע ציין, וואָס גלאַנצן מיט זייער ווייסקייט. די איינגעבאָרענע נעגערס זיינען מייסטנס גוט־געשטימטע, פריינט־

לעד און איידל אין באַנעמונג. אַלטע לייט ווערן שטאַרק רעספּעקטירט. די פרויען האָבן דאָרטן אַ גאָר־נידעריקן סטאַטוס. זייער הויפּט־אַרבעט איז האָבן קינדער און זען אַז עס זאָל זיין שפּייז צום עסן. דאָס מיינט, אַז די פרוי מוז אויפפּאַסן אויפן גאָרטן, עס זאָל זיין גענוג „מיליס" (קוקורוזע). די קאַפירס זיינען אויסגעצייכנטע הויז־אַרבעטער און פּאַסן גוט אויף אויף דער היימישער ווירטשאַפט.

קינדער האָבן גרויס דרך־ארץ פאַר זייערע עלטערן — ביי די קאַפירס אַזוי גוט ווי ביי די בורן — אַ זאַך, וואָס ווערט נאָך מער פאַר־שטאַרקט דורך רעליגיעזע צערעמאָניעס, וועלכע באַשטייען אין פאַר־געטערן די אורעלטערן („אַנסעסטאָר וואָרשיפּ").

קינדער זיינען אומעטום קינדער. דאָס קאָן מען זען אין די שפּילערייען: די נעגער־קינדער שפּילן זיך אין די זעלבע שפּילערייען ווי די אייראָפּייאישע קינדער. זיי שפּילן זיך אין באַהעלטעניש, אין אָנרירן איינער דעם צווייטן, אין „קאָמער־קאָמער—הויז" און אין „מלחמה".

די קאַפירס פירן אַ זייער איינפאַך לעבן. דאָס הויפּט־עסן איז קאַשע געמאַכט פון מיליס. די פרויען צערייבן די מיליס צווישן צוויי שטיינער און קאָכן די קאַשע אין אַן אייזערנעם טאָפּ. פון מיליס מאַכן זיי אויך אַזאַ ביר, וואָס פאַרשיכורט ניט.

די קאַפירס וואוינען ניט אין דער זעלבער געגנט וואָס די ווייסע, נאָר איינגאַנצן אָפּגעזונדערט, אין אַ „סעטלמענט".

ביי מיין באַזוכן דעם „סעטלמענט", האָבן די קאַפירס אַרויסגעוויזן אַ סך גאַסטפריינטלעכקייט. זיי האָבן מיר געגעבן אַלס וועגווייזער דעם דאָרטיקן לערער פון דער שול, וועלכער האָט גערעדט אַ גוטן ענגליש. די קינדער האָבן פאַר מיר געזונגען, דעקלאַמירט און אַפילו דורכ־געפירט אַ שפּיל. אויף מאָרגן האָבן זיי מיר צוגעשיקט אַ בריוו מיט אַן איינלאַדונג צו קומען צו זייערן אַ מיטינג; זיי האָבן געהאַט אַ לערער־קאָנפערענץ. דערמיט האָבן זיי געוואָלט אויסדריקן זייער

מיין לעבנס־וועג

דאַנקבאַרקייט פאַר דעם אינטערעס, וואָס איך נעם אין זיי. זיי האָבן מיר אויך געוואָלט געבן אַ באַגריף דערפון, וואָס עס ווערט מיט די נעגער־קינדער געלערנט אין דרום־אַפריקע.

איבער אייראָפּע

אין פאַריז

איך בין אַפּגעוועזן צוויי חדשים אין אַפריקע. איבער אַ חודש צייט בין איך געווען מיט מיין ברודער שמואלן. איך וועל אין לעבן ניט פאַרגעסן דעם מאָמענט, ווען מיר האָבן זיך געדאַרפט צעשיידן. ווי ער וואָלט געפילט, אַז ער געזעגנט זיך מיט מיר אויף אייביק, אַזוי ביטער האָט ער געוויינט. מיט דריי יאָר שפּעטער איז ער געשטאָרבן, אין עלטער פון 47 יאָר.

אַזוי ווי איך האָב צו אַ באַשטימטער צייט געדאַרפט זיין צוריק אין מאָסקווע, האָב איך זיך געלאָזט אין וועג. איך בין ווידער געפאָרן 17 טעג אויפן וואַסער און האָב געלאַנדעט אין אַ פּאָרט, ניט ווייט פון לאָנדאָן — אין סאַוטהעמטאָן. דאָס מאָל האָב איך לאַנג ניט געווײלט אין לאָנדאָן. איך האָב געטראַכט, אַז עס וועט זיין אינטערעסאַנטער צו פאַרברענגען אין פּאַריז. איך בין דורכן ענגלישן קאַנאַל איבערגעפאָרן קיין פראַנקרייך.

ווען איך בין אָנגעקומען אין פראַנקרייך, איז נאָך געווען פרידן אויף דער וועלט, אָבער די ניט-אייניקייט, די צעריסנקייט, די קלאַסן-ווידערשפּרוכן האָבן זיך אַרויסגעוויזן אויף יעדן שריט. דעם טאָג ווען איך בין אָנגעקומען, איז געווען אַ דעמאָנסטראַציע פון אַרבעטער צוליב דעם סקאַנדאַל מיטן שווינדלער סטאַוויסקי; ער האָט אויסגענאַרט די אָפּגעשפּאָרטע געלטער פון די אַרבעטער, זיי פאַרקויפט פאַלשע אַקציעס; ער האָט אונטערגעקויפט ריכטער און מיניסטאָרן, און זיי האָבן דעם שווינדלער באַשיצט. די פּאָליציי האָט געקעמפט קעגן די אַרבעטער און דאָס מיליטער האָט געשאָסן אויף זיי.

אין די טיפּענישן פון פראַנצויזישן פאָלק האָט געקאָכט קעגן די

קאַרופּטע פּירער. עס האָבן זיך פאַרמירט פאַרשיידענע גרופּעס און געוואָלט שטירצן די קאַרופּטע רעגירונג.

הגם איך בין שוין פריער אַמאָל געווען אין פּאַריז, איז דאָס אָבער געווען אויף מיין דורכרייזע און איך האָב ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו באַקוקן די שטאָט, די קונסט־בילדער אין לואווער־מוזיי, באַקוקן די קירך „נאָטר דאַם דע פּאַרי״, די טריאומף־אַרקע, דעם לוקסעמבורג־גאָרטן און מוזיי און אַזוי ווייטער.

פּאַריז איז ניט מאָדערן און ניט מיטלאַלטערליך. מען קאָן דער שטאָט ניט צושרייבן קיין באַשטימטע כראָנאָלאָגיע. עס איז אַ מערק־ווירדיקע שטאָט; דער צענטער פון קונסט, וויסנשאַפטלעכע טעטיקייטן און אַנטדעקונגען. עס שטייט שטענדיק אויף דער שוועל פון זעלטענע סורפּריזן.

די וואונדערבאַרע גאַלערייען און מוזייען זיינען אָפן אַ גאַנץ יאָר און פריי פאַר אַלעמען. די אינטערעסאַנטע לעקציעס אין סאָרבאָן, אין קאָלעדזש דע פראַנס זיינען אָפן פאַר יעדן, ווער עס וויל נאָר הערן. די „ביבליאָטעק נאַציאָנאַל״ מיט אירע 3 מיליאָן ביכער איז אָפן טעגלעך און פריי פאַר אַלעמען, ווער עס זוכט נאָר זיך צו באַרייכערן מיט וויסן.

די טריאומף־אַרקע („אַרק דע טריאומף״) פון פּאַריז איז איינע פון אַרכיטעקטור־שיינקייטן פון דער וועלט און איז אויך איינע פון די גרעסטע פון אַלע אַרקעס. מען האָט זי געבויט אַ לאַנגע צייט; אָנ־געהויבן האָט מען אין דער צייט פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן און פאַר־ענדיקט מיט 31 יאָר שפּעטער, אין דער צייט פון לואי פיליפּ. די אַרקע פאַרמאָגט אַ סך סקולפּטור; גאַנצע גרופּן שטעלן מיט זיך פאָר סצענעס פון דער געשיכטע פון פראַנקרייך.

די קירך „נאָטר דאַם דע פּאַרי״ פאַרמאָגט האַרמאָניע און פּראַ־פּאָרציע. דורות געבאָרענע אין פראַנקרייך האָבן ליב דעם פּלאַץ אין פּאַריז. זיי רעדן פון אים מיט שטאָלץ. עס איז ווי אַ פּאָעמע, ווען דאָס אויג ווערט צוגעוואוינט צו דער אַלגעמיינער שיינקייט.

איבער אייראָפּע

די גאַסן פון פּאַריז טראָגן די נעמען פון באַרימטע מענער — פראַנצויזן און פרעמדע. אַזוי איז דאָרטן פאַראַן אַ וויקטאָר הוגאָ־גאַס, נאָך דעם באַרימטן שרייבער, וועמעס נאָמען איז אַזוי שטאַרק באַליבט ביי די פראַנצויזן. אויף דער גאַס, וואָס טראָגט זיין נאָמען, איז געווען זיין לעצטער וואוינאָרט. דאָ איז ער געשטאָרבן אין 1885.

צווישן די גאַסן אין פּאַריז איז, דוכט מיר, די שענסטע — „לאַ עוועניו דע לאַ אָפּעראַ", אַ הערלעכע, מאָדערנע גאַס, וועלכע פירט צום פּלאַץ „גאָטר דאַם דע פּאַרי" אין פראָנט פון דעם וואונדער־שיינעם אָפּערע־הויז, איינע פון די רייכסטע און שענסטע געביידעס אין דער וועלט.

די „עוועניו דע לאַ אָפּעראַ" איז דער אַנציִענדיקסטער פּלאַץ צום וואוינען. דאָרטן זיינען פאַראַן פיינע האָטעלן און געשעפטן. איינס פון זיי איז דאָס ביכער־געשעפט פון ברענטאַנאָ, מיט אַ וועלט מיט ביכער— אפשר דאָס רייכסטע ביכער־געשעפט אין אייראָפּע.

די „עליזייאישע פעלדער" („שאַנס עליסיי") איז אַ פּריוואַטע־רעזידענץ־געגנט, איינע פון די אַנציִענדיקסטע. אירע ברייטע גאַסן, מיט פיל פּלאַץ אָפּגעגעבן צו קליינע פּאַרקס און פּלעצער אָנגעפּילט מיט ביימער און בלומען, וואָס גיבן צו דער געגנט אַזוי פיל קאָליר; אַ לאַנגע ריי רייכע געביידעס — אַלע ווייסע — זיינען דערהויפּט אָנגענעם און אַנציִענדיק פאַרן אויג. פּאַריז איז איבערהויפּט אַ ווייסע שטאָט. די לופט איז דאָרט קלאָר און דורכזיכטיק. עס איז ניט פאַראַן קיין שטויב און קיין רויך. די גאַסן און די „שאַנס עליסיי" זיינען ווייס־געפּלאַסטערט און ריין, אָן אַ פלעק. דאָס אויג איז שטענדיק אָנגעזעטיקט מיט שיינקייט, וואָס רינגלט אַרום. דאָס לעבן אין אַזאַ אַטמאָספערע פון שיינקייט ווירקט אויפן געמיט פון מענטשן. מען זעט דאָ דעם גאַנצן מענטשלעכן פּראָגרעס. אין קיין לאַנד אין דער וועלט איז שיינקייט ניט אַזאַ פאַקטאָר אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי אין פּאַריז.

איך באַזוך דעם לואָווער

יאָרן־לאַנג האָב איך געהאַט אַ פאַרלאַנג צו זען די וואונדערבאַרע סטאַטוע „ווענוס דע מילאָ". אין דערהיים אין מיין צימער פלעגט הענגען אַ גראַוויור פון איר. דאָס צווייטע בילד איז געווען „לאַ דזשיאָקאָנדאַ" פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי. אַזוי ווי איך בין אָנגעקומען אין פּאַריז, האָב איך געזוכט אויסצומאַרקירן צייט צו גיין אין לואָווער־מוזיי דאָס אַלץ צו זען.

„ווענוס" איז ניט נאָר אַ וואונדער־שיינע פרוי, זי איז אויך אַ געטין. איר פאָרם איז קרעפטיק און מאַיעסטעטיש, דורכגעדרונגען מיט אַן אומבאַשרייבלעכן חן פון יוגנט און שיינקייט. דער ריינער און נאָבעלער אויסדרוק פון איר קאָפּ שטרייכט אונטער איר געטלעכע אומאָפּהענגיקייט, ווייט פון מענטשלעכע פאַרלאַנגען. די סטאַטוע שטייט אין זאַל אַליין. דער זאַל רופט זיך טאַקע „לאַ סאַל דע לאַ ווענוס". איך האָב אין דעם זאַל פאַרבראַכט שטונדן־לאַנג.

אויפן צווייטן טאָג בין איך געקומען אָנקוקן „לאַ דזשיאָקאָנדאַ" (מאָנאַ ליזאַ). מען רופט די מאָנאַ ליזאַ „דער ספינקס פון שיינהייט". זי שמייכלט אַזוי מיסטעריעז, אַזוי איראָניש; דער שאָטן פאַלט אויפן פּנים פון אירע מידע, טיפע אויגן, וואָס — דוכט זיך — באַהאַלטן ביי זיך געהיימנישן. איר איראָנישער שמייכל איז פּשוט פאַרפירעריש.

עס פאָדערט זיך מער ווי איין בוך צו באַשרייבן די אוצרות פון לואָווער. מען איז גערן, אַז דער עולם זאָל עס קומען אָנקוקן. די וועכטער זיינען שטענדיק פריינטלעך צו די באַזוכער. און ווירקלעך, אַריינצוטרעטן אין די גרויסע גאַלערייעס מיינט אויסנוצן יענע געלעגנהייט און הויכע פּריווילעגיעס, וועלכע בלויז פּאַריז קאָן געבן.

איך וויל דאָ בלויז באַמערקן וועגן נאָך אַ פּאָר בילדער פון מער־מאָדערנע קינסטלער. איינס איז פון מילעט — „דער מאַן מיט דער מאַטיגע" („האָו"). מילעט האָט אַריינגעטראָגן דעם פּסיכאָלאָגישן

מאָמענט אין זײַנע בילדער. ער האָט אַרײַנגעקוקט טיף אין לעבן. פאַר אים איז לעבן געווען ניט נאָר האָבן פאַרגעניגן, נאָר עפּעס שאַפן אויף דער וועלט, עפּעס דערגרײכן אַזוינס, וואָס זאָל בלײַבן פאַר די קומענ־דיקע דורות, אויף שפּעטער.

איך האָב לאַנג געקוקט אויף ראָדענס „דענקער". ראָדען האָט גע־האַלטן, אַז קיין זאַך וואָס האָט לעבן איז ניט מיאוס; וואָס מען זאָל ניט האָבן געטאָן אין באַצוג צו מענטשלעכע געפילן, ווי טרויער, לײַדן, גוטסקייט, האַס, ליבע — אַלץ טראָגט זײַן אינדיווידיועלן שטעמפּל פון שיינקייט.

עס איז ניט פאַר מיר צו געבן אַן אויספירלעכן איבערבליק וועגן די קונסט־ווערק אין לוווער. יעדע גאַלעריע ווערט שטענדיק גע־ענדערט; די פּאַריזער גופא באַטראַכטן אַט די אוצרות אַלס אַ לעבעדיקן באַוויז, אַז קונסט פּראָגרעסירט, אַז דאָס זײַנען ניט מאַוזאָלייען, וואָס האַלטן פאַרענדיקטע, אומבאַוועגלעכע קאָלעקציעס. די גאַלערייעס ווערן טעגלעך באַזוכט פון טויזנטער מענטשן. עס דאַרף דורכגיין צען יאָר צייט פון דעם טויט פון אַ קינסטלער, מען זאָל צולאָזן אויפהענגען אין לוווער זײַנס אַ בילד. דערפאַר אָבער הענגט מען אין די לוקסעמ־בורג־גאַלערייעס בילדער פון מאָלערס, וואָס זײַנען נאָך ביים לעבן.

דער „זשאַרדין דע לוקסעמבורג" איז אַ פּלאַץ צום שפּאַצירן. זומער־צייט זעט מען דאָרטן ניט די מאָדע־דאַמען פון פּאַריז, דערפאַר איז אָבער אַ גרויסע שטיק לאַנד אָפּגעגעבן פאַר קינדערשע שפּיל־פּלעצער. קינדער, סטודענטן און אַזוי זיך אײַנוואוינער פון דער געגנט זיצן אויף לאַנגע בענק; פּרויען נייען און שטריקן, מענער שמועסן וועגן פּאָליטיק. די ביימער זײַנען באַדעקט מיט רײַכן גרינס. די זון פאַלט אויף די סטאַטועס און מאָנומענטן. דאָ קאָן מען זען מאָנומענטן פון שאָפּען, זשאָרזש זאַנד, וויקטאָר הוגאָ און אַ סך אַנדערע.

אַט די גערטנער זײַנען דער גן־עדן פאַר די פּאַריזער אײַנוואוינער, דערהויפּט פאַר די סטודענטן. דאָ הערשט אַ שמעקעדיקע שטילקייט

פון דער וואונדער־שיינער געגנט. דאָ הערט מען ניט דעם טומל פון דער גרויסער שטאָט, וועלכע האָט זיך צעלייגט אויף בײדע זייטן פון טייך סעין, ניט אַ פּיפּס פון שטורמישן געברויז, פון דעם פּילזייטיקן טומל פון שטורמישן פּאַריזער לעבן.

אין פּאַריז, אַזוי ווי אין ניו־יאָרק, זעט מען אַ סך נעגערס. פראַנקרייך האָט געבראַכן דעם אונטערשייד צווישן שוואַרץ און ווייס. די דייטשן געפעלט דאָס גאָר ניט, וואָס איינוואוינער פון צפון־אַפריקע פאַרנעמען אַזאַ אָנגעזעענעם אָרט.

די לאַגע אין פּאַריז, ווי אין גאַנץ פראַנקרייך, איז דעמאָלט געווען אַן אָנגעצויגענע. די פראַנצויזן האָבן אָבער געוואַרט אויף בעסערע צייטן. איך האָב געטראַכט: ווי שלעכט עס זאָל ניט זיין, פאַרלירן מענטשן ניט די האָפענונג; די מענטשהייט האָט אומעטום און אין אַלע דורות געהאָפט אויף בעסערע צייטן.

די דייטשן האָבן זיך גענומען באַוואָפענען. יעדער דייטש איז אַ פּאָטענציעלער סאָלדאַט. מען האָט געפילט, אַז ווען זיי וועלן גרייט זיין, וועלן זיי ווידער אַטאַקירן פראַנקרייך.

ווי שיין פראַנקרייך איז אין סעפּטעמבער! יעדער טראָט איז פול מיט לעבן, ווי אַ סאָנאַטע פון בעטהאָווען. די לופט איז דורכגעזאַפּט מיטן אַראָמאַט פון די פּאָפּלאַר־ביימער. די ווייַנטרויבן זייַנען שוין רייף. דאָ ווערט אויסגעאַרבעט דער פייַנסטער ווייַן; ער אַנטהאַלט דעם זונשייַן פון פראַנקרייך, די רייַפקייט פון דער ערד און עפּעס פון דער נשמה פון דעם פראַנצויז.

אין דער שווייץ

אין פראַנקרייך בין איך דעמאָלט געווען צוויי וואָכן. אַזוי ווי איך האָב נאָך געהאַט אַביסל פרייַע צייט און די גויטיקע הוצאות, האָב איך

באַשלאָסן אָפּצושטעלן זיך אַ ווײַלע אין דער שווייץ. איך האָב דעריבער פֿאַרלאָזן פּאַריז.

דערנענטערנדיק זיך צו דער שווייץ, האָב איך שוין דורכן פֿענצ־טער פֿון באַן געזען די שניי־באַדעקטע שפּיצן פֿון די אַלפּן־בערג. איינער אַ פּאַסאַזשיר האָט באַמערקט: „אָט זײַנען מיר אין לאַנד פֿון אַנזיכט־קאַרטן!" — מיר זײַנען, הייסט עס, אָנגעקומען אין דער שווייץ.

אין יענער צײַט האָט נאָך די פֿעלקער־ליגע כּלומרשט עקזיסטירט. אָבער אָט האָט יאַפּאַן אַטאַקירט כינע, האָט די פֿעלקער־ליגע באַלד אַרויסגעוויזן ווי שוואַך זי איז אין דער ווירקלעכקייט אַרויפֿצוצווינגען אויף יאַפּאַן דעם ווילן פֿון דער ליגע. מען האָט גענומען אײַנזען, אַז די ליגע איז אָפּהענטיק.

די שווייצער האָבן זיך באַקלאָגט אויף שלעכטע געשעפֿטן. זיי לעבן אַלע ווײַערע יאָרן פֿון טוריסטן. דאָס איז אַ פֿאָלק פֿון האָטעל־אייגנטימער און קעלנער. זיי וואַרטן אויף טרינק־געלט און קונדן. אַזוי ווי דאָס אַרומרייזן איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, איז די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון דער שווייץ געוואָרן שלעכט.

די נאַטור אין דער שווייץ איז וואונדערבאַר. די קאָנטורן פֿון די בערג־שפּיצן זײַנען פֿאַנטאַסטיש. דאָ און דאָרטן שטייט אַן אַלטער שלאָס. אין טאָל ליגן קליינע רחבותדיקע פֿאַרמס. הינטערן שטאָט איז די לופֿט פֿול מיט דעם זיסן אַראָמאַט פֿון נאָדל־ביימער.

צום גליק, זײַנען די שווייצער ניט אַרײַנגעפֿאַלן אין די בלוטיקע נעגל פֿון די נאַציס. די שווייצער האָבן זיך כּלומרשט געזוכט צו האַלטן נייטראַל. מעגלעך, אַז דאָס האָט זיי געראַטעוועט פֿון פֿאַרניכטונג.

זײַענדיק אין דער שווייץ, האָב איך פֿריער גערעכנט נאָך צוצופֿאָרן קיין זשענעווע, אָבער איך האָב דעם פּלאַן אויפֿגעגעבן, ווײַל מיר איז געווען אינטערעסאַנטער צו זען דאָס איצטיקע דײַטשלאַנד, ווי צו זײַן אויף אַ זיצונג פֿון דער פֿעלקער־ליגע. איך האָב זיך דעריבער געזעגנט מיט דער שווייץ.

איך פאָר קיין עסטרייך

אין עסטרייך בין איך שוין געווען פריער, אין 1932, ווען איך בין פון סאָוועטן־פאַרבאַנד געפאָרן אויף איניקע וואָכן קיין אַמעריקע. ווען איך וואָלט זוכן אַ פּלאַץ פאַר אַ וואַקאַציע פאַר 1932, וואָלט איך אויס־געקליבן די שווייץ. אָבער נאָכדעם ווי איך האָב זיך גוט צוגעקוקט צו עסטרייך, וואָלט איך אויסגעקליבן אָט דאָס לאַנד, ווייל דאָס איז געווען דאָס געמיטלעכסטע פּלאַץ אויף דער וועלט. עס האָט די שענסטע לאַנדשאַפט, מיט אָזערעס און קליינע טייכלעך, ראַשיקע שטראָמען און וועלדער; עס האָט דערפלעך, וואָס זעען־אויס ווי אין אַ מעשה־ביכל.

פריער (אין 1932) בין איך פון דער שווייץ אָנגעקומען אין ווין אין אַ שבתדיקן טאָג. דעמאָלט האָבן די אַרבעטער־טורן (ספּאָרט)־פאַר־איינען געהאַט אַ מאַרש מיט פאַקלען איבער די גאַסן. דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך בילד. טויזנטער יונגע בחורים און מיידלעך האָבן פיר שעה מאַרשירט איבער די גאַסן מיט דעם רוף „פריינטשאַפט" און „ברידערלעכקייט" אויף די ליפּן.

אויף מיין איצטיקן באַזוך האָט ווין פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ גאַנץ אַנדער בילד. דאָס איז געווען עטלעכע טעג נאָכדעם, ווי די עסט־רייכישע „היימווער" (די פאַשיסטישע אַרמיי אונטער דער קאָמאַנדע פון שטערנבערג) האָט געשאָסן אויף די מוניציפּאַלע הייזער, וואָס די סאָציאַליסטישע מוניציפּאַליטעט האָט אויסגעבויט פאַר די אַרבעטער. די „היימווער" האָט געבראַכט אַרטילעריע און באָמבאַרדירט די אַר־בעטער־הייזער, אָנגעפּאַקטע מיט פרויען און קינדער, ביז די סאָציאַל־דעמאָקראַטן — מייסטנס יונגע בחורים און אַרבעטסלאָזע מענער — זיינען געצוואונגען זיך אונטערצוגעבן, אויפגעבנדיק זייער קאַמף קעגן דער „היימווער", נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרלאָרן אַ סך קעמפער אין טויטע און פאַרוואונדעטע. די אַלע, וואָס האָבן אָנגעפירט דעם

קאַמף, האָט מען אַװעקגעפירט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, כדי שפּעטער זיי צו משפּטן און דערשיסן.

דאָס איז געװען אַ טראַגעדיע, װאָס האָט אױפגערודערט די װעלט. עס איז געװען שװער צו גלױבן, אַז אַזאַ בירגער־קריג װעט אױסברעכן אין עסטרייך, צװישן די גוטמוטיקע, פריינטלעכע, קונסט־ליבנדיקע מענטשן, פאַר װעמען אַלע פעלקער, אַפילו שונאים פון עסטרייך, האָבן געהאַט אַ װאַרעם געפיל. דאָך האָבן די שונאים זיך ניט אָפּגעהאַלטן פון צעשניידן דאָס לאַנד אױף שטיקער און איבערלאָזן עסטרייך גופא אַ קליין לענדעלע מיט אַ גרױסער הױפּט־שטאָט, אָן װעלכע ניט איז מיטלען פאַר זעלבסטשטענדיקער עקזיסטענץ.

היטלערס פאַרשטייער האָביכט האָט דורך זיין מעכטיקער ראַדיאָ־סטאַנציע פאַרשפּרייט זיין גיפטיקע פּראָפּאַגאַנדע אין עסטרייך טאָג נאָך טאָג. מען האָט גערופן די עסטרייכער זיך צו פאַראייניקן מיט זייערע דייטשע „ברידער" און שװערן טרייהייט אַדאָלף היטלערן. און אױב ניט — האָט ער זיי געדראָעט מיט טױט און פאַרניכטונג.

עס איז געקומען אַן אומגליק אױף די פרידלעכע עסטרייכישע איינװאױנער. טױזנטער געפאַנגענע זיינען אַריינגעװאָרפן געװאָרן אין טורמע. פרױען פלעגן שטיין און װאַרטן ביי דער טורמע אין די טױזנטער, כדי אױסצוגעפינען דעם גורל פון זייערע מענער, ברידער און פאָטערס.

די עסטרייכער האָבן געװאוסט, אַז עס װעט קומען צו אַ באַװאָפנטן קאַמף צװישן זיי און די דייטשן. די פראַגע איז בלויז געװען, צי זאָלן זיי זיך איצט אונטערגעבן דער רעאַקציע, אַזױ לייכט װי די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין דייטשלאַנד, אָדער זאָלן זיי פאַרזעצן דעם קאַמף. הגם מען האָט זיי געהאַט באַזיגט, האָבן זיי אָבער באַהאַלטן זייער געװער און אָרגאַניזירט דעם „שוצבונד", צו באַשיצן דאָס ביסל איבער־געבליבענע פרייהייט.

װעגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין עסטרייך מוז געזאָגט װערן, אַז

זיי האָבן געקעמפט מיט ביקסן אין זייערע הענט און זיך ניט אונטער־געגעבן. אויף זיי האָט מען געקאָנט זאָגן, אַז זיי זיינען ניט געווען קיין טרוסן; זיי האָבן געפילט, אַז איצט איז די צייט זיך צו פאַרטיידיקן.

יונגע מענטשן האָבן געקעמפט, הגם זיי האָבן געוואוסט, אַז אַלץ איז פאַרפאַלן, אַז זיי האָבן ניט געהאַט די מינדסטע האָפענונג צו גע־ווינען. אָבער זיי האָבן זיך באַנוצט מיט יעדער געלעגנהייט אַרויס־צואווייזן אַ ווידערשטאַנד דער רעגירונג, וועלכע האָט פאַרניכטעט זייער אָרגאַניזאַציע. דערווייל האָט מען די געפאַנגענע געהאַלטן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. לויט ווי מען האָט נאָכדעם איבערגעגעבן, האָט מען די געפאַנגענע מערדערלעך געשלאָגן, זיי געפייניקט און שפּעטער דערמאָרדעט.

איך האָב יאָרן־לאַנג געשטרעבט צו זיין אין עסטרייכישן טיראָל. ענדלעך האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען די הויכע בערג מיט די נאַקעטע שפּיצן. די בערג זיינען באַדעקט מיט נאָדל־ביימער אין די אונטערשטע טיילן. אויף די בערג — אַלטע שלעסער. דאָ און דאָרטן — אַ טאָל מיט באַאַרבעטע פעלדער, אַ שטעטעלע מיט רויט־באַפאַרבטע דעכער; טיפּישע קליינע שטעטלעך אין אַ לאַנד, וואָס איז דאָס בילד־לעכסטע אין דער וועלט.

די טיראָלער האָבן אַ גוטן געשמאַק פאַר קונסט און לייכטער מוזיק. די הייזער און די באַמאָלענע ווענט — אַלע כמעט אין סטיל פון 17טן יאָרהונדערט: ריטער־העלדן און זייערע דאַמען; פּאָרטרעטן פון באַ־רימטע מענטשן — אמתע בילדער־גאַלערייעס אין דרויסן.

די מענער און פרויען טראָגן באַך זייערע נאַציאָנאַלע קאָסטיומען: קורצע זשאַקעטלעך, גרינע, רויטע, בלויע. די מענער אין קורצע הויזלעך, די פרויען אין קורצע געפאַלדעוועטע קליידלעך; זייערע האָר פון שטרוי־קאָליר — דאָרטן זיינען זיי אַלע בלאָנדע, מיט בלויע אויגן, ווי פון קאָרנבלומען־קאָליר — האָבן זיי אויסגעזען ווי מיידלעך פון שטראָוסעס אָן אָפּערעטע.

די שווערע פּאָליטישע לאַגע אין עסטרייך איז געוואָרן וואָס אַ טאָג אַלץ ערגער. פון איין זייט האָבן די דייטשן געפאָדערט, אַז עסטרייך זאָל זיך אָנשליסן אין דייטשלאַנד און ווערן אַ דייטשע פּראָווינץ (וואָס זיי האָבן שפּעטער טאַקע דורכגעפירט); פון דער צווייטער זייט איז עס געווען איטאַליע, וואָס האָט פאַרגעשלאָגן עסטרייך פינאַנציעלע שטיצע און מיליטערישע הילף, מיט דעם באַדינג, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זאָל אָפּגעווישט ווערן פון פּנים פון דער ערד. עסטרייך האָט פיינט געהאַט איטאַליע און דעם פאַשיסטישן רעזשים אירן. צו וועמען האָט עסטרייך זיך געקאָנט ווענדן? צו דייטשלאַנד, וועלכע האָט געוואָרט אויפן מאָמענט איינצושלינגען זי? אַליין שטיין איז אויך געווען אוממעגלעך. עסטרייך איז געשטאַנען צווישן צוויי פייערן, און איז ענדלעך איינגעשלונגען געוואָרן פון דייטשלאַנד.

דער באָיקאָט אויף די נאַציס

מענטשן אין אייראָפּע זיינען נאָך געווען אויסגעמאַטערט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער קריג מאַכט פריי די בעסטיע אין מענטשן און ברענגט צוריק די פינצטערע צייטן. דער קריג צעשטערט און פאַרניכטעט אַלץ, וואָס ער טרעפט אויפן וועג, און שאַנעוועט ניט קיין זאַך און קיינעם ניט. אמת, מען דאַרף אונטערשיידן צווישן גערעכטע און אומגערעכטע מלחמות, אונטערשטיצנדיק די גערעכטע און באַקעמפנדיק די אומגערעכטע. די אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָנערע מלחמה, די מלחמה פון רוסישן פאָלק קעגן נאַפּאָלעאָנס אַריינדרינגונג אין 1812, דער אַמעריקאַנער בירגער־קריג און די צווייטע וועלט־מלחמה זיינען געווען גערעכטע און האָבן היסטאָריש געשפּילט אַ קאָנסטרוקטיווע ראָל.

עס איז געווען אין דער צייט פון באָיקאָט אויף די נאַציס. דייטשלאַנד האָט פאַרלוירן האַנדל.

אַ דייטש איז ניט גליקלעך, סיידן ער איז אין אוניפאָרם. דאָס איז

אַ נויטווענדיקייט פֿאַר אים. ער האָט ליב צו ווערן מושטירט. ער מוז סאַלוטירן און טראָגן אַן אויסצייכענונג אין לאַץ פֿון זיין ראָק. דייטש־לאַנד איז שוין דעמאָלט געווען שטאַרק באַוואָפנט. פֿראַנקרייך האָט זיך ניט געוואָלט אַנטוואָפּענען; זי איז אָפּן אַרויסגעטראָטן קעגן דעם אויף דער אַנטוואָפּענונגס־קאָנפערענץ, און מיט רעכט. די דייטשן האָבן נאָר געוואַרט ביז זיי וועלן זיין פֿאַרטיק זי צו צעקלאַפּן.

פֿאַר דער צייט וואָס היטלער איז געווען ביי דער מאַכט, האָט ער דערצויגן דעם יחיד צו שווערן בלינדע אונטערטעניקייט צום שטאַט. שטאַט־פֿאַרהערלעכונג איז געוואָרן אַ נייע רעליגיע. שוין פֿון דער פֿריִעסטער יוגנט האָט מען קינדער געלערנט צו זיין געהאָרכזאַם דעם פֿירער מיט בלינדער איבערגעגעבנקייט, אַפֿילו ווען אין די שפּעטער־דיקע יאָרן זאָל דאָס פֿירן צום טויט. שוין אין די קינדערגערטנער פֿלעגט דעם קינדס גייסט דערצויגן ווערן און פֿאַרדרייט ווערן לויט אַ געוויסער פֿאָרם. די הויכריידער פֿלעגן אַרויסדונערן זייער פּראָפּאַ־גאַנדע, דער פֿילם אויפֿן ליוונט האָט געטאָן דאָס זעלבע. בילדער פֿלעגן געמאַכט ווערן אונטער דעם באַפֿעל פֿון דעם פֿירער. ווי האָט קונסט געקאָנט לעבן און געדייען, און זיך אַנטוויקלען?

היטלערס בעסטיאַלישער בלוטיקער רעזשים איז געקומען צו דער מאַכט מיט דער הילף פֿון ענגלאַנד. ער איז געהאָלפֿן געוואָרן מיט ענגלישן געלד און בריטישן איינפֿלוס. מיט דער פֿולער שטיצע פֿון דער ענגלישער רעגירונג האָט היטלער צעריסן דעם ווערסאַלער אָפּמאַך, מיט אַלע פֿאַרפֿליכטונגען, וואָס דייטשלאַנד האָט גענומען אויף זיך. חוץ דעם איז יאַפּאַן אַנגעפֿאַלן אויף כינע און איטאַליע האָט אונטעריאָכט עטיאָפּיע. דאָס יאָר 1936 האָט אויך געזען דעם אָנהויב פֿון איטאַ־ליעניש־דייטשן אָנפֿאַל אויף שפּאַניע. ענגלאַנד, פֿראַנקרייך און אַמע־ריקע זיינען אַרויס מיט דעם מיאוסן „ניט־אַריינמישונג"־לאָזונג אין באַצוג צו שפּאַניע. דאָס איינציקע לאַנד, וואָס האָט אַרויסגעהאָלפֿן שפּאַניע, איז געווען דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

בלויז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געוואָלט פרידן, רו און סאָציאַלע בויאונג. וואָלטן די אימפּעריאַליסטישע מלוכות געשטיצט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט זיינע פאָרשלאָגן פאַר קאָלעקטיווער זיכער־קייט, ווי אַנדערש וואָלט איצט די וועלט אויסגעזען! טשעכאָסלאָוואַקיע וואָלט ניט איינגעשלונגען געוואָרן פון היטלערן; בעלגיע, דענמאַרק, האָלאַנד און פראַנקרייך וואָלטן ניט געלעגן יאָרן־לאַנג אונטער היטלערס קנאָפּל. מ׳וואָלט פראַנקרייך און די אַנדערע לענדער געוועזן געראַטע־וועט. בלויז קאָמוניסטן האָבן אין אָנהויב געזען, אַז פאַשיזם מוז באַ־קעמפט ווערן אויף אַ נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. בלויז די קאָמוניסטן האָבן גערופן צו אַ פאַראייניקטן קאַמפּס־פראָנט. טויזנטער אַרבעטער, פּאַרמער, אינטעלעקטואַלן זיינען צוגעשטאַנען צו דער פּאַרטיי און האָבן געהאָלפן אין קאַמף. הונדערטער קאָמוניסטן זיינען שוין דעמאָלט אַוועק קיין שפּאַניע צו קעמפן קעגן פאַשיזם.

עס האָט זיך באַוויזן אַ נייע פאָזע אין דער מענטשלעכער געשיכטע — די פאַשיסטישע. דער פאַשיזם האָט געבראַכט אומטאָלעראַנץ, פאַר־ברעכנס און דעם באַפעלערישן ווילן פון אַ טיראַן ווי היטלער.

די דייטשע מאַכט איז געווען אין די הענט פון אַ נידעריקער חברה מיאוסע ברואים. זיי האָבן געוואָלט פאַרטיליקן אַלץ וואָס איז געווען ערלעך און דערהויבן.

איך בין אין דייטשלאַנד געווען עטלעכע מאָל. איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט צו שטודירן דעם גייסט פון אַ פאָלק, וואָס האָט געליטן אַ נידערלאַגע אין 1918. די דייטשן האָבן זיך געפילט דערנידעריקט און געקריוודעט. דער ווערסאַלער אָפּמאַך האָט פאַרסמט זייערע געמיטער. איך בין אָבער געווען אין בערלין דאָס ערשטע מאָל זינט היטלער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט און אַרונטערגעוואָרפן דאָס לאַנד אונטערן קנאָפּל פון די נאַציס. ער האָט געפּריידיקט, אַז מען דאַרף אויסראָטן יידן און די דייטשן דאַרפן פאַרנעמען זייער פּלאַץ אין האַנדל, קאָמערץ און די פּראָפעסיעס.

היטלער האָט באַהויפּטעט, אַז די דייטשע קולטור איז פאַריידישט געוואָרן, אַז זי איז כלומרשט מער יידיש ווי דייטש. קיינער לייקנט ניט, אַז יידן האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין שעפערישן לעבן פון דייטשלאַנד, אויך אין ווירטשאַפטלעכן לעבן, זינט דעם אָנהויב פון 19טן יאָרהונדערט. דאָס איז אָבער ניט קיין אומכבוד פאַר יידן און איז ניט געווען קיין שאָדן פאַר די דייטשן. די דייטשע קולטור האָט פונעם יידנס אָנטיילנעמען ניט געליטן, נאָר פאַרקערט — געוואונען.

יידן האָבן געדינט דער דייטשער קולטור מיט אַלע זייערע כוחות און איבערגעגעבנקייט. זיי האָבן אַ סך בייגעטראָגן צו איראָפּיאיזירן און מאַכן אַלוועלטלעך דעם דייטשן גייסט. אָט פאַרוואָס די דייטשן, די ריכטיקע „אַריער", וואָס זיינען געווען קעגן דער איראָפּיאישער קול־טור, האָבן פאַרגעוואָרפן די יידן, אַז זיי האָבן סאַבאָטאַזשירט די דייטשע קולטור. דער גייסט און מאָראַל פון די נאַציס איז געגאַנגען אויף צוריק, צו די פּרימיטיוו־סטע צייטן. די נאַציס האָבן געדענקט, אַז דערווייל קאָנען זיי רויבן און מאָרדן אומשולדיקע נפשות אין די מיליאָנען; שפּעטער, ווען אַלץ וועט זיין אָפּגעטאָן, וועלן זיי פאָדערן גלייכהייט און פרייהייט, צוגלייך מיט אַנדערע. דורך אַזאַ האַנדלונג, האָבן זיי גע־גלויבט, וועט דאָס דייטשע פאָלק ווערן פאַרשטאַרקט, געררייניקט און אויפגעלעבט. צום ערשטן מאָל האָבן די נאַציס גענומען גלויבן, אַז מיט אַזעלכע מערדער ווי זיי זיינען, וועלן וואונדער געשען. זיי זיינען גע־וואָרן שטאָלץ מיט זיך. אַ מין נייער עקסטאַז, וואָס האָט זיך אויס־געדריקט אין „הייל היטלער", האָט אַרומגעכאַפּט גאַנץ דייטשלאַנד.

די נאַציס און דאָס דייטשע פאָלק

איינמאָל בין איך אַרויס אָנקוקן וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַס. אין „אונטער דען לינדען" זיינען געשטאַנען שטולן, און פאַר זעצן זיך אַפּרוען האָט מען געמוזט צאָלן 25 פעניג אַ שעה. חוץ דעם זיינען נאָך

צוגעגאַנגען יונגע נאַציס צו יעדן איינעם, געגעבן אַ קלאַפּ מיט די שפּאָרן און אונטערגערוקט אַ פּושקע, אַריינצוואַרפן געלט. דערביי האָט מען געפילט, אַז אויב מען גיט ניט, וועט מען שלעכט אָפּשניידן.

איך האָב זיך געהאַלטן אַזוי ווי אַן אויסלענדער. מיט מיין אַמעריקאַנער פּאַס אין קעשענע, האָב איך זיך פאַר זיי שטאַרק ניט געשראָקן (אגב, איז נאָך אַמעריקע דעמאָלט געווען אין פריינטלעכע באַציאונגען מיט דייטשלאַנד). מען האָט אָבער געקאָנט זען, אַז די נאַציס יאָגן אַרויף אויף יעדן איינעם אַ שרעק, אַ פּחד.

ווען די יונגע נאַציס זיינען פאַרביי־געגאַנגען, האָבן מיידלעך און עלטערע פרויען אויסגעשטרעקט די הענט און מיט קוויטשענדיקע שטימען געשריען: „הייל היטלער״. זייער ווייניק מענער האָבן זיך דאָן געזען אויף די גאַסן. עס האָט זיך געדוכט, אַז היטלער האָט אַזאַ כוח איבער מענטשן, אַז ער קאָן זיי פאַרשלעפּן צום אָפּגרונט, צוריק צום באַרבאַריזם, און זיי וועלן אים נאָכפאָלגן.

אומעטום איז געווען פול מיט היטלערן. צייטונגען און זשורנאַלן זיינע געווען אָנגעפּיקעוועט מיט די בילדער פון „פירער״. דאָרטן האָט זיך דערציילט וועגן טראַנשייען, לופט־אַטאַקעס, באָמבעס און פאַרשיידענע מאַשינעריע, וואָס מאַכן מענטשן דעם טויט.

עס איז ניט שווער געווען צו זען, אַז נאָך אין 1934 האָבן זיך די דייטשן געגרייט צו אַ מלחמה. יעדעס בילד, יעדער פילם האָט געוויזן ווי די דייטשע יוגנט מאַרשירט, פּאַראַדירט און מושטירט זיך. שוין דעמאָלט האָבן זיי אַרויסגערוקט די טעאָריע, אַז דייטשע קולטור דאַרף זיך פאַרשפּרייטן איבער אַנדערע „נאָרדישע״ לענדער, ווי נאָרוועגיע, דענמאַרק, האָלאַנד א. אַ.

דער היטלער־רעזשים האָט אָנגעהויבן מיט ברוטאַליטעטן קעגן יידן.

די דייטשן זיינען געווען וויליק צו שטאַרבן פאַר היטלערן, ווייל ער האָט זיי צוגעזאָגט זאַכן, וואָס זיי האָבן אַממערסטן געוואונטשן —

אַרבעט, באַפרייאונג פון אויסלענדישן יאָך, שטאָלצקייט פון ראַסע, העלדן־פאַרגעטערונג, מיט היטלערן אַלס פירער און העלד.

מען האָט שוין געקאָנט זען, אַז די מאַרשירנדיקע מיליאָנען פון דייטשלאַנד זיינען גרייט צו אַ נאָך־גרויזאַמערן קאַמף, ווי אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. דייטשלאַנד האָט זיך געטראָגן אַנטקעגן אַ צווייטן צוזאַמענשטויס.

היטלערס כוונה איז געווען צו פאַרבאָטן אימפּאָרטירן קיין דייטש־לאַנד, אויף וויפיל מעגלעך, סחורות פון אַנדערע לענדער. אָבער אויס־לענדישע געשעפטן האָבן מער ניט געוואָלט האַנדלען מיט דייטשלאַנד. דער יידישער באָיקאָט האָט אַנגעמאַכט די דייטשן מער שאָדן, ווי זיי האָבן זיך געקאָנט פאָרשטעלן. די פירער האָבן שוין געזאָגט דעם דייטשן פאָלק, אַז עס מוז זיין גרייט אויף אַ פאַרטיידיקונגס־קריג.

דער דייטש האָט ליב גרויסקייט, פּאָמפּ; דייטשן ווייסן ווי צו מאַכן אַלץ אימפּאַזאַנט. זיי ווייסן ווי אויסצופּוצן די גאַסן. אין די הייזער איז אָבער פאַראַן אַ סך אָרעמקייט. ביי מיינע באַקאַנטע דייטשן, וואו איך האָב געוואוינט און וועלכע איך קען פאַר אַ סך יאָרן, פלעג איך אָפט הערן ווי מען רעכנט זיך מיטן פעניג. אַפילו ברידער און שוועסטער האָבן געפירט צווישן זיך אייביקע חשבונות. מען האָט געמוזט קאַרגן יעדן פעניג, לעבן זייער אויסגערעכנט. יעדעס שטיקל אונטערוועש האָט געמוזט פאַרלאַטעט און פאַרצירעוועט ווערן עטלעכע מאָל. שפּייז האָט געמוזט אויסגעטיילט ווערן אַזוי, אַז ס׳זאָל ניט בלייבן קיין איבעריק לעפל. דאָס האָט געהייסן ביי די דייטשן פירן אַ גוטעווירטשאַפט.

אין דענמאַרק

איך האָב זיך צוריקגעקערט קיין מאָסקווע. מיין שטעלע אין דער קאָמוניסטישער אַקאַדעמיע האָט געוואַרט אויף מיר, הגם איך האָב זיך אַזוי לאַנג פאַרזאַמט. איך האָב אָבער געפילט, אַז איצט איז מיין צייט

צו זען אַביסל איראָפּע. ווען ניט איצט, ווען איך קיינמאָל, קאָן זיין, ניט האָבן די געלעגנהייט דאָס צו טאָן. איך האָב פּשוט אויסגענוצט דעם פּאַסיקן מאָמענט און געפאָרן לויט אַ באַשטימטן פּלאַן.

אין מאָסקווע האָב איך צוריק אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס אויס־לענדישער רעפערענט. איך האָב געמאַכט פאָרשונגס־אַרבעט אין ענג־לישער און דייטשער ליטעראַטור. געשריבן די אַרבעט האָב איך אין רוסיש.

די קינדער האָבן צו יענער צייט געוואוינט מיט מיר. העלען איז געגאַנגען אין אַ קונסט־שול (אין פּאָליגראַפישן אינסטיטוט), עליס איז געגאַנגען אין אַ שול פאַר זשורנאַליזם. ביידע האָבן שוין צו יענער צייט געקענט אַביסל רוסיש און זיך גוט געלערנט. זיי האָבן אָבער ביידע גענומען בענקען נאָך אַמעריקע. איך האָב זיך דעריבער גענומען קלייבן אין וועג אויף צוריק.

דאָס מאָל האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן דורך דענמאַרק און אויך זען שוועדן.

דאָס קליין, ליבטיק לענדעלע דענמאַרק זעט אויס אַזוי גרין אין דערווירקלעכקייט, ווי אויף דער לאַנדקאַרטע. גרינע לאָנקעס, גרינע פעלדער, גרינע פּאַשעס, אָנגעפּיקעוועטע מיט בהמות, גאַנצע סטאַדעס. מיידלעך מיט אויגן בלויע ווי דער הימל, מיט מילכיקע פּנימער. לאַנג־זאַמע און פאַרשטענדיקע מענטשן. די ערד איז דאָרטן פעט און זעט אויס ווי אַ קליין שטיקל ברויט באַשמירט מיט אַ סך פּוטער. די מייסטע הייזער זיינען געפאַרבט רויט, אַפילו די דעכער זיינען דאָרטן רויט.

ווען איך בין דאָרט געווען, אין פרידלעכע צייטן, האָט דענמאַרק אויסגעזען ווי אַ לאַנד פון וואוילטאָג, אַ לאַנד פון מילך און האָניק און פרידן. ווען מען טראַכט פון קאָפּענהאַגען, דאַרף מען זיך דערמאָנען וועגן די פרויען און מענער אויף וועלאָסיפּעדן. איך האָב זיך ניט איינ־מאָל אָפּגעשטעלט צו זען ווי זיי פאָרן. די דענער פאָרן ניט איינציקווייז, נאָר אין גרופּן. ווען זיי שטעלן זיך אָפּ איבערצופאָרן די גאַס, האַלטן

זיי זיך אָן ביי די אַקסלען און פאַרוואַנדלען זיך אַזוי־אַרום אין אַ לעבע־דיקער וואַנט. דאָ זיינען די וועלאָסיפּעדן דער וויכטיקסטער מיטל פון טראַנספּאָרטאַציע.

נאָך אַ זאַך, וואָס וואַרפט זיך שטאַרק אין די אויגן, איז די צאָל־רייכע מאָדע־געשעפטן. די אָרדענונג איז אומעטום אַ מוסטערהאַפטע, און דאָס אַלץ כמעט ווי אָן פּאָליציאַנטן אויף די גאַסן.

איך האָב געוואָלט האָבן אַ האָטעל אויף עטלעכע טעג. ניט זייענדיק באַקאַנט מיט דער שטאָט, האָב איך געזוכט אַ פּאָליציאַנט, ער זאָל מיר אָנווייזן וואו צו זוכן. אָבער קיין פּאָליציאַנט איז ניט געווען צו געפינען.

די דענער זיינען אַן אַרטיסטיש פאָלק. זיי האָבן פיינע קונסט־גאַלעריעס. מען קאָן דאָ געפינען סקולפּטורן פון ראָדען, פיינע בילדער פון גאָגען א. אַ.

אין קאָפּענהאַגען געפינען זיך אַ סך קאַנאַלן, פיש־מערק און קעניגלעכע פּאַלאַצן, אַלטע הייזער; פריינטלעכע מיידלעך אין גע־בלימלטע קליידלעך, און פעטע קינדער. יאָ, פעטע קינדער, געזונט פונעם מילך און פעטן קעז. עס זיינען ניט פאַראַן קיין בעטלער אין די גאַסן, ווי איך האָב דאָס געטראָפן אין פוילן. עס איז דעמאָלט ניט געווען קיין טרויער און קיין עלנט. קאָפּענהאַגען האָט דאַן געהאַט אַ מיליאָן איינוואוינער און זייער אַ קליינעם פּראָצענט אָרעמע־לייט. די דענער גלויבן שטאַרק אַנדערע מענטשן. קיינער קוקט ניט אויפן צווייטן מיט חשד.

איך קום אין שוועדן

בלויז אַ שפּאַן פון קאָפּענהאַגען נאָך מאַלמע און מען איז אין שוועדן. אַזוי שנעל ווי מען טרעט אַרויף אויף דעם שוועדישן באָדן, מוז מען אויסשפּילן אַ פראַגע־בויגן: ווער מען איז, וואו מען פאָרט,

וואו מ׳איז געבאָרן און וואָס מען וויל אין שוועדן — פראַגן און פראַגן אָן אַ שיעור.

אין שוועדן וואַרפן זיך שטאַרק אין די אויגן די געדיכטע וועלדער. מען זאָגט, אַז אַ העלפט פון שוועדן איז באַדעקט מיט געדיכטן וואַלד. דאָ און דאָרטן וואַרפט זיך דורך צווישן די געדיכטע גריגעביימער אַ רויט דאָרפיש הויז.

שטאָקהאָלם איז די הויפּט־שטאָט פון שוועדן. זי איז ניט קיין ראַשיקע שטאָט, דערפאַר איז זי אָבער זייער אַ ציכטיקע. לויט דעם אויסערלעכן אויסזען — אַ רייכע שטאָט. אין די סקווערן שטייען גאַנצע גרופּעס בראָנזענע סטאַטועס — זייערע קעניגן. וועלאָסיפּעדן זיינען אויך דאָ פאַראַן, אַזוי ווי אין דענמאַרק, אָן אַ שיעור. די פרויען זיינען דאָ געוויקסיקע, שיינע, אָבער ביי זיי וועט מען ניט געפינען קיין ראַסן־טעאָריע, ווי ביי די נאַציס. זיי זיינען מייסטנס הויך־געוויקסיקע, מיט בלאָנדע האָר, בלויע אויגן, מיט ברייטע שולטערן און שמאָלע היפּטן.

די שוועדן זיינען אַ שוויַיגנדיק פאָלק. אין אַלגעמיין איז אין שטאָקהאָלם שטילער ווי אין אַנדערע שטעט. דערהויפּט אין הויפּט־שטעט.

די שוועדן האָבן שטאַרק ליב געשניצטע זאַכן, אויסגעאַרבעט פון האָלץ. די פרויען גיבן זיך אָפּ מיט וועבן, דערביי ווייזן זיי אַרויס זייער אַ גוטן געשמאַק אין קאָמבינירן פאַרבן. דער מענטש דאָ, ווי עס ווייזט אויס, האָט ליב צו פאַרשענערן אַלצדינג, צו מאַכן וואונדערלעכע זאַכן פאַר דעם איגענעם געברויך און פאַר דעם פאַרגעניגן פון זיינע מיט־מענטשן.

שטאָקהאָלם האָט שיינע גאַסן מיט אַ סך קאָליר. די לאָדנס פון די פענצטער זיינען דאָ באַמאָלן מיט אָראַנזש, בלוי, רויט און ווייסע קאָלירן. די פרויען זעען דאָ אויס גאַנץ נאַטירלעך, זיי פאַרבן ניט די ליפּן און באַקן. זיי אינטערעסירן זיך ווייניק מיט פּאָליטיק. אַזוי ווי די דענער, זיינען אויך די שוועדן אַ פאָלק וואָס געטרויט. זייערע היימען זיינען אָן שלעסער, אַפילו די הינט אָן שלעסער אויף די מיילער; זייערע

טויערן אַן ריגלען. זייערע וועלאָסיפּעדן לאָזן זיי איבער אין די גאַסן. קיינער היט זיי ניט. קיינער גנבעט ניט.

דאָס מערקווירדיקסטע איז דאָרט דער גרויסער — אייגנטלעך, דער לאַנגער — באַרדליכט־טאָג, די ליכטיקע נעכט, ווען מען ווייסט ניט ווען צו גיין שלאָפן, ווען מען ווייסט ניט ווען עס האָט זיך געענדיקט דער היינט און ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער מאָרגן. איך האָב דאָס צום ערשטן מאָל געזען אין לענינגראַד. איך בין באַצויבערט געוואָרן פון דער שיינקייט. דאָ האָבן זיך איבערגעחזרט די זעלבע ווייסע נעכט.

איך וויל ניט זאָגן, אַז אין די עטלעכע וואָכן וואָס איך האָב געזען שוועדן האָב איך געקראָגן אַ גענוי בילד וועגן שוועדישן פאָלק. מען מוז אים שטודירן, כדי צו קענען זיינע זיטן, מנהגים און פירונגען. אָבער ווען איינער קומט אויף אַ ווייל, באַמערקט מען אַ סך קליינע זאַכן, ווי צום ביישפּיל: אָרדענונג, דיסציפּלין און אַז. וו.

אַט צום ביישפּיל „סמאָרגעסבאָרד" — אַ וועג ווי צו סערווירן דאָס עסן, וואָס איך האָב אין קיין אַנדער לאַנד ניט געזען. מען שטעלט אַוועק אין מיטן צימער אַ טיש מיט אַלערליי שפּייזן, ווי פיש, סאַלאַטן, גע־בראָטענע פליש, קעז, שינקע, ראַקעס, הערינג, פּוטער — אַזוי אַז ווען מ'גיט אַ קוק אויפן טיש, צעלויפן זיך די אויגן און מען ווייסט ניט וואָס פריער צו נעמען. דאָ זיינען שוין צוגעגרייט טעלער און ענדלעך באַשליסט מען וואָס עס געפעלט מער; מען לייגט אַרויף צו־ביסלעך פון יעדן מאכל אויפן טעלער. דאָס פירט מען זיך אַזוי אין רעסטאָראַנען און האָטעלן. איך האָב דאָס געזען אויך אין פּריוואַטע הייזער. מער ניט, אין אַ פּריוואַטער הויז ברענגט דער באַלעבאָס אַ בוך און וויל איר זאָלט אַריינשרייבן אייערע איינדרוקן וועגן שוועדן; אין רעסטאָראַן רעכנט מען פאַר דעם אַ צווי, דריי קראָנען.

צוריק אין אַמעריקע

צוריק אין אַמעריקע

באַלד נאָך מיין אָנקומען אין ניו־יאָרק האָב איך זיך גענומען צו־ביסלעך איינאָרדענען. איך האָב געדונגען אַ קליינעם אַפּאַרטמענט פון איין צימער מיט אַ קליינער קיך. איך האָב זיך איינגעקויפט באַלע־באַטישקייט און זיך גענומען פילן היימיש אין דער ריזן־שטאָט.

איך האָב צוריק אָנגעהויבן שרייבן פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט", באַניט מיין מיטגלידערשאַפט אין אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן. אין 1930, פאַר מיין אַוועקפאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, בין איך גע־וואָרן אַ מיטגליד, ווען דער אָרדן האָט זיך נאָר־וואָס געגרינדעט. איך בין איצט געוואָרן טעטיק אויך אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

דער אָרדן האָט מיר געגעבן אַן אויפטראָג אָנצושרייבן אַ בראָשור וועגן באַרימטע פרויען. איך האָב דאַן אויסגעקליבן פּרענסיס ראַיט, עמאַ לאַזאַרוס, העריעט ביטשער סטאָו און „מאַטהער" דזשאָונס אַלס טעמע פאַר דער בראָשור. אגב וויל איך דאָ דערמאָנען, אַז איך האָב אָנגעשריבן נאָך אַ בראָשור, „קינדער־אַרבעט אין אַמעריקע", ווען איך בין געווען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין רוסיש האָט זיך די בראָשור גערופן „אַמעריקאַנסקיע באַטראַטשאַטאַ"; אויך אַ בראָשור פון 95 זייטן אין רוסיש, וואָס האָט זיך גערופן „ראַבאָטניצאַ אַמעריקי" („די אַרבעטער־פרוי אין אַמעריקע"). דאָס איז געווען אַ ווילקאָמענער פאַרדינסט פאַר מיין ליטעראַרישער אַרבעט.

איך מיט מיינע צוויי קינדער האָבן געוואוינט אין איין צימער. איך מוז זאָגן, אַז צו־געראָם איז ניט געווען. מיר זיינען פאָרט געווען דריי דערוואַקסענע מענטשן, יעדער מיט זיין כאַראַקטער, מיט זיינע פאַר־

לאַנגען און באַדערפעניש. דאָך האָבן מיר זיך איינגעאָרדנט אַזוי גוט ווי מעגלעך אונטער די אומשטענדן.

אין יענע טעג האָב איך געקראָגן אַ בריוו פון דרום־אַפריקע, אַז מיין געליבטער ברודער שמואל, מיין נאָענטסטער פריינט, איז געשטאָרבן. דאָס אזי געווען אַ גרויסער קלאַפּ פאַר מיר. חדשים־לאַנג האָב איך ניט געקאָנט קומען צו זיך פון דעם אומגליק. מיר איז שטענדיק געשטאַנען פאַר די אויגן די לעצטע סצענע פון אונדזער צעשיידן זיך, ווען איך האָב פאַרלאָזן דרום־אַפריקע.

איך באַזוך קאַליפאָרניע

איך בין אָפּגעווען פיר יאָר אין ניו־יאָרק, איך בין צוריק אַריין אין דער אַרבעט, און דאָך האָב איך געפילט, אַז עס פעלט מיר נאָך, אַז איך האָב נאָך אַמעריקע ניט געזען. איך האָב באַשלאָסן זיך דורכפאָרן קיין קאַליפאָרניע.

איך בין אָנגעקומען קיין לאָס־אַנדזשעלעס שפּעט אין אָוונט. אַ באַקאַנטע, וועלכע האָט געזאָלט וואַרטן אויף מירביים אָנקומען, איז ניט געווען. איך האָב זיך אַ ווײַלע אַרומגעדרייט, באַקוקט דעם וואונדער־שיינעם וואָקזאַל, בין ממש אַנטציקט געוואָרן פון זיין שיינקייט. אָבער אַזוי ווי עס איז שוין געווען שפּעט, האָב איך אויסגענוצט דעם אַדרעס פון די חברים פרימאַק. איך האָב גענומען אַ טעקסי און בין אָוועקגעפאָרן אַהין. די חברים פרימאַק האָב איך ניט געקענט, און דאָך האָבן זיי מיך אַזוי גוט אויפגענומען, אַזוי וואַרעם באַגעגנט.

אויף מאָרגן האָבן זיך דערוואוסט די אַנדערע חברטעס, אַז איך בין דאָ. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ריי אינטערעסאַנטע טעג און וואָכן. איך בין געוואָרן טעטיק אין די לייען־קרייזן.

די לייען־קרייזן אין לאָס־אַנדזשעלעס זיינען ניט דאָס, וואָס אין

ניו־יאָרק. דאָרטן האָט מען פריער געלייענט די קלאַסיקער, מען האָט געלייגט אַ פונדאַמענט מיט די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור. די ערשטע זיינען ביי זיי געווען מענדעלע, שלום־עליכם און י. ל. פּרץ. נאָכדעם האָבן זיי אויפגענומען מאָדערנע שרייבער. זיי האָבן אויך ניט פאַרפעלט צו דיסקוסירן טאָג־פראַגן. אַרום און אַרום איז דאָרטן די אַרבעט געווען זייער געלונגען. מען האָט געלייענט געשמאַק, מען האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען.

עס איז ניט געווען אַ טאָג די חברים זאָלן מיך ניט נעמען ערגעץ־וואו, צו באַקענען מיך מיט דער שטאָט און מיט דער אומגעגנט. די שטאָט לאָס־אַנדזשעלעס האָט מיך איבערראַשט מיט איר שיינקייט. איר אַרכיטעקטור איז זייער פאַרשיידנאַרטיק, אַ געמיש פון אַלערליי סטילן, וואָס שפּיגלט אָפּ פאַרשיידענע פּעריאָדן. עס זיינען דאָ הייזער מיט קופּאָלן; פיל הייזער מיט גרויסע פענצטער פון קאָלירטן גלאָז; סטוקאָ־הייזער, אַפּאַרטמענט־הייזער און פיל הייזער אין שפּאַנישן סטיל. עס איז אויך פאַראַן אַ צאָל גאַנץ־הויכע הייזער, אַ צוויי־דריי הימלקראַצערס.

ווער עס קומט דאָס ערשטע מאָל אין לאָס־אַנדזשעלעס ווערט פאַר־כאַפּט פון די הויכע בערג, פון דעם ווייסן ברעג ביים בלויען ים און פון די פאַרשיידענע שפּאַנישע לידלעך, וואָס מען הערט אָזוי אָפט דאָרטן.

דאָ קאָן מען געפינען פאַרשיידענע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס. דאָ איז דער פּלאַץ פאַר פאַרשיידענע „איזמען״. דאָ האָבן זיך צונויפגעקליבן מענטשן פון פאַרשיידענע לענדער אין ווילדן שטורמישן געלאָף צו זוכן זייער גליק.

אין פריען פרילינג איז גאַנץ קאַליפאָרניע אַ גן־עדן פון בלומען און בינען. די זון איז וואונדערבאַר באַרואיקנדיק. אָבער צום סוף מאַי ווערן די פלאַנצן, די ערד און דער הימל ווי אויסגעבאַקן אין אַן אויוון. מייסטע פלאַנצן ווערן באַדעקט מיט שטויב און די ערד ווערט פול מיט שפּאַלטן. די זון באַקט. מען קוקט אַרויס אויף אַ טראָפּן רעגן. די שניי־

באדעקטע בערג שיינען פון דער ווייט מיט זייער ווייסקייט, קיין שפורן פון שניי זיינען אבער ניטא אין די טאלן.

עס איז ניט פאראן אין אמעריקע קיין רייכערע געגנט ווי דרום־קאליפארניע. זי נערט די אמעריקאנער אויטאמאבילן מיט אויל. זי שפייזט אונדז מיט מאראנצן און באזארגט אונדז מיט פילמס. מענטשן האבן ליב צו לעבן אין קאליפארניע. עס רעגנט זעלטן — דערפאר אבער ווען עס הויבט אן רעגענען, איז דער רעגן זייער שטארק. די פרוכט־גערטנער זיינען זייער שטארק אפהענגיק פון רעגן. מאנכעסמאל גייען פארביי מאנאטן און מען זעט ניט קיין טראפן. קאליפארניע איז גרויס און האט פלאץ פאר נאך מיליאנען מענטשן.

האליוואוד

דער צענטער פון דער פילם־אינדוסטריע איז האליוואוד. עס פירט גרויסע געשעפטן אויף איבער א ביליאן דאלער א יאר. האליוואוד ווערט באטראכט ווי א באזונדער שטאט, מיט א באפעלקערונג פון איבער 170 טויזנט איינוואוינער. אפיציעל איז דאס אבער א טייל פון לאס־אנדזשעלעס. האליוואוד געפינט זיך 12 מייל פון פאסיפישן אקעאן.

א סך הייזער זיינען דא געמאכט פון ברעטער. דער קלימאט איז דא מילד און פאדערט ניט קיין הייזער מיט שווערע געמויערטע פונדא־מענטן. דערפאר האט יעדעס הויז א לאן, א בלומענגארטן מיט ביימלעך. די הייזער זיינען מערסטנס איין־שטאקיקע.

פריער, ווען מען פלעגט קומען אין לאס־אנדזשעלעס, האט מען דעם זעלבן טאג געקאנט געפינען א וואוינונג. דאס איז געווען פאר דער מלחמה. מען האט געקאנט קריגן א מעבלירטן אפארטמענט מיט אלע באקוועמלעכקייטן און איינריכטונגען, אפילו מיט געפעס און טעפ צום קאכן. דירה־געלט איז דארטן, אין פארגלייך מיט ניו־יארק, געווען גאר ניט טייער. אין אלגעמיין האט מען דארטן געלעבט פיל באקוועמער און

ביליקער ווי אין דער „איסט". אַרבעט איז דאָרטן אויך געווען לייכטער צו קריגן.

האָליוואוד ציט־צו מער נאַציאָנאַליטעטן, ווי וועלכע ניט איז אַנדערע שטאָט אין דער וועלט. דאָ קאָן מען טרעפן געוויזענע נאָבל־לייט פון פאַרשיידענע לענדער, אַרטיסטיש־געניגטע פון יעדן ווינקל פון דער ערד, וואָס שטרעבן צו אַ פילם־קאַריערע. אָבער עס וואוינען דאָרטן ניט נאָר קינסטלער, נאָר אויך דורכשניטלעכע אַמעריקאַנער, אַ היפּשע צאָל יידן, ווייל זיי געפעלט דער קלימאַט. עס קומען אַהער פון איבערן גאַנצן לאַנד מאַמעס מיט פרי־אַנטוויקלטע קינדער — אַלע מיט דער האָפענונג זיך דורכצוברעכן אַ וועג אין דער פילם־וועלט. טאַנץ־סטודיאָס קאָן מען דאָ געפינען אין די צענדליקער. כמעט 75 פּראָ־צענט פון דער באַפעלקערונג איז פאַרבונדן מיט דער פילם־אינדוסטריע אויף דעם אָדער יענעם אופן.

איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט דער אָנפאַנג־שול אין קאַליפאָרניע, זען ווי עס אַרבעט די שול אין דער „וועסט", אין פאַרגלייך מיט דער „איסט". די מאָדערנע שול־סיסטעם פאָדערט ניט נאָר גוט־געשולטע לערער, נאָר אויך אַ מאָדערנע לערן־פּראָגראַם. אין אַלגעמיין אונטערשיידט זיך דאָס לערנען אין די העכערע קלאַסן ווייניק. זיי האָבן דאָרטן אָבער איין זאַך, וואָס איז כמעט ניטאָ אין די „פּאַבליק־סקולס" אין דער „איסט", סיידן אין די פּריוואַטע שולן, און דאָס איז די „טעטיקייטס־פּראָגראַם" אין די נידעריקע שטופן פון דער „פּאַבליק־סקול"־סיסטעם.

די, וואָס האָבן פּלאַנירט די טעטיקייטס־פּראָגראַמען פאַר קליינע קינדער, גלויבן, אַז דער פאָרשונגס־גייסט ביי קינדער ווערט צעדריקט אין אַלטמאָדישן קלאַס־צימער מיט די בענק צוגעשמידט צום דיל, אַלע אין איין ריי, און די ווענט באַדעקט מיט שוואַרצע טאָוולען.

דער שטאָט קאַליפאָרניע האָט גענומען זוכן אַרכיטעקטן, וואָס זאָלן האָבן אַ מאָדערנעם קוק אויף דערציאונג, און זיי האָבן געפונען. די

אַרכיטעקטן זיינען באַגייסטערט געוואָרן פון פּלאַן, וואָס די מאָדערנע פּעדאַגאָגיק האָט פאַר זיי געבראַכט אין בויען שולן פאַר אָנפאַנגער. די דערציער און אַרכיטעקטן האָבן אָרגאַניזירט יעדעס שול־צימער באַזונדער, וועלכע האָבן אויך דרויסנדיקע וועראַנדעס פאַר קלאַס־אַרבעט אין אַ ניט־גוטן וועטער. די אַלטע בענקלעך האָט מען אַרויסגעוואָרפן, אַנשטאָט דעם האָט מען אַריינגעשטעלט קליינע באַוועגלעכע שטולכלעך און טישלעך, וואָס די קינדער אַליין קאָנען אַריבערטראָגן פון איין אָרט אויף דעם צווייטן. אַנשטאָט שוואַרצע טאָוולען, האָט מען אויפגעהאַנגען קאָלירטע. דערצו האָט מען די ווענט באַפּוצט מיט בילדער, אויף די טישן אויפגעשטעלט בלומען, אויף די פענצטער — פאָרהאַנגען. דאָס אַלץ גיט־צו שיינקייט צום צימער און מאַכט עס אויסזען ווי אַ מאָדערנע היים.

אין קלאַס באַמערקט מען כמעט ניט קיין לערערין. זי זיצט ערגעץ אין אַ ווינקל. אמת, זי האַלט די גאַנצע צייט אַן אויג אויפן קלאַס, נאָר די קינדער פילן דאָס ניט. זיי האַלטן זיך אַזוי אומגעצוואונגען, ווי ביי זיך אין דער היים. דאָס איז היינט־צו־טאָג דער מאָדערנער וועג פון דערציאונג. עס איז ענלעך צום מעטאָד פון לערנען דורך טאָן.

איך געזעגן זיך מיט לאָס־אַנדזשעלעס

איך בין אָפּגעווען אַרום 10 וואָכן אין לאָס־אַנדזשעלעס. פאַר דער צייט בין איך דאָרטן געווען טעטיק אין די לייען־קרייזן. איך פלעג רעדן פאַר די פרויען איבער ליטעראַטור, האָב דורכגעפירט צום סוף אַ לעבעדיקע צייטונג, וואו אַלע 10 לייען־קרייזן האָבן אָנטיילגענומען. עס פלעגט ניט זיין קיין אָוונט, איך זאָל עפּעס ניט טאָן אין די לייען־קרייזן. שפּעטער פלעג איך קומען צו די קרייזן אויך בייטאָג, ווייל אייניקע קרייזן האָבן געלייענט בייטאָג; דאָס זיינען געווען מייסטנס הויז־פרויען. איך האָב צווישן די פרויען געטראָפן גאָר־אינטערעסאַנטע טיפּן.

פרויען, וואָס האָבן צוערשט געהאַט גאָר ווייניק געלייענט, נאָר אַדאַנק די לייען־קרייזן האָבן זיי זיך גאָר פיין אַנטוויקלט און געוואָרן פירנדיקע פּערזענלעכקייטן ניט נאָר אין זייער געגנט, נאָר אַפילו אין שטאָט. דאָס האָט מען צו פאַרדאַנקען די לייען־קרייזן.

איך האָב געטראָפן פירנדיקע פרויען אין די לייען־קרייזן ניט נאָר אין לאָס־אַנדזשעלעס, נאָר אויך אין שיקאַגע. די פרוי פון לייען־קרייז איז גאָר אַן אַנדער טיפּ פרוי — אַ מענטש, וואָס האָט אַליין געאַרבעט אויף זיך, זיך צו אַנטוויקלען. עס איז אַ פרייד צו רעדן מיט איר. זי איז פילנדיקער, טאָלעראַנטער, פאַרשטענדיקער, פּשוט, מיט אַ פיינעם פרייען קוק אויף דער וועלט.

די גאַסטפריינטלעכקייט פון קאַליפאָרניער פרויען איז גאָר אויסער־געוויינלעך. זיי זוכן אַ געלעגנהייט איך צו פאַרשאַפן פרייד און מאַכן פילן גוט.

אין אונדזער ברייט־אָרגאַניזירטן שטאַטישן לעבן טראַכטן מיר אָפט וועגן מענטשן מער און מער ווי פון אַבסטראַקציעס, ווי מיטלויפער, ווי קונדן, פּאַסזאַשירן, און ניט ווי אמתע מענטשן. איך בין דאָ ניט לאַנג צוריק געווען באַווירקט פון דעם פאַקט, אַז ניט געקוקט אויף די גרויסע דערגרייכונגען אויף אַלע געביטן, פירן מענטשן אין דער גרויסער מאָסע אַ גייסטיק־אָרעם, וויט ניט גליקלעך לעבן. אין קאַלי־פאָרניע האָב איך זיך געפילט באמת צופרידן. יעדער טאָג איז געווען אַ גרויסער יום־טוב פאַר מיר. די מענטשן זיינען מיר געוואָרן נאָענט און טייער.

איך באַזוך סאַן־פראַנציסקאָ

צוליב פאַמיליע־אַנגעלעגנהייטן האָב איך לענגער ניט געקאָנט פאַרבלייבן אין לאָס־אַנדזשעלעס. איך האָב באַשלאָסן זיך אומצוקערן קיין ניו־יאָרק, אָבער איך האָב אויך געוואָלט זען סאַן־פראַנציסקאָ.

די שטאָט איז זייער גרויס און צעוואָרפן. אַמאָל איז דאָס געווען אַ באַקעט, זאַמדיק שטיק לאַנד, מיט שטיינערנע בערג, באַדעקט מיט קליינע ביימלעך און דורכגעוואָרפן דאָ און דאָרטן מיט זומפּן. שפּעטער האָט מען די קלענערע בערגלעך אויסגעגלייכט, די טאָלן און זומפּן פאַרשאָטן און אָנגעפילט; איבערגעבליבן זיינען נאָר די גרויסע בערג. עס זיינען פאַרבליבן געגנט בערג אין סאַן־פראַנציסקאָ, די שטאָט זאָל מאַכן דעם איינדרוק פון אַ באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ.

דער אונטערשטער טייל פון שטאָט האָט פיל גרויסע געשעפטן, בוכהאַנדלונגען, טעאַטערס, האָטעלן, און ספּעציעלע געשעפטן פון אָריענטאַלישע זאַכן, וואָס ליגן מייסטנס אין די העגנט פון יאַפּאַנעזער און כינעזער.

מערקווירדיק זיינען די פיל בלומען־שטעלן, וואָס געפינען זיך ביי די טראָטואַרן. דאָ קאָן דער פאַרבייגייער קויפן פאַר אַ קלייניקייט די שענסטע בלומען: רויזן, כריזאַנטעמען, נעלקן. יעדער חודש פון יאָר האָט זיך זיינע בלומען, אַזוי אַז אַ קיילעכדיק יאָר קאָן מען אין סאַן־פראַנציסקאָ קריגן לעבעדיקע בלומען אויף די גאַסן.

די גאַנצע שפּע פון דער שטאָט איז פאַרבונדן מיט ים־געשעפטן. שיפן, וואָס קומען פון אָריענט און די דרום־אינדזלען („סאָוט־סי איילענדס"), ברענגען שמעקעדיקע פּראַכט פון אַלערליי געווירצן און פּרוכטן: קאָקאָ־ניס, פּיינעפּל, באַנאַנעס א. אַז. וו. די פּראַכט־שיפן פון דער „איסט" שטייען אויך ניט אָפּ אין זייער אַקטיוויטעט פון זייערע אָריענטאַלישע חברים. זיי לאָדן־אויס שטאָל, אייזן, אויל און מאַשינען, וואָס ווערט אויסגעגראָבן און פאַבריצירט אין אַמעריקע.

מען קאָן דאָ זען אַלערליי אויסלענדישע מאַטראָסן. דער צופלוס פון אָריענטאַלישע מענטשן האָט געמאַכט סאַן־פראַנציסקאָ פאַר אַ שטאָט פון פיל ראַסן און שפּראַכן. סאַן־פראַנציסקאָ שמ'ט מיט אירע שיינע פרויען, אויך מיט אירע גוטע מאכלים; אירע עסנס און געטראַנקען

זיינען וועלט־באַרימט. דאָס איז אין אַלגעמיין אַ גוטע שטאָט פֿאַר אַ נייעם מענטשן.

סאַן־פֿראַנציסקאָ האָט אַ גוט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג. די אָרגאַניזאַציע פֿון די האָפֿן־אַרבעטער איז גוט באַוואוסט איבער גאַנץ אַמעריקע. אַלץ איז דאָרט אָרגאַניזירט. די איירישע „טימסטערס״ טראָגן אַ יוניאָן־קנעפּל; טעקסי־טרייבער, קאַר־קאָנדוקטאָרן, מאָטאָר־לייט, צייטונגס־פֿאַרקויפֿער און שיך־פּוצער — אַלץ האָט אַ שייכות מיט דער יוניאָן. כמעט יעדער רעסטאָראַן און באַרבער־שאָפּ איז דאָ אָר־גאַניזירט. דאָ איז שטאַרק אי די „אַמעריקאַן פֿעדערײשאַן אָוו לייבאָר״, אי דער „סי. איי. אָ.״. דאָ זיינען פֿאַראַן אַרבעטער פֿון פֿיל ריכטונגען, ווי סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן, אַנאַרכיסטן, און אַ סך „אינדאָסטריעל וואָרקערס אָוו דהי וואָרלד״.

אין סאַן־פֿראַנציסקאָ איז שוין לאַנג געווען אַן אַרבעטער־באַוועגונג, ווען לאָס־אַנדזשעלעס האָט נאָך קיין יוניאָנס אין שטאָט ניט געהאַט. דאָרט איז די אַרבעט פֿון אָרגאַניזירן פֿאָרגעקומען פֿיל לאַנגזאַמער. איצט אָבער האָט לאָס־אַנדזשעלעס איבער הונדערט טויזנט אָרגאַניזירטע אַרבעטער.

אַ סך אַרבעטער אין קאַליפֿאָרניע זיינען נאָמאַדישע („מיגראַטאָרי וואָרקערס״). פֿיל זיינען אַנטלאָפֿן פֿון דער „דאַסט־באָול״־געגנט (אַ טרוקענע, שטויביקע געגנט), ווי אָקלאַהאָמאַ, אַרקענסאָ און אַנדערע שטאָטן (לייענט וועגן די „אָקיס״ אין דזשאָן סטיינבעקס בוך „גרעיפּס אָוו ראַט״). פֿאַראַן אויך מעקסיקאַנישע אַרבעטער, וועלכע זיינען דאָ באַשעפֿטיקט אַלס גערטנער אין די ציטרוס־פּרוכט־פּלאַנטאַציעס. אויך פֿיליפּינער זיינען דאָ אַ סך; זיי אַרבעטן אויף צוקער־ריבן־פֿעלדער. אויך יאַפּאַנעזער און כינעזער פֿאַרנעמען דאָ אַ וויכטיקן פּלאַץ.

די פֿריינטלעכע באַציאונגען פֿון דער „אַמעריקען פֿעדערײשאַן אָוו לייבאָר״ און דעם „סי איי. אָ.״ אין קאַליפֿאָרניע האָבן געפֿירט דערצו,

אז די כינעזישע, יאפּאנעזישע און פּיליפּינישע אַרבעטער האָבן דאָ פאַר דער מלחמה געאַרבעט צוזאַמען, אָן שום רייבונגען.

פאַר דער לעצטער צייט האָט מען אין קאַליפאָרניע איינגעפירט אַ ריי פּראָגרעסיווע סאָציאַלע געזעצן, ווי די 48־שטונדיקע אַרבעטס־וואָך, עלטער־פּענסיע, אומגליקספאַל־פאַרזיכערונג א. אַז. וו.

דאָס אַלץ צו דערגרייכן האָט געהאָלפן די פּרעסע, דערהויפּט „די פּיפּלס וואָרלד“, די יינגסטע קאַליפאָרניער ענגלישע צייטונג. דאָס איז איינע פון די 144 צייטונגען, וועלכע דערשיינען אין קאַליפאָרניע. עס זיינען אויך דאָ צייטונגען אין אַנדערע שפּראַכן. „די פּיפּלס וואָרלד“ איז די ערשטע לינק־געשטימטע צייטונג אין קאַליפאָרניע, וועמענס איינפלוס עס הערט ניט אויף צו וואַקסן. די צייטונג האָט זיך איר טעגלעכע ראַדיאָ־שטונדע, צו וועלכער עס הערן זיך צו ניט נאָר לינק־געשטימטע אַרבעטער, נאָר אויך אַנדערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. די דאָזיקע ראַדיאָ־שטונדע איז געוואָרן אַ באַדייטנדיקער פאַקטאָר אין אַרבעטער־לעבן. מען וואַרט יעדן אָוונט מיט אומגעדולד צו הערן די שטים פון דעם „פּיפּלס וואָרלד“־קאָמענטאַטאָר. די צייטונג ווערט רעספּעקטירט אַפילו פון געגנער. די צייטונג האָט אַלס איר מאָטאָ: זיכערקייט (סעקיוריטי), דעמאָקראַטיע און פרידן.

איך זע דעם באָלדער־דאַם

אויף מיין רייזע צוריק קיין ניו־יאָרק האָב איך געזען דעם באָלדער־דאַם (דאַמבע). כדי דאָס צו זען, זיינען מיר געפאָרן מיטן אויטאָמאָביל דורך שמאָלע וועגעלעך איבער דער הויכער נעוואַדאַ. יעדער איינער, וואָס דענקט, אַז אין דער וועלט זיינען פאַראַן צופיל מענטשן, זאָל דורכפאָרן דעם שטאַט נעוואַדאַ. אַפאָרנדיק מיילן זעט מען אַמאָל אַ פאַרוואָרפענע גאַזאָלין־סטאַנציע. אויפן וועג פאָרט מען פאַרביי די שטאָט

רינאָ, וואו די רייכע פרויען פאָרן זיך גטן מיט זייערע מענער. די שטאָט לאָס וועגאַס איז אַזוי פאַרטאָן אין אַזאַרט־שפּיל (געמבלינג), אַז זיי פאַר־געסן ווען עס ענדיקט זיך דער טאָג און ווען עס פאַנגט זיך אָן די נאַכט. אָט די שטעט זיינען קליינע אָאַזיסן אין נעוואַדאַס מיילן־וויטן מדבר. טרעפן גלאַט אַזוי מענטשן אין נעוואַדאַ איז אַ גרויסע זעלטנהייט.

נעוואַדאַ איז נאַקעט און פאַרלאָזן. עס זעט אויס נאָך איינזאַמער צוליב די רעשטלעך פון אַמאָליקער גרויסקייט. אין מאַנכע פון די פאַר־לאָזענע מינען־שטעטלעך, וואו מען האָט אַמאָל געמאַכט פאַרמעגנס איבער נאַכט פון די איצט־פאַרלאָזענע גאָלד־מינען, זעט מען זעלטן אַ לעבעדיקן נפש.

דערפאַר איז דער באָלדער־דאַם אַ פאַרכאַפּנדיקע פּאַנאָראַמע. פאַר דעם אַליין איז ווערט צו פאָרן וואָכן דאָס צו זען. עס זעט אויס ווי דער אָנהויב פון אַ נייער וועלט. דאָ אין דער מערב־אַמעריקאַנער ווילדער־ניש פילט מען, אַז דער מענטש האָט עפּעס אויפגעטאָן פאַר דער צו־קונפט, און דאָס וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאַרכאַפּט דעם אָטעם. דער באָלדער־דאַם איז די נשמה פון אַמעריקע אין דער צוקונפט, אונטער סאָציאַליזם; ער דריקט אויס דעם גייסט פון אַ קאָלעקטיווער מענטשהייט. דאָס קריצט זיך איין אין זכרון.

דורכן באָלדער־דאַם פיל איך, אַז איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דער צוקונפט, וועלכע איז קלערער און בוילעטער, ווי איך האָב זיך ווען עס איז געקאָנט פאָרשטעלן אין מיין געדאַנק.

נאָכוואָרט

עס איז מיר געווען לייכט צו שרייבן וועגן מיינע קינדער־יאָרן. עס איז מיר געווען ניט שווער צו שרייבן וועגן מיין יוגנט. אָבער גאָר ניט לייכט איז מיר צו שרייבן וועגן דער געגנוואַרט. אַזוי פיל איבער־לעבונגען זיינען נאָך אַזוי פריש, אַזוי ווייטיקדיק, אַז עס מוז נעמען צייט ביז איך וועל קאָנען אָביעקטיוו זיי באַהאַנדלען.

ווען עס וואָלט געשען אַ נס און איך וואָלט געקאָנט ווידער איבער־לעבן מיין קינדהייט און מיינע יונגע יאָרן — איצט, ווען איך בין שוין אין דעם עלטער, ווען ניט פיל יאָרן זיינען נאָך איבערגעבליבן צו לעבן — צי וואָלט איך געוואָלט מיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן ווידער איבערלעבן? ניין! פאַר קיין פאַל ניט! איך וואָלט זיי ניט געוואָלט איבערלעבן.

אַלץ איז מיר אָנגעקומען אַזוי שווער, מיט אַזויפיל מאַטערניש. הגם איך האָב איך זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט אויף מיין שיקזאַל (דאָליע). עס איז ניט געווען קיין לייכט לעבן. מער פון אַלץ האָב איך געוואָלט לערנען. איך האָב געהאַט אַ דורשט נאָך וויסן, וועלכעס איז שווער געווען צו שטילן. אָבער לעבנדיק אין דעם קליינעם שטעטל, ווייט פון שולן, לערער און ביכער, איז אַלץ אָנגעקומען מיט אַזויפיל שוועריקייטן עפּעס צו דערגרייכן.

איך האָב געוואָלט שרייבן. אויך דאָס איז מיר אָנגעקומען ניט לייכט. איך דערמאָן זיך פּיטסבורג אין 1918. איך בין דאַן געווען אַ סטודענטקע אין פּיטסבורגער אוניווערסיטעט, האָט מען דעמאָלט פאַר־שפּרייט אַ קלאַנג, אַז לענין איז אַ דייטשער שפּיאָן. מיך האָט דאָס אויפ־געבראַכט. איך האָב דאָס ניט געקאָנט פאַרשווייגן און בין אַרויס־

געטראָטן מיט אַן ענגלישן אַרטיקל אין פּיטסבורגער „דיספּעטש“ צו פּאַרטיידיקן לענינען, אַנווייזנדיק די פאַלשקייט פון אַזאַ באַהויפּטונג, די מיאוסע פּאַרלוימדונג קעגן אַזאַ קעמפער, אַזאַ גייסטיקן ריז. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב געזען מיין נאָמען געדרוקט. מיך האָט שטאַרק געפריייט, וואָס מיר האָט זיך איינגעגעבן צו פּאַר־טיידיקן לענינען קעגן די אָנפאַלן.

פאַר די לעצטע 30 יאָר וואָס איך שרייב יידיש, האָב איך שוין אַ היפּשע צאָל אַרטיקלען אָנגעשריבן. פאַר מיר איז שרייבן געוואָרן אַן אַלטעגלעכע, אַ געוויינלעכע זאַך, און איך פריי מיך דערמיט ווייניקער, ווי ווען איך האָב דערזען מיין ערשטן אַרטיקל אין דרוק.

די לעצטע יאָרן האָב איך געוואָלט זען אַביסל די וועלט. מיט מיינע באַשיידענע מיטלען איז דאָס ניט געווען אַזוי לייכט, אָבער דאָך האָט זיך מיר דאָס איינגעגעבן. וואו איך בין געקומען, האָבן מיך מענטשן גוט אויפגענומען — מענטשן, וואָס האָבן מיך געזען דאָס ערשטע מאָל. זיי האָבן געוויס דערפילט אין מיר זייער פריינט.

איך האָב קיינמאָל ניט געשטרעבט צו רייכקייט, צו פאַרנעמען גרויסע פּאָזיציעס אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס איז קיינמאָל מיין אַמביציע ניט געווען. וואָס איך האָב געוואָלט, איז ברענגען נוצן די, וואָס ווייסן ווייניקער פון מיר. צו דעם האָב איך אַלע מיינע יאָרן געשטרעבט. איך בין געווען אַ לערערין, ווען איך בין נאָך גאָר יונג געווען, און דער שטריך איז אין מיר פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן.

איך בין נאָך געזונט און האָב אַ גרויסע לוסט צום לעבן. איך וואָלט נאָך וועלן זען דאָס פינצטערע, בעסטיאַלישע אָפּגעווישט פון פּנים פון דער ערד, און דאָס גוטע און שיינע זאָל נעמען די אויבער־האַנט. איך בין גרייט צו טאָן אַלץ וואָס איז אין מיינע כוחות צו העלפן באַזיגן דעם גרעסטן שונא פון דער מענטשהייט — דעם פאַשיזם און נאַציזם, פון וועלכע עס זיינען נאָך איבערגעבליבן היפּשע רעשטלעך אַפילו איצט, נאָך דער מלחמה.

מיין לעבנס־וועג

איך געהער צו פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע שטעלן זיך די אויפֿגאַבע צו בויען אַ שענערע וועלט, בויען דעם היינט און דעם ליכטיקן מאָרגן.

איך בענק ניט נאָך דער פֿאַרגאַנגענהייט. די בעסטע זאַך וועגן דער פֿאַרגאַנגענהייט איז, אַז זי איז פֿאַריבער און געענדיקט. די צוקונפֿט איז פֿיל מער צוזאָגנדיק, ווי די שטורמישע פֿאַרגאַנגענהייט.

איך בין אַן אָפּטימיסט. ווען איך קוק צוריק און זע דעם פּראָגרעס, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פֿאַר די לעצטע 30־40 יאָר, האָב איך קיין מורא ניט פֿאַר דער צוקונפֿט. עס איז אָנגעקומען דער „יאָרהונדערט פֿון פּשוטן מענטשן". די דעמאָקראַטישע פֿעלקער פֿון דער וועלט האָבן זיך פֿאַרנומען דאָס דורכצופֿירן. לאָמיר האָפֿן, אַז דאָס וועט דורכ־געפֿירט ווערן אויף אַן אָרגאַניזירטן, פֿרידלעכן אופֿן, אָן אַטאָם־באָמבעס און אַנדערע טויטלעכע מכשירים, אַזוי ווי מען האָט זיך געשטעלט אַלס ציל אין טעהעראַן, יאַלטע, פּאָסטדאַם און מאָסקווע.

די צוקונפֿט וועט זיכער זיין בעסער פֿון דער קעגנוואַרט. איך וואָלט געוואָלט דערלעבן אָט די צוקונפֿט.